STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11127

KNAAN UN MITSROYIM

Hirsch Melamed

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש מלמד

כנען און מצרים

ראמאן

פארלאג „יונגבוך", ריגע.

שער=בלאט געצייכנט ב. דאנענהירש

Printed in Latvia.

Sp. „Star“ Rīgā, Jumaras ielā 15.

Samuel Za

צווייטער טייל

יוסף — דער רעטער פון מצרים

ביי פֿרעהן אין טעמפּל

פֿון ביידע זייטן וועג צו פֿרעהס טעמפּל זיינען געשטאַנען צוויי רייען מיט ספֿינקסן. באַראַנען מיט אַ מענטשישן שמייכל אַף די צורות, אַף קערפּערס פֿון לייבן, האָבן זיך גאוהדיק אויסגעשפּרייט מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אַף לאַנגע, הויכע שטיינערנע פּליטעס.

דער גרויסער לאַנגער הויף פֿון פֿרעהס טעמפּל איז געווען באַזוימט מיט פֿייגן־ביימער. איבערן הויף האָבן זיך געהויבן צום הימל מאַוימדיק־הויכע און דאָך גלייכמעסיקע זיילן. נידעריקער, אין די זיילן, האָבן זיך געזען קופּאָלן, אויסגעשפּיצטע קאָנוסן, פּיראַמידאַלע מויערן, וויי זיינען געווען באַצירט מיט פֿיגורן, ווי בלומען פֿון פּאַפּירוסן. ביים אַריינגאַנג אין טעמפּל איז געשטאַנען אַ הויכער, פֿאַרשפּיצטער אָבעליסק, אויסגעהאַקט פֿון איין ריזיקן פֿעלזנשטיין. דער שפּיץ פֿון אָבעליסק איז געווען באַדעקט מיט אַ מישונג־מעטאַל פֿון גאָלד און זילבער, כּדי ער זאָל זיך זען ווייט אַף ביידע זייטן פֿון טייך. אינדערפֿרי, ווען די זון פֿלעגט דערשיינען פֿון הימל־באַדעק, האָבן די שטראַלן פֿון אָבעליסק זיך פֿונאַנדערגעגאָסן אין ביידע מצרישע לענדער.

אַ נידעריקער טרעפּ און אַ פּאָר צענדליק פֿאָדערשטע צימערן האָבן געפֿירט צום גרויסן זאַל „מענכע־פֿרעה". ער האָט פֿאַרנומען הונדערט פּערציק פֿוס די לענג, זיין דיל איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט פּערלמוטערנע ראַמבן. באַנאַכט, ווען די שטורקאַצן האָבן געברענט, און זייערע שטראַלן זיינען געפֿאַלן אַף די דילן, האָבן זיי אויסגעזען ווי שטראָמען בלוט. די דילן פֿון די אַנדערע זאַלן זיינען געווען באַדעקט מיט בלאַנקענד־פֿאַרביקע טייערע שטיינדעלעך, אויסגעזעצט ווי גראָז, ביימער, חיות, אַזוי, אַז עס האָט אויסגעקוקט ווי אמת לעבעדיקע זאַכן, און אַ נייער מענטש

האָט די פּיס געשטעלט ניט זיכער, ער האָט מורא געהאַט אַף עפּעס אַרופצוטרעטן.

די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט אויסגעשניטענע אַף שוואַרצן האָלץ און אויסגעהאַקטע אין שטיין פיגורן. דאָס זיינען געווען פאַרהייליקטע שטוב־חיות, שלאַנגען, עקדעשן, דער גאָט סאָ־באָק אין געשטאַלט פון קראָקאָדיל, דער גאָט פון מעמפּיס פּתאח, וואָס איז געווען קליין פון געוויקס. עס איז אויך געווען אויסגע־האַקט אַף דער וואַנט א גאַנצע לוויה פון פרעהס עלטערן, מיט זייערע פּילצאָליקע נעמען. יעדער פּרעה האָט געטראָגן עטלעכע צענדליק טיטולן־שבחים און פינף הויפּטנעמען. דאָ איז אויך געווען א רשימה פון די שטעט אין דזשאַכי, וועלכע פּרעה האָט באַזיגט. ערטערוויז זיינען געווען סמנים פון אויסגעמעקטע אויפשריפטן און פיגורן. דאָס האָט טוטמעס געהייסן אויסמעקן די דענקמעלער פון זיין פרוי האַטשעפּסוט, דער פריערדיקער הערשערין פון מצרים.

אויך די סופיטן זיינען געווען באַמאָלט. זיילן, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט איינער לעבן אַנדערן, האָבן אונטערגעשפּאַרט די סופיטן. די זיילן האָבן אויסגעזען ווי די הימלישע סאַטורן־פּעריאָדן, זיי האָבן אָנגעוויזן יאָרן, אין וועלכע עס זיינען געווען איינגעשלאָסן חדשים, אין די חדשים — טעג. נאָר די געלערנטע כּוהנים האָבן געוווּסט דעם סוד, וואָס די קרייזן מיט די זיילן באַטייטן.

אין גרויסן, הייליקן זאַל פון טעמפּל האָט שטענדיק געברענט א מנורה, אַרומגעצירט מיט בלומען. די גאַנצע מנורה, איר שטאַם, די בעכערלעך, די בלומען, די צוויינגעלעך און די אַש־פּענדעלעך, זיינען געווען אויסגעהאַמערט פון ריינעם גאָלד. פון די זייטן פון דער מנורה זיינען אַרויס זעקס רערן, דריי רערן פון איין זייט און דריי פון דער צווייטער זייט. יעדע רער האָט געהאַט א קנייט פון דינען ליינשטאָק און דריי מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך. די מנורה איז געשטאַנען אַף שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו א מזבח. איבערן מזבח האָט זיך געהויבן די סטאַטוע פון דער געטין איסעט. זי איז געווען געמאַכט פון העלפאַנט־ביין און איר קערפּער האָט אויס־געזען ווייס און יונג. מיט אירע גרויסע אַראָפּגעלאָזענע פליגלען

איז זי געווען געוואונדעט צו איר מאַן, צום גאָט אָסירים און איּם געזוכט צו באַשיצן, אַריינגעמען מיט אירע פליגלען.

בײַ דער זײַט פון מזבח איז געשטאַנען א לעבעדיקער כאָר פון יונגע, שיינע זינגערינס און טענצערינס. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין דורכזיכטיקע קליידער, מיט הערנער פון א קו אויפן קאָפּ. לעבן זיי זיינען געשטאַנען די שפילערס. עס האָבן געשפילט די אויסגעשניטענע האַרפעס, די אַכטסטרונעקע שמינית, די נובלים האָבן געפייפט, צווישן די הילכיקע תקיעות און די שופרות האָבן געקלונגען די צלצלים.

דעם דריטן תמוז שוין פון פרימאָרגן, האָט אין פאַלאַץ „מענכעפּרעה" זיך געטראָגן א גרויסער אומרו. אַלע ווײַלע לויפן שלוחים און ברענגען צו פירן נייע כּוהנים און מכשפים. דער כּוהן־גדול אמון־רא־האָטעפּ האָט געריכערט די בעסטע בשמים פאַר די געטער, כּדי צו געפינען א באַשייד פאַר פרעהס חלום און א רו פאַר זיין געמיט. די כּוהנים און זקנים, וואָס מען האָט געבראַכט אויף זייערע טראָגבעטלעך אין פּאַלאַץ, האָבן בײַ די זײַלן אַוועקגעשטעלט זייערע שטעקנס, וואָרום מיט טויט־שטראָף ווערט באַשטראָפט דער, וואָס ברענגט אַריין כּלי־זיין צו פרעהן. בײַ אייניקע פון די זקנים זיינען די בערד געווען אַריינגעשטעקט אין שיידלעך פון געלע לעדער, צוגעבונדן מיט די שנירלעך בײַ די אויערן. די כּוהנים פון דער געטין תּור האָבן געהאַלטן אין די הענט קערבלעך מיט ברויטלעך. אָן א זײַט זיינען געשטאַנען די ידעונים, וואָס האָבן געוווסט פריער, וואָס שפּעטער וועט זיין, און געקאָנט טרעפן די צוקונפט.

אין גאַנצן פּאַלאַץ האָט זיך די באַוועגונג פאַרשטאַרקט. די גייסטלעכע זיינען קענן זייער געוווינהייט גיך אַרומגעגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן. די יועצים פון א נידעריקער מדרגה זיינען געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט צו זיין אין טעמפּל, און מאַסנווייז זיך אויפגעקליבן אין פאָדערהויז צווישן די זײַלן. מיט לאַנגע העלדזער און קליינע קעפּ אויף קורצע שמאָלע פּיס, האָבן זיי אויף זיך אַרויפגעצויגן א באַזונדערן ערנסט. אויסטערלישע שטיינער האָבן געגלאַנצט אויף זייער ברוסט און אויף זייערע פינגער.

די באַדינערינס האָבן זיך קונציק געדרייט צווישן די כּוהנים און גרויסע לייט. אַ העלן שײַן האָט געוואָרפן די פּרימאָרגן־זון אויף די גאָלדענע קאַמען, וואָס האָבן געשטעקט אין זייערע געפלאָכטענע צעפּ. אין מיטן זאַל, אויף דריי שטעלן פון העלפאַנט־ביין, באַדעקט מיט שופן־פעל פון קראָקאָדילן, זיינען געזעסן דריי כּוהנים. דער כּוהן־גדול פון אמון אין אַ ווייסן, לייוונטענעם מלבוש, דער כּוהן־גדול פון אָסירים אין אַ פּורפּור־מלבוש, דער כּוהן־גדול פון סעט אין אַ ליליען־מלבוש.

נעענטער צום טיר, וואָס האָט געפירט צו די צימערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קדשי־קדשים, איז געשטאַנען דער עגל־הזהב, דריי מאָל גרעסער פון זיין נאַטירלעכן וווּקס. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן, און זיין כּוהן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט אים דערגרייכט נאָר ביזן בויך. אַ צווייטע טיר, וואָס האָט געפירט צו פּרעהס אינערלעכע צימערן, איז געווען פאַרהאַנגען מיט צען פּרוכתן פון געדרייטע ליינען, בלויען וואָל, פּורפּור, קונציק־אויסגעאַרבעט מיט כּרובים. דער זוים פון די פאָרהאַנגען איז געווען געמאַכט פון שלייפן, פופציק שלייפן האָט געהאַט יעדער פאָרהאַנג, און פופציק נאָלדענע האָקן האָבן באַהעפט איין פאָרהאַנג צום צווייטן.

ניט ווייט פון פּרעהס שלאָפצימער איז געשטאַנען דער איינרייבער פון פּרעהס הייליקן קערפּער. ער האָט צוגעגרייט אַ זאַלב פון ווייץ, ציגנמילך, מור און שוואַרצן ווייַן. היינט האָט ער אָבער ניט צוגעטראָפן פּרעהן מיט זיין רייבן. פּרעה איז געווען נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון דער קופּערנער וואַנע, ווו ער האָט זיך געבאָדן אין ציגנאַמאָן־אייל און אים האָט זיך אויסגעדוכט דאָס רייבן צו לייבט. ער האָט אָפּגעשיקט דעם איינרייבער און ווידער אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. דאָס האָט זעלטן געטראָפן. טומטעם פלעגט געוויינטלעך פרי אויפשטיין און אָפּן גאַנצן טאָג פאַרלאָזן דעם שלאָפצימער.

טומטעם שלאָפצימער האָט ניט אַזוי געגלאַנצט מיט רייכקייט, ווי די איבעריקע צימערן. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעהאַנגען אייזערנע שווערדן, בראָנזענע שפּיזן, לאַנגע מעסערס און

אַנדערע פּלי=זין, וואָס מען האָט צוגענומען בײַ די מלכים פֿון עזה און קדש=ברנע. דאָס איז געווען טוטמעס צירונג, וואָס האָט אים דערמאָנט זײַנע בעסטע יאָרן.

צו אַלעמעס באַוואונדערונג, האָט זיך פּרעה הײַנטיקן פֿרימאָרגן ווידער אופֿגעהויבן אַף די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט צו זײַן הויכער בעט. זײַן קלײנער קערפּער האָט זיך דאָסמאָל פֿאַמעלעך באַוועגט, ווי נאָכטראַכטנדיק. די אײנציקע הערלעך, וואָס זײַנען נאָך געווען אַף זײַן פּליכן קאָפּ, האָבן געשטאַרצט פֿון די זײַטן, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, די מויל אָפֿן און גרויס, און אַרויסגעקוקט האָבן פֿון איר א פּאָר שוואַרצע צײנער=וואָרצלען. זײַן נאָז האָט אויסגעקוקט דאָסמאָל לענגער ווי אַלעמאָל און אומזיסט האָבן די אַרומיקע געזוכט דעם שמייכל, וואָס האָט געוויינטלעך באַדעקט זײַן פּנים. פּרעה האָט זיך ניט געלייגט אין בעט, נאָר געבליבן זיצן. פֿון דער רעכטער זײַט האָט זיך געשטעלט א הויכער באַדינער מיט א פּאָכער פֿון פּאַווע= און שטרויס=פּעדערן, פֿון דער לינקער זײַט דער טראַנקמײַסטער כאַטאַף=אַמאָן, מיט א בעכער פֿון רוימן ווײַן אין האַנט. אַף א זילבערנעם שפּיגל=טאַץ, באַזוימט מיט גאָלדענע בּרעגן, האָט די שענסטע באַדינערין דערלאַנגט דאָס עסן, צוגעגרייט פֿון די בעסטע קעכינס אין מצרים. עס זײַנען געווען צינגער פֿון פֿלאַמינגאָ=פֿויגל, אָנגעפּילט מיט מאָן און האָניק, פּאַשטעטן פֿון קעז, פֿיש אָן בײנער, שנעקעס אַף אייער.

אָבער קײן עסן און טרינקען איז הײַנט ניט געפֿעלן פּרעהן. דער אומרויקער חלום פֿון דער נאַכט לאָזט אים ניט אָפּ פֿון זיך. און נאָך איצט, אין גרויסן טאָג אַרײַן, טראַכט ער וועגן אים, זוכט זײַן באַשייד. טיפֿע קנייטשן האָבן זיך געלייגט אַרום זײַנע נאָזלעכער. אַלע נייע מכשפֿים און חרטומים קומען אָן, וואָס ווילן פּרוּוון פּותר חלום זײַן און באַרויקן דעם גײַסט פֿון הייליקן פּרעהן.

עס איז אַרײַן דער כּוהן=גדול פֿון אמון, אמון = רא = האָטעפּ. די ווײַסע הילע, וואָס ער האָט געטראָגן, איז אין רינגען אַראָפּגעפֿאַלן אַפֿן קלייד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן נאָפּל. איבערן קלייד האָט ער געטראָגן א דרײַקאַנטיקן שירץ, אַן אופֿד, ווי

צום גאָטעסדינסט. אמון־רא־האָטעפּ איז געווען טוטמעס א יוגנט־פריינט נאָך פון דער טרויעריקער צייט, ווען פּרעה האָט גע־מוזט טיילן זיין הערשאַפט איבער מצרים מיט זיין שוועסטער און פרוי האַטשעפּסוט. די כוהנים פון אמון זיינען דעמאָלט געווען אף זיין צד. איצט, נאָך האַטשעפּסוטס טויט, האָט פּרעה די גאַנצע כהונה־גדולה איבערגעגעבן אמון־רא־האָטעפּן. ער איז געווען דער הויפּט־יועץ אין אַלע שווערע ענינים.

אמון־רא־האָטעפּ איז אַריין צו פּרעהן אין שלאָפצימער, האָט זיך טיף פאַרנייגט. טוטמעס האָט געעפנט די אויגן און געוואָרפן א פריינטלעכן בליק אף אים. ער האָט אים שוין געוואָלט דער־ציילן דעם חלום פון דער נאַכט. אמון־רא־האָטעפּ אָבער האָט אָנ־געהויבן פריער צו לייענען דעם הימן צו פּרעהן, וועלכן ער, אמון־רא־האָטעפּ, האָט פאַרפאַסט, און די שרייבער פון מצרים האָבן עס איבערגעשריבן אף פּאַפּירוסן, אף מגילות פון ציגענע פעל, און אַנדערע האָבן עס אויסגעקריצט אף שטיינער.

„אַזוי זאָגט דער הערשער איבער די געטער, דער גאָט אמון:

„איך בין געקומען צו דיר און געהאָלפן צוקלאַפּן די פירשטן פון דזשאַכי,
צווישן די בערג האָב איך זיי געוואָרפן, צעשמעטערט אונטער דיינע פיס.
איך האָב געמאַכט, זיי זאָלן אָנקוקן דיין הערשאַפט, דערזען דיין דערהויבנקייט,
דו האָסט זיי א שיין געגעבן אין פּנים ווי מיין באַ־שטראַלטער בילד.
איך בין געקומען צו דיר, און געלאָזט צעקלאַפּן די בני קדם,
זיי — די פירער פון ארם, האָסטו גענומען אין געפענקניש.
דו האָסט צוגענומען זייערע געווער, געפאַנגען זייערע רייטוועגן.

איך האָב זיי געלאָזט דערזעען דיין מאַיעסטעט, ווי א שטערן, וואָס וואַרפט פונאנדער פלאַמען פייער.

איך בין געקומען און געלאָזט דיר צעקלאַפּן דעם מערב,

דערשראָקן האָבן זיך די בני־כפתר, און אימה און פחד איז געפאַלן אַף זיי,

איך האָב זיי געלאָזט אָנזעען דיין גרויסקייט, די גבורה פון א יונגן אָקס,

זיין הארץ איז הארט ווי פעלז, מעכטיק זיינען די הערנער.

איך בין געקומען מיט דיר און צעקלאַפּט די איינוויי־נער פון די זומפּן,

א שווידער האָט באַנומען די לענדער פון נהרים, זיי ציטערן פאַר שרעק.

איך האָב זיי געגעבן אָנזען דיין מאַכט, ווי פון א קראָקאָדיל אין וואַסער,

וואָס הערשט מיט שרעק און צו וועמען מען טאָר זיך ניט דערנענטערן.

איך בין געקומען מיט דיר און אָפּגעגעבן אין דיינע הענט לוב,

דו האָסט אויך זיי פאַרוואַנדלט אין פגרים, ווי א היציקער לייב.

איך האָב דיר אָפּגעגעבן די לעצטע ברעגן פון דער וועלט,

דער קרייז פון גרויסן אָקעאַן ליגט ביי דיר אין די הענט.

זיי האָבן דערזעען דיין הייליקייט, ווי א פליענדיקן שפּאַרבער.

וואָס כאַפּט צו אַלץ, וואָס ער זעט, אַלץ, וואָס אים פאַרווילט זיך נאָר.

איך בין געקומען, און דו האָסט צעקלאַפּט אַלע, וואָס געפינען זיך אַרום דיינע גרענעצן,

די, וואָס האָבן זיך איינגעפונען אין די זאַמדן, האָסטו גענומען אין געפענקניש,

זיי האָבן דערזען דיין הייליקייט, ווי א שנעל־פּיסיקן שאַקאַל...

אמון־רא־האָטעפּ האָט ניט געענדיקט דעם הימן, פּרעהן אָבער האָט עס שוין דערעסן און ער האָט איבערגעריסן.

— הער זיך איין דעם חלום פון דער היינטיקער נאַכט: זיבן פעטע קי און זיבן מאָגערע האָבן זיך געפיטערט אף דער לאָנקע. ביים ברעג פון יאור האָבן זיך די קי אָפּגעשטעלט און די מאָגערע האָבן איינגעשלונגען די פעטע. אזוי האָב איך זיך אופגעכאַפּט.

אמון־רא־האָטעפּ האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען פון לייענען דעם לאַנגן הימן, און מיט דעם זעלביקן אימפּעט אָנגעהויבן צו זאָגן דעם באַטייט פון חלום. פּרעה אָבער האָט אים ווידער איבערגעריסן.

— אמון־רא־האָטעפּ! דו ביסט אייליק ווי די וואַסערן אין טייך. די זעלביקע נאַכט האָט מיך נאָך א חלום פארנומען: זיבן זאַנגען האָבן אופגעשפּראָצט פעטע און גוטע, און נאָך זיי זיינען אויסגעוואַקסן נאָך זיבן זאַנגען, מאָגערע, אויסגעקלאַפּטע פון מזרח־ווינט, און די זיבן מאָגערע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן פעטע און פולע זאַנגען.

אמון־רא־האָטעפּ, וואָס האָט געפילט א צערייצטקייט אין פּרעהס שטים, האָט איצט אָפּגעוואַרט מיטן זאָגן דעם באַטייט פון חלום. ער האָט געשוויגן און געטראַכט ווי ווייכער צו מאַכן פּרעהס האַרץ, פארילעכער זיין שטימונג. פּרעה אָבער האָט אַראָפּגעלאָזן די קאָפּ און מער ניט דערציילט. באַלד האָט טוטמעס אויסגעשטעקט אף אים א פרעגנדיקן בליק. אמון־רא־האָטעפּ האָט זיך גענומען אין איילעניש זאָגן:

„אייביק זאָלסטו לעבן אונזער הערשער, לייכט העל, זון פון מצרים! — פאַרשטאַנד און קלוגשאַפט רינגלען דיך אַרום. כּוח און גבורה באַהערשסטו צו זיין א מושל אַף דער גאַנצער וועלט. דיינע שטראַלן שיקסטו איבער גאַנץ מצרים, און דיינע חלומות דערגרייכן ווייט איבער די גרעניצן.

זיבן מלחמות וועסטו פירן, זיבן לענדער וועסטו באַצווינגען, מלכים און שרים וועלן זיך צו דיר בוקן, כּנען און פּלשת, צור און צדון, מגידו און קדש פאַלן צו דיינע פיס, און נהרים, וועט צו דיר קניען. אָבער אויך זיבן שווערע מלחמות וועסטו פירן, זיבן שטאַרקע מדינות וועלן אונדזערע גרעניצן באַפאַלן".

אמון־רא־האָטעפּ איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער סוף איז געווען נים קיין גוטער, און ער האָט געזוכט ווי פאַרצוזעצן. פּרעה האָט אָבער א זאָג געגעבן.

— איר כּוהנים זייט שטענדיק אָנהעגגער פון מלחמות. די פיילן דערגרייכן נים אייער לייב. אָבער ערד און שקלאַפן באַקומט איר פון די געווונענע לענדער. פלייש פון די קרבנות, וואָס מען ברענגט די געטער, עסט איר. אַף ווייכע בעטלעך טראָגט מען אייך און אייך אַרט נים פאַר מיין חיל, וואָס ווערט צעבּרענט אין מדבר, פאַלט אין דורשט נאָך א טרונק וואַסער. איך וויל מער קיין מלחמות נישט! — האָט פּרעה אופגעהויבן זיין שטימע אַזוי, אַז ס'האָט זיך געהערט אין די שכנותדיקע צימערן פון טעמפּל. — זאָל דאָס פאָלק רויק אַרבעטן און זאַט זיין! גענוג מדינות האָבן מיר! אמון־רא־האָטעפּ, דו פאַרשטייסט נים מיינע היינטיקע חלומות, שיק מיר אַריין דעם מכשף ציפיונען.

די מכשפים האָבן זיך געהאַט אופגעקליבן אין א באַזונדערן צימער פון טעמפּל. א גרויסער קופּערנער שלאַנג איז געהאַנגען אַפן וואַנט. און יעדער מכשף האָט געטראָגן אַפן האַלדז א קליינעם קופּערנעם שלייַנגעלע. די שלאַנג איז א קינד פון דער ערד־שליים האָבן די מכשפים געלערנט, און דעריבער נוטיקט זי זיך נים אין פיס, כּדי צו קריכן אַף דער ערד. די קאַלטקייט פון שלאַנגס גוף איז אַזוי, ווי דער אוראַלטער קלעפּעדיקער תוהו ובהו. די רינגען פון איר לייב זיינען ענלעך צום פּלאַנעטן־קרייז, וואָס איז דער

סימן פון שכל און ליסטיקייט. דאָ האָט זיך איינגעפונען דער גאָט טאָט, דער גאָט פון חכמה. ער האָט געהאַט דעם קאָפּ פון הייליקן איביס, א בושל מיט א שוואַרצן האַלדז און אַן אויסגעדרייטן שוואַרצן שנאָבל.

די מכשפים האָבן זיך שוין דערוווּסט דעם אינהאַלט פון פּרעהס חלום. זיי האָבן זיך טאַטווירט, בלוט האָט פון זיי געשפּריצט ווי א רעגן. דאָס איז געווען א קרבן פאַרן עלטסטן מכשף, אים זאָל זיך איינגעבן צו טרעפן דעם חלום. ציפּיון איז אַריינגעקומען אין שלאָפצימער פון טוטמעסן, זיך געבוקט ביז דער ערד און גלייך אָנגעהויבן שיטן מיט שבחים.

— „הייליקער הער, וואָס פאַריאָגט דעם שקר און באַשאַפט דעם אמת. הערשער, פון צוויי וועלטן! זאָל בליען דיין לעבן, דיין גליק און דיין געזונט. דו ביסט אַזוי ווי רא. אַליין, וואָס דיין האַרץ פאַרלאַנגט, קומט אָן. וואָס דו ווילסט אין דער נאַכט, ווערט גלייך אינדערפרי פאַרווירקלעכט. א סך פון דיינע וווּנדער האָבן מיר שוין געזען, זינט דו ביסט געקרוינט ווי א קעניג פוןביידע לענדער. דיין צונג איז א וואָג און דיינע ליפּן זיינען גענויער, ווי דער צינגל אפן וואָג. וואָס קענסטו ניט? עס איז ניטאָ קיין לאַנד, וואָס דו האָסט ניט דורכגעטראָטן. ווען דו זאָגסט דעם וואַסער קום אַפן באַרג, קומט דער אָקעאַן גלייך נאָכדעם, ווי דו האָסט געהערט. מיט דיינע גלידער ביסטו רא און כאף־רא אין זיין געשטאַלט. דער טראָן פון דיין צונג איז דער בית־המקדש פון אמת, און גאָט אַליין זיצט אַף דיינע ליפּן. די געדאַנקען פון דיין האַרצן ווערן פאַרווירקלעכט, ווי די געדאַנקען פון פּתאח, ווען ער שאַפט קונסטווערק.

ווידער האָט פּרעה איבערגעריסן דעם אַלטן מכשף.

— גענוג שוין דיינע זיסע רייד, זיי מיר פּותר חלום...

— פון דזשאכי פירט מען דיר זיבן שיינע פרויען, זיבן טענצעריננס פון זיבן מדינות וועלן פאַר דיר זייער שיינקייט אַנטפּלעקן, זיבן טעכטער וועלן דיר געבאָרן דיינע שענסטע ווייבער.

טומטעם האָט דערמאָנט די געשיכטע מיט זיין ערשטע פרויס טאָכטער נעפערא, וואָס ער האָט געמוזט אַרויסגעבן ווי זיינע, הגם אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז גאָר די טאָכטער פון האטשעפסוטס געליבטן סעמוט. טומטעם איז געוואָרן אינכעס.

— כשוף מיט זנות זיינען פון שטענדיק געבונדן. די ערגסטע זונות זיינען די מכשפות, און דו ביזט ניט בעסער פון זיי. אַרויס פון דאַנען, אַלטער נואף.

ציפּיון איז אין שרעק געפאַלן קושן די ערד און אַזוי זיך אַרויסגערוקט פון צימער.

ס'איז אַריינגעקומען רעכמירא, דער אָנפירער מיט די העכסטע ענינים אין מצרים, דער פאַרטרויונגס-מאַן פון טומטעם דעם דריטן. רעכמירא האָט געהאַט אויסקוקערס איבערן גאַנצן לאַנד און ניט דערלאָזן, עס זאָל פאָרקומען ערגעץ אַ פאַרשווערונג קעגן פרעהן. רעכמירא האָט אויסגעהערט דעם חלום, רויק באַטראַכט די לאַגע און דערנאָך געזאָגט:

— הייליקער גאָט, ליבלינג פון זון!

„דו באַשיינסט די וועלט מיט דיין הערלעכקייט, דיינע שטראַלן דרינגען אַריין אין אַלע לענדער. ניטאָ אַזאַ לאַנד, וווּ דיין גלאַנץ זאָל ניט דערגרייכן, ווייל דיינע ווערטער פירן אָן מיטן גורל פון דער וועלט. דיין זכרון איז ווי אַ גראַניט, אַף וועלכן מיר פאַרשרייבן די געשיכטע. דיין קלוגשאַפט איז אַזוי, ווי פון הייליקן יאור, וועלכער פאַרגיסט אַלץ און מאַכט אַלץ פרוכטבאַר. ווען דו שלאָפסט ביי זיך אין פאַלאַץ, הערסטו, וואָס מען רעדט אומעטום. דיינע אויגן גלאַנצן העלער, ווי די שטערן אין הימל. ווען איינער טוט וואָס בסוד, זעען אים דיינע אויגן. אָ, הערשער מיט רחמים, וואָס גיט אַלעמען דעם אָטעם פון לעבן. דיין פאָטער, דער פאָטער פון די געטער טוט דיין פאַרלאַנג. די געטער האָבן דיך ליבער פון אַלע פרעהס, וואָס האָבן געלעבט פון די צייטן פון רא אָן.

„דערלויב מיר דיין טרייען קנעכט ראכמירא, צו לויבן אַלע דיינע הייליקע נעמען און פותר זיין דיין חלום. איך זע, שלוחים פון כנען טראָגן צו דיר זיבן טייערע שטיינער, סאַפירן און רובינען, וואָס לויכטן מיט זייער פאַרב ווי פייערן מיט זייערע פלאַמען,

און די שלוחים פון בבל טראָגן דיר זיבן סמאראגדן פון פאַרשײַ=
דענע גרויסן. דעם פרייד איבער די קאָסטבאַרע שטיינער האָט
אָסירים נאָך פריער דיר אָנגעזאָגט".

ראַכמירא האָט געענדיקט, און זיינע בליקן האָבן זיך אָפּגע=
שטעלט אַף טוטמעס. אַף פּרעהס ליפּן האָט זיך ווידער באַוויזן א
שמייכל, זיינע אויגן אָבער האָבן געקוקט בייז, און מען האָט נישט
געקאָנט וויסן, אויב ער איז צופרידן מיט ראַכמיראס באַשייד, אָדער
נית. דער טראַנקמייסטער כאַטאַף=אַמין האָט שוין צוגעטראָגן צו
פּרעהן דעם כּוס מיטן רויטן ווין. געמיינט אַז פּרעהס געמיט האָט
זיך פאַרבעסערט. פּרעה אָבער האָט מיט דער לינקער האַנט אָפּ=
געשטופּט דעם ווין, מיט דער רעכטער גענומען פון טיש דעם
קליינעם גאָלדענעם העמערל, און צוויי מאָל אָנגעקלאַפּט אָן זיל=
בערנעם טאַץ. באַלד איז אַריינגעקומען דער שרייבער עניני. אַפן
קאָפּ האָט ער געטראָגן א סטאַטועטקע פון א קליינעם איביס, אַף
די לענדן האָט ער געטראָגן צוגעבונדן א פּאַפּירוס מיט א טינטער.
פּרעה האָט אים געהייסן ברענגען פון שאַצקאַמער די פּאַסן לייוונט
און די גרויסע פּאַפּירוסן, וווּ עס זיינען פאַרשריבן פּרעהס אוצרות.

באַלד האָט עניני מיט זיינע דריי געהילפן אַריינגעטראָגן
די גרויסע פּאַפּירוסן, שאַכטלען מיט שעפּסענע ווייכע ביינער, אַף
וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט צאָלן און מאָסן, לאַנגע פּאַסן
לייוונט מיט פאַרביקע היעראָגליפן, וווּ עס זיינען געווען פאַרשריבן
גרויסע רשימות פון טייערע חפצים. עניני האָט גענומען לייענען.
די ווערטער האָט ער אויסגערעדט קלאָר און דייטלעך:

„אין די מדינות פון הייליקן פּרעה געפינען זיך אין אַכט
און צוואַנציק פּאַלאַצן זיבנטויזנט שטיקער גאָלד, דריי וועק=הייזער,
וואָס אַרבעטן פורפור, און ניין און פערציק נעצן צו פאַנגען קאָ=
ראַלן. דורכן גאַנצן אויבערשטן און אונטערשטן מצרים ציען זיך
סעדער און ווייננערטנער, וווּ ס'וואַקסן ציטראָנען, מילגרוימען, אייל=
בערטן און ווייגשטאָקן; פלעצער, וווּ עס פיטערן זיך צוויי הונדערט
אַכציק געלערנטע העלפאַנטן, פון וועלכע הונדערט דרייסיק האָט
טוטמעס אַליין אָנגעכאַפּט, גרויסע מאַלפּעס, לייבן, לעמפּערטן,

צוואַנציק טויזנט פלינקע פערד פיטערן זיך אַף גראָז, סטאַדעס מוילאייזלען און הויכע קעמלען, וועלכע טראָגן פעק מיט סחורה אָן א שיר.״

עניני האָט פונאַנדערגעוויקלט נאָך א פּאַפּירוס און ווײַטער געלייענט:

„אין טעמפּל פון אָסירישן געפינען זיך די קברים פון די פאַרשטאָרבענע פרעהס. אין די גרויסע מויערן זיינען דאָ באַזונדערע זאַלן מיט באַדינער, שיפן, גאַנצע פּאַלאַצן מיט טייערע חפצים. אָן א זייט, פאַרבאָרגן, געפינען זיך צוועלף פירקאַנטיקע צימערן, אָנגעפילט מיט גאָלדענע, זילבערנע, בראָנזענע און קופערנע מטבעות פון פאַרשיידענעם ווערט און גרויס. אַף דער ערד שטייען גרויסע קוישן פון היפּאָפּאָטאַם־פעל מיט אַלטע מטבעות פון אַלע צייטן און לענדער: בבלישע, כנענישע, מטבעות פון צור און צדון, פון פלשת און אדום; דרייסיק גאָלדענע פלעשער, אָנגעפילט מיט טייערע שטיינער, דיאַמאַנטן, טאָפּאַזן, אלמאַזן, בערילן, קאַרבונקולן, גלאָסאָפּעטרעס אַראָפּגעפאַלענע פון דער לבנה, אַמעטיסטן, מיאַנען, רובינען, סאַפּירן און גאַנצע אוצרות סמאַראַגדן פון פערצענערליי גרויסן. פינפהונדערט אַכט און צוואַנציק קינסטלעריש אויסגעאַרבעטע פּלאַטעס, מאָזאיש אויסגעזעצטע פון טייערע שטיינדלעך וואָס וואַרפן א באַזונדערן ליכט און שיין...״

אַזוי לאַנג ווי עניני האָט געלייענט, האָט דער געהילף־שרייבער פונאַנדערגעוויקלט אַלץ נייע מגילות. אין איינע איז געווען פאַרשריבן די צאָל שקלאַפן, וואָס געהערן פרעהן. דאָס זיינען געווען שקלאַפן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, געקויפטע, געשאָנקענע, גענומענע אין געפענקעניש, זיי האָבן געאַרבעט אין די מילן, ביים בויען פּאַלאַצן, ביים טרעטן די וויינטרויבן. א צווייטער געהילף האָט געעפנט די קעסטלעך מיט די שעפסן־ביינער. אַף זיי איז געווען אויסגעקריצט געווער, וואָס געהערט פרעהן, און די צאָלן פון פאַרשיידענע כלי־זיין, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די פיינט אין די מלחמות.

ווען עניני האָט אָנגעהויבן לייענען וועגן די געווער, וואָס

געפינט זיך אין פּרעהס רשות, האָט זיך טומעס א הויב געטאָן פון בטל.

— און גאַנץ מצרים געהערט דען ניט מיר? אַלע מענטשן מיט זייער האָב און גוטס וועמעס זיינען זיי, אויב ניט מיינע? איז דען מצרים ניט די שטאַרקסטע און די רייכסטע לאַנד אויף דער וועלט? די געטער פון מצרים האָבן צעקלאַפּט אַלע אַנדערע געטער, און וועמען געהערט אַלץ, אויב ניט גאָט? פאַרוואָס מיינסטו, רעכמירא, אז טייערע שטיינער פון רייכע מדינות קענען מיין האַרץ דערפרייען, מיינע געדאַנקען פאַרנעמען. פעלט דען אונדז גאָלד און זילבער? זיינען דען ווייניק אוצרות ביי אונדז אָנגעקליבן? מיינע מקורבים זיינען געוואָרן ווייט פון מיר, טרעפן ניט מיינע געדאַנקען און ווונטשן, וואָס האָבן זיך טיף אין מיין נשמה פאַרבאַהאַלטן און מיין חלום האָט זיי אַרויסגעבראַכט.

— עניני — האָט זיך פּרעה ווידער געווענדעט צום שרייבער — ברענג אַריין דעם גרויסן פּאַפּירוס און לייען דורך וועגן די מתנות, וואָס איך האָב געשאָנקען די הייליקע טעמפּלען.

באַלד האָבן פינף באַדינער געטראָגן דעם גרויסן פּאַפּירוס. ער איז געווען פערציק איילן די לענג און איז באַשטאַנען פון ניין און זיבעציק בלעטער.

עניני האָט ווייטער געלייענט:

„נאָך די שלאַכטן אין מגידו און קדש, האָט זיין הייליקייט און זיין גרויסער גוטסקייט געשאָנקען די טעמפּלען אין נא־אמון: 421.362 פי, 433 גערטנער, 2393 אַקער, 83 שיפן, 51 כיכר גאָלד, 997 כיכר זילבער, 2395 כיכר קופּער, 3722 קליידער, 1047 געפעס מיט ווייריך, האָניק, אייל, 24405 לאָגלען וויין, 30995 זעק קאָרן, 24650 פּעק געמיזע, 64.000 בינטלעך פלאַקס, 289.530 פויגל, גענדז.“

נאָכדעם זיינען געווען באַזונדער פאַרשריבן די מתנות אַנדערע טעמפּלען אין אַנדערע שטעט, אָבער פּרעהס אומרויקייט און אומצופרידנקייט מיט זיינע חכמים און יועצים איז אַלץ געוואַקסן, און ער האָט ווידער איבערגעריסן דאָס לייענען.

— שוין א לענגערע צייט ווי איך מערק, אז מיינע חכמים זיינען נאַריש געוואָרן, מיינע ידעונים וויסן גאָרנישט, און מיינע

חרטומים און מכשפים טרעפן נים דאָס פאַרבאָרגענע, קענען מיינע חלומות נים באַשיידן, זיי פאַרשטייען נים, אַז מיין האַרץ איז אי־בערזעטיקט און וויל נים קיין נייע פאַרגעניגנס, זוכט נים קיין פרויען און דאַרף נים קיין אוצרות פון גאָלד און זילבער. ווען איך בין יונג געווען, זיינען מיר אַמאָל מיטן כּוהן־גדול געגאַנגען הינטערן שטאָט, דאָרט האָבן מיר געפונען אַ מצרי, וואָס איז געווען געשוואָלן פון הונגער. איך האָב געבעטן אמון־רא־האָטעפּן אים געבן אַ רפואה, ער אָבער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיר.

— צו וואָס דאַרפסטו אַ קראַנקן מצרי, אַז עס זיינען דאָ אַזויפיל געזונטע — האָט ער געזאָגט, איך האָב דעמאָלט פאַרשטיקט מיין פאַרדרוס, אָבער פאַרגעסן האָב איך עס נים און איצט פאַר־שטיי איך, פאַרוואָס איר קענט מיינע חלומות נים באַשיידן.

רעכמירא איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, דעם גאַנצן לעבן האָט ער אַלץ געוווּסט, געוווּסט אַפילו אַזוינס, וואָס מענטשן טוען פאַרבאַהאַלטן בחדרי חדרים, וואָס זיי טראַכטן אין זייערע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, און דאָס אַלץ לטובת דעם הייליקן פרעה און איצט לאָזט זיך אויס, אַז ער ווייס נים אַפילו דעם ווונטש פון פרעהן אַליין. וואָס האָט אַזוינס געטראָפן? וואָס פאַרבאַהאַלט אין זיך דער חלום? וואָס פאַר נייע געדאַנקען און פאַרלאַנגען טראָגט אין זיך דער אַלטער פרעה?

מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט ער געזאָגט:

— גרויסער גאָט, לייכטנדיקע זון — דו שאַפסט דאָס פאַר־באַהאַלטענע און דאָס פאַרבאָרגענע, און ווייסט עס פריער פון אַלע מכשפים, מער פון אַלע חכמים, בעסער פון די חרטומים. קיינער פון אונדז איז נים בכּוח צו באַשיידן דיינע חלומות, דערלויב דיינע קנעכט אויפצונויפזאַמלען די גרעסטע חכמים, מכשפים און חרטומים פון מצרים, זאָלן זיי צוזאַמען האַלטן אַן עצה ווי צו געפינען אַ באַשייד פאַר דיין חלום.

דערוויל א׳ז דאָס געווען אויך ראַכמיראַס אַן עצה צו באַ־רויקן פרעהס געמיט, פאַרטרייבן אַף אַ ווײַלע די שווערע וואָלקנס. פרעהס אומצופרידנקייט איז אָבער אַלץ געוואַקסן.

— נים אמון־רא, נים ציפיון, נים דו, רעכמירא, האָבן גע־קענט באַשיידן מיינע חלומות, פאַרוואָס מיינסטו, אַז איר אַלע צו־

זאָמען וועלן וויסן מערער? קיינער פון אייך וועט דעם צווייטן קיין שכל ניט צוגעבן, גיכער אָפּנעמען, איר זייט בלינד געוואָרן פאַר מיינע זעונגען, טויב פאַר מיינע פאַרלאַנגען. איר זאָרגט וועגן פּרעהן, איך אָבער זאָרג וועגן מצרים. איר זוכט פאַר מיר פאַרגעניגן, נייע לענדער, שיינע פרויען, גאָלד און זילבער, איך אָבער וויל אַז אין מצרים זאָלן אַלע זאַט זיין, אַלע מצרים זאָלן האָבן ברויט צום עסן און אַ גוטן געלעגער צום שלאָפן.

— ווי צו די באַדינער, וואָס וויסן ניט דעם פאַרלאַנג פון פּרעהן!

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אַרומיקע, ביי כאַטאַף אַמונען האָבן זיך געטרייסלט די הענט, דער בעכער אין זיין האַנט האָט געציטערט און ער האָט פאַרגאָסן טלעכע טראָפּנס וויין.

ערשט דעמאָלט האָט אים דער שרעק דערמאָנט אָן זיין חלום אין תּפיסה, און אָן דעם עברי, וואָס האָט אים און אויך דעם אויבערבעקער אַזוי ריכטיק פּותר־חלום געווען. כאַטאַף־אַמון האָט זיך אָנגעקליבן מיט מוט און אַזוי געזאָגט:

— גרויסער האַר, ליכטיקער גאָט! מיינע זינד מוז איך היינט דערמאָנען, פּרעה האָט געצאָרנט אַף זיינע קנעכט, און האָט מיך אַריינגעזעצט אין דער וואַך פון אויבערלייב־וועכטערס הויז. מיר און דעם אויבערבעקער האָט זיך אונדז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר און אים, איטלעכן לויט דעם פּיתרון פון זיין חלום האָט זיך אונדז געחלומט. און דאָרטן איז מיט אונדז געווען אַ עברישער יונג, אַ קנעכט פון דעם אויבערלייב־וועכטער, האָבן מיר אים דערציילט, און ער האָט אונז פּותר־חלום געווען אונדזערע חלומות, איטלעכן לויט זיין חלום האָט ער פּותר געווען, און עס איז געווען אַזוי, ווי ער האָט אונדז פּותר געווען, אַזוי איז געשען: מיך האָט מען אומגעקערט אַף מיין שטאַנד, און אים האָט מען אופגעהאַנגען.

ריידנדיק האָט כאַטאַף־אַמון פאַרגעסן דעם שרעק און קלאָר דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. פּרעה האָט הויך אָפּ־געגעבן אַ באַפעל:

— אהער ברענגט אים!

יוסף פאַר פּרעהן

ערשט פאַרנאַכט האָט מען יוספן אַריינגעפירט אין פּרעהס טעמפּל. ער איז געווען אַרומגעגאָלט, אויסגעוואַשן, איבערגעטאָן און האָט געלויכטן מיט זיין געוווינלעכן גוטן און שיינעם ליכט. אין גרויסן טעמפּל=זאַל זיינען געשטאַנען די כּוהנים, חרטומים און מכשפים, און געבראַכט קרבנות צו די געטער, גערויכערט קטורת, דער כאָר האָט געזונגען הייליקע לידער, ווי מען האָט גערימט און געבענטשט פּרעהן. אין טעמפּל האָט מען שוין געוווּסט, אַז מען האָט געשיקט אין תּפיסה נאָך אַ געפאַנגענעם, ער זאָל קומען און פּותר חלום זיין. צווישן זיך האָבן די כּוהנים גערעדט, אַז דער יונג וועט מיטן קאָפּ באַצאָלן פאַר דער חוצפּה צו וועלן טרעפן פּרעהס חלום. ער וועט דאָך ניט קענען אפילו ריידן מיט מין=כעפרו=ראה. אָבער ווען אַלע האָבן דערזען זיין שיינקייט און זיינע ריינע, שטראַלנדיקע אויגן, האָבן זיי פאַרגעסן אָן די שלעכטע געדאַנקען, די כאָר=מיידלעך האָבן זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו אים און מיטן רוקן צו די געטער, כּדי אים בעסער אָנצוקוקן, און דערמיט פאַרדינט אַן עבירה. ביי אייניקע האָבן זיך טרערן פון ליבע געגאָסן איבער זייערע פּנימער. דער כּוהן, וואָס האָט געריבן מיט פּוטער און צינאַמאָן=אייל דעם עגל = הזהב, האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט און מיט אויפגעהויבענע הענט און אָפענער מויל אָנגעקוקט יוספן. אמון=האָטעפּ האָט אף אים אָנגעשטרענגט געקוקט, וועלנדיק זיך אָן עפּעס דערמאָנען.

שמייכלענדיק, אָן פּחד, באַגריסנדיק זיך ווי מיט באַקאַנטע, איז יוסף דורכגעגאַנגען דעם גרויסן טעמפּל=זאַל און אַריין אין די אינערלעכע אַפּאַרטאַמענטן פון פּרעהן. ער איז געפאַלן צו דער ערד, און אויפהויבנדיק די אויגן אָנגעקוקט פּרעהן מיט זיין וואַרי=

מען, פריילעכן און זיכערן בליק, אונטער וועלכן עס איז זיך צו־געגאַנגען פּרעהס בייזקייט.

פּרעה האָט מיט אַ באַוועגונג פון האַנט באַוויזן, ער זאָל זיך אויפהויבן פון דר'ערד.

— איך האָב געהערט אף דיר, אַז דו פאַרשטייסט אויס־צוהערן און געפינען באַשייד פאַר אַ חלום. מיר האָט זיך אַ חלום געחלומט, און ניטאָ, ווער עס זאָל אים פּותר זיין.

יוסף האָט זיך ווידער פאַרנייגט און געענטפערט:

— ניט איך, נאָר גאָט וועט דעם באַשייד געבן. אלהים וועט דערפילן פּרעהס ווונטשן.

פּרעהן איז געפעלן געוואָרן יוספס ענטפער, און ער האָט גענומען דערציילן:

— מיר חלומט זיך, ערשט איך שטיי ביים ברעג טייך, און אָט גייען אַרויף פון טייך זיבן קי, פעטע אפן לייב און שיין אפן גע־שטאַלט, און זיי האָבן זיך געפיטערט אין גראָז, און אָט גייען ארויף נאָך זיי זיבן אַנדערע קי, אָרעם און מיאוס אפן געשטאַלט און דאַר אפן לייב, וואָס אין גאַנץ לאַנד מצרים האָב איך ניט געזען זייער גלייכן אין מיאוסקייט. און די דאַרע און מיאוסע קי האָבן אויפגע־געסן די ערשטע זיבן פעטע קי, און זיי זיינען אַריין אין זיי, און עס איז ניט געווען קענטיק, אַז זיי זיינען אין זיי אַריין, און זייער אויסזען איז געווען אַזוי מיאוס ווי אין אָנהייב, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

יוסף האָט זיך צוגעהאָרכט צו פּרעהס דערציילונג אויפמערק־זאַם און אין טיפן נאָכטראַכטן. קיין באַוועגונג וואָס צו זאָגן האָט ער ניט געמאַכט, נאָר פאַרקערט, דערוואַרטונג און פּרעגצייכן האָט אויסגעדריקט זיין פּנים. עס איז קענטיק געווען, אַז דעם באַ־שייד וויים ער נאָך ניט, נאָר ער טראַכט און זוכט אים צו גע־פינען. דערווייל אָבער איז דער חלום אומפאַרשטענדלעך. אפשר וועט פּרעה אַליין נאָך וואָס דערציילן און אַזוי העלפן געפינען דעם באַשייד. אַ ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער, און באַלד האָט פּרעה פאָרגעזעצט.

— און איך האָב געזען אין מיין חלום, ערשט זיבן זאַנגען גייען

אוף אף איין שטענגל, פולע און גוטע, און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען איינגעטריקנטע, דינע, פאַרברענטע פון מזרח־ווינט, און די דינע זאַנגען האָבן איינגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען.

פּרעהס פּנים איז געווען טרוימעריש. עס איז קענטיק געווען, ווי ער לעבט איבער דעם צווייטן מאָל זיין חלום. ער איז געבליבן שטיל. ס'האָט אויסגעדוכט, ווי די ביינאַכטיקע חלומות גייען ווידער אַרום איבערן צימער. יוספס בליק איז געוואָרן אַלץ קלערער און העלער. דער שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אַף זיין ערנסטן פּנים, און מיט דער זעלביקער טרוימערישקייט, וואָס פּרעה האָט דערציילט דעם חלום, האָט איצט יוסף גענומען דערציילן זיין באַשייד:

— גרויסער פּרעה, מין־כעפּרו־ראה, וואָס קיניגט מיט קלוגשאַפט און טרייקייט איבער גאַנץ מצרים! אלהים דערציילט פריער פּרעהן דאָס, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן. איין באַטייט האָבן ביידע חלומות: זיבן קי זיינען זיבן יאָר און זיבן זאַנגען זיינען זיבן יאָר. זיבן פעטע קי און זיבן פולע זאַנגען באַטייטן זיבן גוטע פּרוכטבאַרע יאָר, אָבער נאָך זיי קומען זיבן מאָגערע קי, זיבן דינע זאַנגען, אויסגעקלאַפּטע פון מזרח־ווינט. זיי באַטייטן זיבן הונגער־יאָרן, שלעכטע יאָרן, ווו עס וועט ניט וואַקסן, און דאָס אויסגעוואַקסענע וועט אויסקלאַפּן דער מזרח־ווינט און מען וועט ניט שניידן. און אַזוי גרויס וועט זיין דער הונגער, אַז דער זאַט פון די ערשטע יאָרן וועט גאָרניט קענטיק זיין, פאַרגעסן וועט יערן די פּרוכטבאַרקייט פון מצרים, פאַרטיליקן וועט דער הונגער דאָס לאַנד, און פון דער זעטיקייט וועט ניט זיין צו מערקן אין לאַנד. ריכטיק איז די זאַך! וואָס גאָט וועט טאָן, באַווייזט ער פריער פּרעהן!

יוסף איז אַנטשוויגן געוואָרן, מיט גרויסע פאָרשנדיקע אויגן האָט פּרעה געקוקט אַף אים. א צופרידנקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אַף זיין פּנים. פּרעה האָט דערפילט אין יוספס רייד אַ וויכטיקן אמת פאַר גאַנץ מצרים. אַזוי אָפט בייטן זיך דער הונגער און די זאַטקייט אין מצרים. דער יאור איז אַזוי ניט שטאַנדהאַפטיק, דאָ פאַרגיסט ער אַלץ מיט וואַסער און דאָ טרינקט ער ניט אָן צו זאַט די ערד, און די זון מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן צוטריקענען די געוויקסן. ער, דער פרעמדער, האָט בעסער פאַרשטאַ־

נען די לאַנד מצרים, ווי די אייגענע חרטומים און כּוהנים, ער האָט פּרעהן צוגעטראָפן בעסער, ווי די מכשפים און הויף־לייט. אַף יוספס פּנים איז ווייטער קענטיק געווען דאָס אָנגעשטרענגטע דענקען, זיין פּנים האָט געהאַט דעם זעלביקן אויסדרוק, ווי בּשעת ער האָט געהערט דעם חלום. פּרעה האָט פאַרשטאַנען, אַז יוסף האָט אים נאָך וואָס צו זאָגן. און יוסף האָט, ווי פאַרגעזעצט דעם באַשייד פון חלום, ווייטער גערעדט:

— אלהים האָט פּרעהן אַנטדעקט די צוקונפט און דער גורל פון לאַנד ליגט אין פּרעהס הענט. דער מענטש לעבּט מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן און טראַכט ניט וועגן מאָרגן. איך זע, ווי די פעלדער זיינען אויסגעטריקנט, מענטשן האָבן ניט קיין כּוח אַרומצוגיין, די קינדער ווייגען, די יונגע שלעפן זיך אַרום אָן אַ ציל, די אַלטע זיינען געלייגט פון לאַנגן זיצן אַף דער ערד. נאָר דו, גרויסער פּרעה, האַר פון אויבערשטן און אונטערשטן מצרים, קענסט באַוואָרגן די לאַנד און פאַרזיכערן פון הונגער און נויט.

— ווי זאָל מען דאָס מאכן? — האָט טוטמעס געפרעגט מיט אומגעדולד.

— אין די זיבן זאַטע יאָרן טאָר דאָס פאָלק ניט פאַר־שווענדן די גאַנצע גערעטעניש. זאָל פּרעה אָפּגעבן אַ טיכטיקן מענטשן, וואָס זאָל אופקלייבן די גערעטעניש. אפילו אין די זאַטע יאָרן זאָל דאָס פאָלק פאַרניצן נאָר אַזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיק צום לעבן, און דאָס איבעריקע איינהיטן אַף די שלעכטע צייטן, אַף די זיבן הונגער־יאָרן. אופהיטן די ירושה, שפּאָרזאַם איינהיטן אַף מארגן דאָס איבעריקע פון היינטיקן טאג איז אַן אייגנשאַפט פון קלוגע. אַ חכם איז דער, וואָס זעט פאָר, וואָס וויים פאָראויס, וואָס וועט שפּעטער געבאָרן ווערן. די חכמה פון פּרעהן וועט פאַרהיטן מצרים פון אומגליק. דאָס גאַנצע לאַנד וועט בענטשן פּרעהן פאַרן לעבן, וואס ער וועט שענקען און פארן ניט לאָזן גיין אַי־בּיוועץ דאָס אופגעוואַקסענע אין די גוטע יאָרן. שפּעטער, ווען עס וועלן קומען די הונגער־יאָרן, וועט דער גוטער פּרעה צעטיילן די ברויט צווישן דער באַפעלקערונג. פּרעהס הערשאַפט וועט אַזוי זיך פאַרשפּרייטן ניט נאָר אין מצרים, נאָר אויך איבער אַנדערע

לענדער. כנען און פלשת וועלן קומען בעטן ברויט, נהרים וועט זיך בוקן פארן הויכן טראָן.

יוסף האָט ריידנדיק זיך באַגייסטערט, און פּרעה האָט געשלונגען זיינע ווערטער.

— דיינע רייד געפינען חן אין מיינע אויגן, האָט זיך אָפּגערופן פּרעה. אין זיי איז דאָ מער קלוגשאַפט, ווי ביי מיין גרעסטן חכם. מער אמת, ווי ביים כוהן גדול. ווער ביזטו אַזוינער, און פון וואַנען קומסטו אַהער?

יוסף האָט אין קורצן דערציילט פאַר פּרעהן וועגן אברהמען, וואָס האָט אַרויסגעוואַנדערט פון בבל, דורכגערייזט מצרים און זיך באַזעצט אין בית־אל, וועגן יצחקן און וועגן יעקבן. וועגן דעם, ווי מען האָט אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט און פאַר וואָס מען האָט אים אַריינגעוואָרפן דאָ אין גרוב, האָט יוסף פאַרשוויגן.

פּרעה האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן.

— דו ביזט דער אייניקל פון דעם אברהמען, וואָס האָט באַזיגט אַמראַפעלן, דעם מלך פון שנער און כדרלעומרן דעם מלך פון עילם? אַן אייניקל פון דעם אברהמען, צוליב וועלכן כנען האָט אָנגעהויבן אַריבערצוגיין אין די הענט פון מצרים? דו ביזט ווערט מען זאָל דיך אָנרופן „דער פריינט פון מצרים". קום, איך וועל דיר באַווייזן מיינע יועצים און חרטומים.

פּרעה האָט אַ רוף געגעבן די באַדינער, מען האָט אים אָפּגעטאָן אָפּן קאָפּ די צווייִשטאָקיקע קרוין, אָפּן קלייד פון ראַרנט א דריי־קאַנטיקן אפוד און פון הינטן אַן עק פון אַ שלאַנג. פּרעה האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און איז אַרויס אין גרויסן טעמפּל־זאַל, וווּ ס'האָבן זיך אויפגעזאַמלט די אַלע כוהנים און הויפלייט. ווען פּרעה האָט זיך באַוויזן, זיינען אַלע געפאַלן צו דער ערד. טוטמעס איז אַרויף אָפּן טראָן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם מזבח פון אמון. פּרעה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקעס צו זאָגן. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, און פּרעה האָט מיט זיין הערשערישער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך אָבער געהערט אַ רויקייט און זיכערקייט, אויסגערופן:

— דער באַשייד פֿון מיין חלום איז געפֿונען! — און ווייזנדיק אַף יוספֿן, האָט ער פֿאָרטגעזעצט, — דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין חלום האָט גאָט מיר דערציילט, וואָס ער וויל טאָן אין מצרים. זיבן זאַטע און זיבן הונגער־יאָרן וועלן קומען אין לאַנד. דער מענטש איז אַ חכם ונבון, וואָס קען ראַטעווען די גאַנצע לאַנד פֿון הונגער. דערציייל זיי, ווי דו מיינסט דאָס צו טאָן.

צום ערשטן מאָל האָט זיך יוסף געפֿונען אין אַזאַ אויסטערלישער פֿאַרזאַמלונג, צווישן פּרעהן און די גרעסטע לייט פֿון מצרים, צווישן די כּוהנים און די געטער, חרטומים און מכשפים. דאָ זיינען געווען אַלטע יועצים, וואָס האָבן נאָך געדינט בײַ טוטמעס זיידע. דאָ זיינען געווען חרטומים, וואָס האָבן געדייזט אין בבל און אין דזשאַכי. דאָ זיינען געווען מכשפים, וואָס האָבן געוווסט די סודות און די גאָטעסדינסטן צו דער לבנה און צו דער זון. דאָ זיינען געווען שטערנזעער, וואָס האָבן געקענט אָפּטיילן איין שטערן פֿון דעם אַנדערן און אויסרעכענען די צייטן און די ימים־טובים אַף יאָרן פֿאָראויס, זיי האָבן געוווסט, ווען די לבנה וועט באַקעמפֿן די זון, און אין מיטן טאָג וועט נאַכט ווערן, און ווען די זון ווידער וועט פֿאַרשטעלן די לבנה. דאָ זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן געוווסט די סודות פֿון מענטשלעכן געבוירן און שטאַרבן. זיי אַלע האָבן געטראָגן פֿאַרביקע קליידער, באַזונדערע אָפּצייכענונגען און צירונג, וואָס האָבן דערציילט וועגן זייער באַטייט אין הויף.

יוסף האָט אין פֿאַרוווּנדערונג און ווי פֿאַרשעמט אָנגעקוקט די פֿאַרזאַמלטע. באַלד איז ער אָבער ווידער געוואָרן פֿעסט און זיכער בײַ זיך. אַלע האָבן זיך אונטערגעוואָרפֿן זיין שטימונג. ער האָט זיי באַזיגט מיט זיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דער צוקונפֿט, מיט זיין האָפֿענונג צו ראַטעווען מצרים און די אַרומיקע לענדער פֿון הונגער.

אין אַ קלאָרער און איינפֿאַכער שפּראַך האָט יוסף געשילדערט די רייכקייט און פֿרוכטבאַרקייט פֿון די פֿעלדער, גערטנער און סעדער אין מצרים אין די נאָענטע יאָרן. דערבײַ האָט אַלעמען אויסגעדוכט, ווי זיי זעען פֿאַר זיך די פֿרוכטבאַרע פֿעלדער, די

פולע זאַנגען און די פּעטע קי. אָבער אַלץ וועט גיין לאיבוד, אויב דאָס וועט ניט אופגעזאַמלט און אָפּגעהיט ווערן פון דער מלוכה. יעדער מענטש אַליין פאַר זיך וועט ניט זאָרגן וועגן דער צוקונפט. דאָס מוז טאָן די פאַראויסזעענדיקע קלוגשאַפט פון הייליקן פרעה און זיינע יועצים. אין די זאַטע יאָרן מוזן די אוצרות גאָלד און זילבער פאַרביטן ווערן אַף אוצרות פון תבואות און פירות, וואָס זאָלן איינגעהיט ווערן אין לאַנד. ס'מוזן אופגענומען ווערן פקידים, וואָס זאָלן אופזאַמלען דעם זאַט. שפּעטער וועלן קומען די הונגער-יאָרן. מענטשן וועלן פאַלן ווי פליגן, זיי וועלן פאַרלירן זייער כּוח און מוט, דורשטיק און אָפּגעשוואַכט וועלן זיי זיין, ברויט וועלן זיי זוכן און ניט געפינען. דעמאָלט וועט מען עפענען די אָנגעקליבענע אוצרות פון תבואה. אַזוי וועט מען ראַטעווען די לאַנד פון אונטערגאַנג, מענטשן וועלן אַלץ אוועקגעבן פאַר ברויט, די אוצרות פון פרעהן וועלן וואַקסן. זיין נאָמען וועט זיין גרויס איבער גאַנץ מצרים און אַלע לענדער אַרום. וואָרום פון אומעטום וועט מען קומען בעטן פאַרקויפן תבואה.

יוסף האָט זיך אָפּגעשטעלט און אין גרויסן טעמפּל-זאַל איז געוואָרן שטיל. די נאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן גרויסן צימער, און דער פייער פון מזבח האָט טונקל באַלויכטן די אַרומיקע. באַלד האָבן די דינער אָנגעצונדן די שטורקאַצן, די מנורות מיט די פילצאָליקע רערן. אונטערן העלן ליכט האָט יוספס קאָפּ מיט די גלאַנצנדיקע שוואַרצע לאָקן געשיינט מיט אַ באַזונדער שיין און זיך אויסגעטיילט צווישן די גראָע, אַלטע, צעקנייטשטע פּנימער פון די אַרומיקע חרטומים און כּוהנים.

אַמון-האָטעפּ האָט זיך איצט שוין דערמאָנט, ווער דער דאָזיקער מענטש איז. דאָס איז דאָך געווען דער שקלאַף מיט יאָרן צוריק ביי פּוטיפרן אַפּן ה״אַל, ווו ער איז אויך געווען. ווייטער האָט גערעדט פרעה, מיט זיין געוויינלעכער רויקער און זיכערער שטימע.

— מיר מוזן געפינען אַזאַ איש חכם ונבון, וואָס זאָל דאָס קענען אויספירן, וואָס זאָל אופזאַמלען די תבואות פון גאַנצן לאַנד און דערנאָך דאָס ריכטיק פאַרטיילן, קיינעם ניט באַוועלן. שלוחים

פון פרעמדע לענדער וועלן קומען, און דער חכם וועט אופהויבן די גרויסקייט פון מיין נאמען און פון לאנד מצרים איבער דער גאנצער וועלט. מיינע יועצים חרטומים, זקנים, כוהנים גדולים, זאגט, וועמען זאל איך דאס אנטרויען?

אלע זיינען געשטאנען מיט אראפגעלאזענע קעפ, קיינער האט ניט געוואלט וועמען אנרופן. אסך האבן געהאפט, אז זיי וועלן דאס זיין די גליקלעכע, אין וועמעס האנט עס וועלן אריינפאלן די רייכקייט און מאכט איבער מצרים. פרעה האט געווארט און דערנאך אליין געענטפערט:

— גיט א קוק אף דעם שענסטן מענטשן, וואס געפינט זיך צווישן אייך. ער איז דאך דער חכם ונבון!

און פרעה האט זיך מיטאמאל אופגעהויבן פון טראן, צוגעגאנגען צו יוספן, אראפגענומען פון פינגער דעם זיגל-רינג און האט עס אליין אנגעטאן יוספן. דאס איז געווען דער סימן פון גרעסטן צוטרוי, פון אפגעבן א הויכן אמט. יוסף האט זיך טיף פארנויגט און ניט באוויזן א ווארט ארויסצוריידן, ווי פרעה האט אראפגענומען פון טראן די גילדערנע קייט, דעם רביד הזהב, וואס איז געווען א סימן פון פרעהס ליבע, וואס ער שענקט. אלע ארומיקע האבן געשטוינט פון פארוואונדערונג און קנאה. די, וואס זיינען געשטאנען פון דערווייטנס, האבן זיך אופגעהויבן אף די שפיץ פינגער, כדי בעסער צו זען, די פרויען פון כאר און די כוהנטעס האבן מיט נאך מער ליבע געקוקט אף דעם אויסגעפוצטן, מאכטהאבנדיקן יוספן.

נאר אמון-האטעפ, דער כוהן גדול פון אמון, האט ניט אויסגעהאלטן. ער האט זיך טיף פארנייגט און געבעטן מען זאל אים דערלויבן וואס צו זאגן. ווען ער האט די דערלויבניש באקומען, האט אמון-האטעפ אנגעהויבן:

— הייליקער פרעה, מין-כעפרו-ראה, וואס איז געבענטשט פון גאנץ מצרים, און וואס שיינט ווי די זון און טוט אן כבוד דער לבנה און די שטערן מיט דעם, וואס ער קוקט אף זיי מיט זיינע ליכטיקע אויגן! די אלטע מנהגים פון מצרים, וואס זיינען איינגעשטעלט געווארן פון גאט פון חכמה, טאט, וואס ווערן אפ=

געהיט פון די אַלטע צייטן און טויזנטער יאָרן, וואָס דער הייליקער פּאָטער סנאַפיר האָט אָפּגעהיט און זיינען פאַרשריבן אַף די לוחות מיט די הענט פון חכם אימהאָטעפּ און וואָס זיינען באַקאַנט אויך דיין געטרייען קנעכט — זיי זאָגן עדות, אַז דער רביד הזהב, די גילדערנע קייט האָט נאָך קיינמאָל ניט באַפּוצט אַ מענטשן, וואָס האָט ניט געהערט צו פּרעהס הויף, האָט קיינמאָל ניט באַפּוצט די האַלדז פון אַ פּרעמדן, וואָס האָט ניט קיין יחוס הינטער זיך. וועלן מיר ניט אַריינברענגען מיט דעם אין צאָרן די געטער? איז דאָס ניט אַ הילול־הקדש?

דאָס איז געווען אַ געוואַגטע רעדע פון אַמון־האָטעפּ. מען האָט דאָס געקאָנט אויסטייטשן ווי אַ ווידערשטאַנד פּרעהן, אָבער אויך ווי אַן עצה־טובה, ווי אַ פאַרהיטונג, ווי אַן התראה פון כוהן גדול. נאָר דער כוהן גדול פון גאָט אַמון, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט אַן איבערקערעניש און אַרופגעזעצט טוטמעסן אַפן טראָן, בעת זיין פאָטער האָט נאָך געלעבט, האָט זיך איצט געקאָנט דערלויבן אַזוי צו ריידן מיט פּרעהן.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, מען האָט געוואַרט, וואָס וועט דאָ זיין, ווער וועט מנצח זיין, אַמון־האָטעפּ, אָדער דער פּרעמדער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט זיך אַזוי פלוצלונג אַריינגעריסן אין הייליקן טעמפּל.

פּרעה האָט געוואָרפן אַ דורכדרינגענדיקן בליק אַף אַמון־האָטעפן און לאַנגזאַם, אונטערשטרייכנדיק יעדן וואָרט, געזאָגט:

— כוהן גדול פון אַמון! רא האָט היינט צוגענומען פון דיר דעם פאַרשטאַנד צו געפינען אַ באַשייד פאַר מיין חלום, צו טרעפן די צוקונפט. אָבער אויך די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר דיר ניט קלאָר. דו ווייסט גאָר ניט, אַז דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אונדז מיטן רביד־הזהב אַף זיין האַלדז, מיט מיין גאָלדענעם רינג אַף זיין האַנט, איז פון גרעסטן יחוס, קומט אַרויס פון די זאמען פון מלכים. ער איז אַן אייניקל פון אַברהמען, דעם באַזיגער איבער אַמראָפעל און כדרלעומרן, אַן אייניקל פון דעם, וואָס האָט געראַטעוועט אונדזערע פאַרביַ.דעמע מלכים, און דערפאַר ניט גענומען קיין באַלוינונג, אַפילו די מלחמה־רויב אָפּגעגעבן. פאַר אונדז

שטייט זיינער אַן אוראייניקל, וואָס וויל ראַטעווען מצרים נאָך פֿון אַן ערגערן שונא, ווי דער מלך פֿון שנער איז געווען, ער וויל אונז ראַטעווען פֿון הונגער. ער איז ניט קיין פרעמדער פֿאַר אונז, נאָר אַ נאָענטער פריינט. ער איז דער, וואָס האָט אַנטפּלעקט די וויכטיקסטע סודות פֿון דער צוקונפֿט, און דערציילט, וואָס גאָט וועט טאָן אין מצרים.

— זיין נאָמען פֿון איצטער איז צ פ נ ת פ ע נ ח!

— צפנת פענח! צפנת פענח!.. האָט גענומען זינגען דער כאָר, די האַרפֿעס האָבן גענומען שפּילן, און די צלצלים האָבן געקלונגען: צפנת פענח, צפנת פענח, צפנת פענח...

דער גילדערנער האַלדז=באַנד איז געבליבן ביי יוספֿן אויפֿן האַלדז.

פרעה איז אַרויס פֿון טעמפּל=זאַל, די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך טיף פֿאַרנייגט פֿאַר יוספֿן. אַמון=האָטעפּ איז געבליבן שטיין אַליין ביי זיין גאָט.

צפנת פענח

ישראלס געליבטער זון, דער געלערנטער, שיינער, גוטער און שטרעבנדיקער יוסף, איז געוואָרן דער פירער פון אויבער- און אונטער-מצרים, די רעכטע האַנט פון פּרעהן, די האָפענונג פון לאַנד — צפנת פענח. דער קנעכט איז א האַר געוואָרן, דער, וואָס איז צוויי מאָל אין גרוב געווען, איז באַפרייט געוואָרן, כּדי צו באַגליקן דאָס לאַנד, הונגעריקע זאַט צו מאַכן.

בעתן זיצן אין תּפיסה, איז מיט יוספן פאָרגעקומען אן איבערבראָך, אַן ענדערונג. דאָרט האָט ער פאַרשטאַנען מענטשלעכע פּיין, דערפילט די ליידן פון א פּרעמדן און געזוכט מיטלען ווי די פּיין צו פאַרלייכטערן, די לייד צו לינדערן. דאָרט האָט ער פאַרשטאַנען די אינערלעכע גלייכקייט פון מענטשן, צו וואָס פאַר א שבט און צו וואָס פאַר א שטאַנד זיי זאָלן ניט געהערן. די צווייטע גרוב איז געווען אן אנדערע ווי די ערשטע. אין דער ערשטער זיינען נאָר געווען שלאַנגען, און דאָרט האָט ער פאַרלאָרן די היים, פאַרלאָרן יעקבן, בנימינען. אין דער צווייטער האָט ער געפונען מענטשן, ליידנדיקע, וועמען ער האָט געדינט און געהאָלפן. דאָס האָט געשטויסן יוספן ריכטיק צו פאַרשטיין די חלומות, פריער פון פּרעהס באַדינער און דערנאָך פון פּרעהן אליין, דעם חלום פון מצרימס הערשער, וואָס טראַכט ניט וועגן זיך, וועגן זיינע פאַרגעניגנס, נאָר וועגן וווילשטאַנד פון לאַנד, וועגן הונגער און זאַטקייט, וועגן גליק און אומגליק פון די מענטשן, און דאָס האָט אים באַוויזן גאָט אין חלום. פּרעה איז באַזאָרגט וועגן די פונאַנדערגיסונגען פון יאור, וועגן דאַרע און פעטע קי, וועגן פולע און אויסגעקלאַפּטע זאַנגען. דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדלעך, און דאָך האָבן דאָס ניט געקאָנט טרעפן פּרעהס חכמים און מכשפים, נאָר יוסף; ווייל זיינע, יוספס, טיפסטע

פארלאנגען זיינען צוזאמענגעפאלן מיט פרעהס ווונטש. זיין גאנצן לעבן, זיין ארבעט, זיינע פעיקייטן וועט ער אפגעבן צו העלפן די ליידנדיקע, געבן ברויט די הונגעריקע, ארבעט די ארבעטסלאזע, אפרו פון ארבעט די מידע און גליק די אומגליקלעכע...

ווי יעדער פרעה האט טומעם געהאט א צווייטן צו זיך, נאך אן „איד", א שני למלך. די מעלות און דאס גוטס פון שני למלך פלעגט אריבער צו פרעהן און די חסרונות און שלעכטס פון פרעהן האט זיך גערעכנט אפן שני למלך, אזוי איז פרעה געבליבן שטענדיק הייליק און געטלעך. פרעה האט באשטימט צפנת פענחן פארן שני למלך — איך בין פרעה, אבער אן דיר, זאל קיינער ניט אופהויבן א האנט אדער א פוס אין גאנץ לאנד מצרים, נאר מיטן טראן וועל איך זיין גרעסער פון דיר — אזוי האט פרעה ארויסגעגעבן א באפעל צפנת פענחן.

פלייסיק, מיט זיין געוויינלעכער איבערגעבנקייט, טרייקייט און ליבע צו דער ארבעט, האט זיך צפנת פענח גענומען אנפירן מיט דעם גרויסן לאנד. ער האט ניט געזוכט קיין אייגענע נוצן, ניט געטראכט וועגן רייכקייט, רום, כבוד, נאר די נוצן פון גרויסן לאנד, וועגן גליק פון די מענטשן. רייכקייט רום און כבוד זיינען ווי פון זיך אליין געשווומען צו אים פון אלע זייטן. צפנת פענח האט אויך געהאט די אופגאבע צו באשטימען פארוואלטערס איבער די איינציקע פראווינצן פון מצרים, און ער האט פארמאגט די פעיקייט פון קענען אויסקלייבן די פאסיקע מענטשן פאר יעדער ארבעט. ער האט דערקענט מענטשן לויט זייער בליק, לויט א ווארט, לויט א באוועגונג. ער האט געוווסט די אינערלעכע טרייבקראפט פון יעדערן, און דאס האט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן די נויטיקע מענטשן פאר דער ארבעט און דעם פאסיקן ארט פארן מענטשן. צפנת פענח איז געווען פול מיט געדאנקען און נייע פלענער ווי אויסצובעסערן די לאגע פון די מצרים. זיינע פלענער האט ער איבערגעגעבן די באשטימטע פארוואלטערס פון די פראווינצן, און די שרייבערס האבן אים געשיקט באריכטן. ער האט אריינגעצויגן אין דער ארבעט אלץ נייע מענטשן, און אלץ מער איז געוואקסן די צאל פון יעניקע, וואס האבן גע-

פילט זיין גליקלעכע האנט. א ברכה האט זיך אריינגעטאן ביי אלעמען, וואס האבן געהאט מיט אים צו טאן.

זיין געהילף איז געווארן דער שרייבער אמוס. ער איז געוואקסן פון אן ארעמער משפחה און זיך אויסגעלערנט שרייבן נאר צוליב זיינע פעיקייטן און גרויסן חשק. ניט קיין הויכער, מיט א נידעריקער האלדז, האט אמוס ניט אויסגעזען ווי קיין מצרי, אין אים האט גערונען געמישט בלוט פון כנען און כוש. פון קינדוויז אן איז זיין פארגעניגן געווען זיין פארבן-פאס און זיין מגילה. אמוס האט געהאט די איינגשאפט, וואס האט צוגעצויגן צפנת פענחן. דאס איז זיין איבערגעבנקייט דער זאך, וואס ער האט געטאן. האט ער זיך גענומען פאר אן ארבעט, האט ער ניט געוווסט פון עסן און טרינקען, ער האט געהאט נאר איין פונקט, איין שטרעבן, איין ציל — און דאס איז געווען זיין ארבעט. אמוס האט קיינמאל ניט געטראכט אן א זייט וועגן עפעס אנדערש, ניט געהאט קיין ספקות, און דערפאר האט א טיפער אמת שטענדיק געהערשט אין זיינע רייד, אין זיין טאן. גערעדט האט ער פונקט דאס, וואס מען האט געדארפט וויסן, און געטאן פונקט דאס, וואס איז נויטיק געווען. אמוס האט געגלויבט אין צפנת פענחן. צפנת פענח איז געווארן זיין לעבנס-ציל, זיין שטרעבן, זיין ליבע, און צפנת פענח האט ליב באקומען אמוסן.

דאס איז געווען א נייער שטריך ביי יוספן. פון קינדוויז אן איז ער געווען געוווינט, מען זאל אים ליב האבן, אלע זאלן אים האלטן פארן בעסטן און שענסטן, און דערפאר האט אים באזונדער שמערצלעך געטראפן די שינאה פון די ברידער. אבער אין תפיסה האט ער זיך אויסגעלערנט צו ליבן אנדערע, פרעמדע, די מענטשן, וואס לעבן און ארבעטן מיט אים און דאס איז געווען קודם כל זיין שרייבער אמוס.

נאענט צו צפנת פענחן איז אויך געווען זיין באדינער—כוף, אויך ער איז געווען פארליבט אין צפנת פענחן, אבער דאס איז געווען אן אנדער ליבע. פאר כופן איז צפנת פענח געווען הייליק, זיין ווארט געטלעך, טאן אן ארבעט ארום זיין האר האט אים פארשאפט פארגעניגן און וואס שווערער די ארבעט, אלץ מער פאר-

פארגעניגן. צפנת פענח האט זיך באצויגן צו כופן, ווי צו א גלייכן און דאס האט נאך מער פארבונדן כופן צו אים. כוף האט באפרייט זיין האר פון יעטווידער זארג וועגן עסן, טרינקען, אנטאן זיך, און צפנת פענח האט אלע מאל זיינע געדאנקען געקענט אפגעבן דער ארבעט.

געבענטשט פון די ארומיקע, זיכער אין זייער הילף, האט צפנת פענח באקומען אלץ נייע סמנים פון פרעהס ליבשאפט. אין א באזונדערן מאניפעסט, וואס מען האט געלייענט פארן פאלק, האט פרעה געשריבן:

— „קענען מיר דען געפינען אזא, ווי צפנת פענח, וואס דער גייסט פון גאט איז אין אים? נאכדעם ווי גאט האט דיר געלאזט וויסן אלץ, איז ניטא א פארשטענדיקער און א קלוגער אזוי ווי דו, דו וועסט זיין איבער מיין הויז און לויט דיין מויל זאל געוווירטשאפט ווערן מיין גאנץ פאלק, נאר מיטן טראן וועל איך זיין גרעסער פון דיר. איך בין פרעה, אבער אן דיר זאל קיינער ניט אופהויבן א האנט אדער א פוס!"

עס איז געקומען דער חודש תמוז, עס האט זיך דערנענטערט דער טאג, ווען דער וואסער אין טייך נעמט זיך הייבן. דאס איז געווען דער גרעסטער יום־טוב און די גרעסטע שמחה אין לאנד. דאס איז דער יום־טוב פון חתן־טייך, וואס הייבט זיך אוף צו באוואסערן און צו באפרוכפערן זיין כלה־ערד. אף דעם טאג איז אויך געווען באשטימט דער ערשטער ארויספאר פון נייעם שני למלך, פון צפנת פענחן.

שוין חדשים לאנג ווי די שטערנזעער, חכמים און חרטומים פון מצרים קוקן נאך אין הימל, אף די שטערן, אף דער ערד און אפן וואסער און מאכן זייערע חשבונות צו טרעפן, וועלכן טאג וועט אויספאלן דער געוויסער, און ווי הויך וועט זיך אופהויבן דעם יאר דאס וואסער. כוהנים ברענגען די רייכסטע קרבנות דעם יאור, דעם פאטער פון לאנד, דער וואסער זאל מנצח זיין דעם געלן זאמד. זיי רויכערן דעם גאט סעב, א גרויסער סטאטוע, מיט זעכצן קינדער ארום, וואס באדייטן זעכצן איילן, אף וועלכע דער וואסער דארף זיך אופהויבן, כדי באגיסן דאס גאנצע לאנד. א גאנצע

מחנה שומרים, מיט גרויסע מאָסן אין די הענט, זיינען געשטאַ=
נען ביים טייך, כדי צו היטן און מעסטן דעם וואסער.

לכתחילה האט זיך באוויזן א קליינער קראקאדיל, דער גו=
טער סוף. דערנאָך האבן שוין די שומרים באמערקט, ווי דער וואַ=
סער הייבט זיך, ער האט פארלארן די קלאָרקייט און איז גע=
ווארן ברוינלעך. די שומרים זיינען געלאָפן איבער די גאסן און
געשריען: „דער וואסער אין הייליקן יאור הייבט זיך, דער געוויסער
האט זיך אנגעהויבן!" מיט טרומייטן און פויקן האָט מען עס
אָנגעזאָגט אין אלע גאסן פון נא=אמון. די מצרים, אלט און יונג,
ווייב און מאן, קינד און קייט האבן ארויסגעשאָטן אף די גאסן.
פריילעכע, מוטיקע האבן זיי נאכגעפרעגט איינער דעם אנדערן:

— אף וויפיל?

— אף דריי שפאן.

— אף א האלבן פוס.

— אף א פוס און צוויי פינגער.

אלץ מער האָט זיך געהויבן דער וואסער אין טייך, און אלץ
מער האט זיך געהויבן די שטימונג, די פרייד ביי די מצרים.

— דער יאור הייבט זיך. האריץ, דארפסטו דען אנדערע פרייד?!

לידער, געזאנג, שפילן, פייפן האבן זיך געגאָסן איבערן
לאנד. אָז ישיר:

איך וועל זינגען צום יאור,
וואָרום ער איז הויך דערהויבן!
זינגט צו גאט,
ווארום ער איז הויך דערהויבן!

די כוואליעס פון טייך זיינען געפלאָסן אלץ שנעלער און
העכער, די קלארע וואסער איז געווארן פריער געל=מוטנע און
דערנאָך ציגל=רויט, די ליימענע הייזלעך אף די בערגלעך האבן
איצט געקוקט איינזאם = טרויעריק, ווער ווייס, אויב דער רויטער
שטראָם וועט זיי ניט אראָפּשווענקען. אין טומלדיקן פרייד האָט
קיינער וועגן זיי ניט געטראכט. געדיכט אָנגעפילט מיט מענטשן
זיינען געווען די גאסן פון נא אמון.

אָבער קיינמאָל האט זיך ניט אופגעקליבן אזוי פיל מענטשן

ווי דעם יאָר. מען איז געקומען פון די ווייטסטע דערפער און שטעט. שוין מיט וואכן פריער זיינען זיי לײדיק געוואָרן פון מענטשן, מיט שטראלנדיקע אויגן האבן פרויען פארלאזן זייערע היימען, איילנדיק זיך און זינגנדיק ווי צו א קרבן. רייכע, אויסגעפוצטע זיינען געפאָרן, הארנטעס האט מען געטראָגן אף די טראָג־בעט־לעך, אָרעמע זיינען געגאנגען צופוס, באָרוועסע, מיט פארטריקנטע ברויט אין די זעקלעך, מיט לאגלען וואסער אף די פלייצעס. זיי האָבן זיך געהאלטן פאר די הענט און מיט גרויס פרייד זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט.

אין גאנץ מצרים איז שוין געווען פארשפרייט די ידיעה, אז עס איז באשטימט א נייער שני למלך, א פריינט פון פאָלק, וואס וועט געבן ברויט די הונגעריקע און רו די אויסגעמאטערטע, מיט שטעקנס וועט מען מער דאָס פאָלק נים שלאָגן, קיין שווים נים טרייבן און געגוג אייל וועט מען צעטיילן, כדי צו שמירן און פארהיילן די ווונדן. אויסערדעם איז ער פון זעלטענער וווּנדער־באַרער שיינקייט, וואס פון סנאפירס צייטן אָן איז נאָך נים געווען אזא אין מצרים, זיין פנים שטראלט מיט חכמה, און א צויבער־קראפט באהערשט אלעמען, וואָס קוקן אים אָן.

און א הונגער נאך חכמה, נאָך שיינקייט, נאָך צויבער האט באהערשט אלעמען אין מצרים.

ניט נאָר די גאסן, נאָר אויך די דעכער, די שפיץ־מויערן זיינען געווען באדעקט מיט מענטשן. די סכנה אראָפצופאלן, דער־שטיקט צו ווערן, האט קיינעם נים אָפגעהאלטן, באזונדערש די פרויען, נאר כדי בעסער צו זען דעם שני למלך.

— לאָמיר אָנקוקן די שיינקייט אליין און איר לייכטנדיקן גלאנץ—און שטארבן! — האבן געזונגען די פרויען אף די דעכער.

אין דעם טאג, וואס די וואסער האט זיך גענומען הייבן אין טייך, איז ארויסגעפאָרן פון הייליקן טעמפל דער צווייטער רייט־וואגן פון פרעהן, געשפאנט אין אכט ווייסע פערד, צו צווי אין ריי. דער רייטוואָגן איז געווען אינגאַנצן פון גאָלד, די פערד זיינען געווען באַצירט מיטן רייכסטן שענסטן שפאן, וואס האט גע־לויכטן מיט טייערע שטיינער. באזאכט זיינען געגאנגען די פערד

איבער די גאַסן פון נאָ־אַמון, ווו עס זיינען נאָכגעפאָרן און נאָכגעגאַנגען אָן אַ שיר מענטשן אַף אַ מהלך פון צוויי טעג גאַנג. אַפן גאַס האָט זיך אַרויסגעלאָזן אַלדאָס רייכסטע און בעסטע, וואָס מצרים פאַרמאָגט. אַלע כוהנים, חרטומים, יועצים, הויף־לייט, קריגס־פירער, שרייבער, ערדמעסטער, שטערנזעער, סוחרים, גוטבאַזיצער, פויערים, פישערס, בעלי־מלאכות. די פרויען זיינען געווען אויסגעפוצט אין זייערע שענסטע צירונג מיט סאַפירן, טאָפּאַזן, טורקוסן — אַף די העלדזער, אַף די הענט, אַף די קני. דער ריח פון די בשמים, פון די שמעקעדיקע אייליך, מיט וועלכע זיי האָבן געשמירט זייערע לייבער, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן ריח פון די בלומען, וואָס זיי האָבן געטראָגן אַף די קעפּ. אַלע האָבן געוואָלט זיין נעענטער צום גילדערנעם רייטוואָגן, אָבער הויכע סאָלדאַטן מיט זייער געווער זיינען געגאַנגען צווישן איין שטאַנד און אַ צווייטן, און ניט געלאָזט די הינטערשטע רייען אַרופשטופּן זיך צו די פאָדערשטע. יעדער שטאַנד האָט געהאַט זיינע באַזונדערע קליידער. באַזונדער זיינען געווען אויך אָנגעטאָן די מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט און דערפער. מער פון אַלעמען האָבן זיך אויסגעטיילט די שלוחים פון פרעמדע לענדער, וועלכע זיינען געווען אונטערגעוואָרפן אָדער פריינדלעך צו מצרים. דאָס זיינען געווען די שלוחים פון כוש, אָנגעטאָן אין לאַנגע ווייסע בגדים, האַלב נאַקעטע שלוחים פון פוט, מיט בלומען אָנשטאָט קליידער אַף די לייבער, די שלוחים פון לוב מיט זייערע געווער אין האַנט, פון מדין, פון סיחון, פון כנען, פון אדום, פון אמון, מואב, ארם, פון אשור און בבל, און שלוחים פון די אינדזלען אין גרויסן ים זיינען בייגעווען.

אין דעם גילדערנעם רייטוואָגן איז געשטאַנען דער נייער שני למלך פון מצרים צפנת פענח. זיין בליק האָט געשטראַלט מיט חכמה און ליבע, און קלוג און ליב איז געוואָרן יעדערער, וואָס האָט דעם בליק אין זיך איינגעזאַפּט. די לינקע האַנט אַראָפּגעלאָזן, די רעכטע מיטן זיגל־רינג פון מצרים אויסגעשטרעקט ווי דערלאַנגענדיק דעם פאָלק. אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויב, וואָס איז אין פאַסן אַראָפּגעהאַנגען ביז דער ברוסט, אַפן האַלדז דער רביד הזהב, דעם גילדערנעם האַלדזבאַנד, וואָס פרעה האָט גע־

שאַנקען צום סימן פון דער מאַכט, וואָס ער גיט אים איבער גאַנץ מצרים. אפן קערפּער האָט ער געטראָגן א קלייד פון דינסטן ליין, וואָס האָט געבלאַנקט מיט זיין ווייסקייט און וואָס איז געווען אויסגעאַרבעט אין פּרעהס טעמפּל. איבערן קלייד האָט ער נאָך געטראָגן אַן אויבערדעק, וואָס האָט געלויכטן פון די טייערע שטיינער, ווי שטערן ביינאַכט. אַף די לענדן — א גורט, וואָס האָט זיך פון פאָרנט אראָפּגעלאָזן מיט פיר געשטרייפטע פאַסן, איינער לענגער פאַרן אנדערן. דער לעצטער פאַס האָט זיך געענדיקט מיט אכט פרענדז.

ווי דער רייטוואגן האָט זיך באוויזן אין די גאַסן, האָט דאָס גאַנצע פאָלק געשריען:

— אַברך!

און אלע זיינען געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, און פון דער ערד האָבן זיך אלעמעס אויגן געהויבן, און פון די דעכער האָבן זיך די אויגן אראָפּגעלאָזן צו זען דעם וואונדער, דעם נייעם שני למלך. די צלצלים האָבן אויסגעקלונגען, די טראָמפּייטן האָבן אויסגעפויקט, די שופרות האָבן אויסגעבלאָזן, די חלילים האָבן אויסגעפייפט און די סטאַפעטן האָבן אויסגערופן: „צפנת פענח, צפנת פענח, צפנת פענח!..“

אַף די דעכער זיינען געשטאַנען די פרויען און מיט קלאַפּנדיקע הערצער און אויסגעשטרעקטע אויגן געקוקט אַפן וואונדערבאַר-שיינעם שני למלך. די דרייסטערע פרויען האָבן געוואָרפן זייערע רינגען און צווישן די רינגען איז אַראָפּגעפאַלן צום שני למלך אין האַנט א לאַנגע אספּיד-ברעטעלע מיט א באַקאַנטן אויפשריפט: „אסנת בת דינה בת ישראל“. צווישן די הילכיקע אויסגעשרייען „צפנת פענח“ האָט ער דערהערט א ווייבע, באַקאַנטע שטימע: „יוסף, יוסף!“

אין דעם איינפאַכן היימישן נאָמען, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געהערט, אין דער שטימע, וואָס האָט אים גערופן, איז געווען אַזוי פיל ליבע, טרייקייט, מילדקייט, איבערגעבנקייט, אַז די האַרץ פון יוספן איז צעגאַנגען. די אויגן אָבער האָט ער אויפגע-

הויבן און דערזען אסנתן. די אויגן זייערע האבן זיך געטראָפן, די הערצער האבן זיך צונויפגעגאסן אף אייביק...

* * *

נאך דער חתונה האבן זיי זיך באזעצט אין א באקוועמען פאלאץ, וואס פרעה האָט געשאָנקען צפנת פענחן. קיינמאָל איז דער מענטשלעכער גליק נִיט געווען אזוי גאנץ און אזוי גרויס ווי ביי יוספן און אסנתן. און ווען אין א יאר ארום האט אסנת א זון געבאָרן, האט אים צפנת פענח א נאמען געגעבן מנשה, וואָרום פארגעסן האט צפנת פענח אָן דאס אמאָליקע, אן דאס שלעכטע און צוזאמען דערמיט אן דאס היימישע, קינדישע, איינפאכע — פארגעסן זיין גאנצע מאטערניש און די הויז פון זיין פאָטער...

זיבן גוטע יאָר

זאַטע, פרוכטבאַרע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן אין מצרים אין חודש אלול איז דער יאור ברייט אַרויסגעטראָטן פון די ברעגעס און פונאַנדערגעגאָסן זיך איבער די פעלדער. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרגאָסן. די שומרים האָבן געהיט און די וואַסערמעסטער מיט די מאָסן האָבן יעדע דאָפּלט־שעה געמאָסטן דעם וואַסער. ווען ער איז געווען אויפגעהויבן אַף 13 איילן, איז שוין געווען גענוג קיין הונגער זאָל ניט זיין. אָבער אַ פרייד אין די הערצער האָט זיך צעגאָסן, ווען דער וואַסער האָט זיך געהויבן אַף 14 איילן, אַף 15 האָט זיך אַ זיכערקייט צעשפּרייט איבערן לאַנד; און געיובלט האָט דאָס לאַנד, ווען דער וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן ביז 16 איילן, דאָס איז שוין געווען אַן איבערפלוס. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען באַדעקט מיט וואַסער און האָט אויסגעזען ווי אַ ים מיט אינדזלען.

אָבער דאָס מאָל איז דער וואַסער געוואַקסן נאָך העכער. צום פרייד, צום געזאַנג איז ניט געווען קיין שיר. די שמחה אין מצרים איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן וואַסער. אין די הערצער איז געוואַקסן דער גליק פון זאַטקייט, פולקייט, פרוכטבאַרקייט און לעבן. די מענטשן זיינען געווען שכור פון שמחה, איינער האָט אָנגעשטעקט דעם אַנדערן. אומבאַקאַנטע, פרעמדע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס, זיינען גרייט געווען צו שטאַרבן פון פרייד. ביים טייך זיינען געווען אויסגעשטעלט די זינגערקעס. שפּילערס און טרומייטן־האַלטער האָבן געזונגען פריילעכע אויפמונטערנדיקע לידער פאַרן הייליקן יאור, דער וואַסער זאָל בעסער באַהערשן די ערד, דעם געלן זאַמד באַדעקן מיט אַ שוואַרצן שלייער. דער יאור איז דער חתן וואָס דאַרף באַצווינגען, באַהערשן, באַוואַסערן און באַפרוכפּערן זיין כלה־ערד. דער יאור איז דער פאָטער פון לאַנד, דער גאָט פון לעבן און גליק.

די כּוהנים אין די טעמפּלען האָבּן געזונגען:
„אַ לויבּ צו דיר, אָ יאור,
וואָס קומט דערנערן מצרים,
וואָס בּאַוואַסערט די פעלדער;
דיך האָט רא בּאַשאַפן,
כּדי צו דערנערן די פי,
דו טרינקסט אָן דעם מדבּר.
דו בּיסט ווי טוי, וואָס פאַלט פון הימל,
פוילט זיך דער יאור צו הויבּן,
ווערן פאַרשטאָפּט די נעזער,
די מענטשן זיינען עלנד,
די קרבּנות פאַרשווינדן,
לענדער שטאַרבּן אויס.
שטייגט אָבּער דער יאור,
יובלט דעמאָלט די ערד.
דער מאָגן פרייט זיך,
דער רוקן לאַכט,
יעדער צאָן בּאַוויַיזט זיך.
ער לאָזט וואַקסן די בּיימער,
שטאַרקט די מענטשן.
קומט אָן דער געוויסער,
בּרענגען מיר קרבּנות,
שלאַכטן מיר רינדער,
שטאָפּן גענדז,
כאַפּן אַנטילאָפּעס
כּדי צו בּאַצאָלן פאַר דאָס גוטס,
ציטערט פאַר דער מאַכט,
וואָס גאָט האָט בּאַוויזן!
דו לאָזט גרינען בּיידע בּרעגעס,
לאָזט לעבּן מענטשן און פי,
אָ, יאור, דו גרינסט!
אָ, יאור, דו גרינסט!

אזוי האָבן געזונגען די כּוהנים אין די טעמפּלען אין טאָג פון „פולן טייך”, און מיט קרוגן, אויסגעבּרענטע פון טייך־שליים האָבן זיי געגאָסן פאַר גאָט סעבּ. דער גאָט סעבּ האָט פאַרקערפּערט דעם טייך, און די קרוגן האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט כּוהנים, ווייל ווי כּוהנים גיסן איבּער די קרוגן גאָטס גייסט צו מענטשן. די כּוהנים האָבן גערויכערט קטורת פון די שמעקעדיקע בּשׂמים און אין פאַרשטאָט האָט זיך געגרייט דער טייערסטער קרבּן פאַרן יאור — אַ יונגע בּתולה. אַ שיין אויסגעפּוצטע מיידל, מיט אַ קראַנץ פון לאָטאָסן אַפן קאָפּ, די גאַנצע אָנגעטאָן אין ווייסע בּלומען, וועט זיך וואַרפן אין טייך, אין דער רגע ווען דער וואַסער וועט דערגרייכן דעם העכסטן הייך, און אזוי בּאַצאָלן דעם יאור פאַר דעם גוטס און גליק, וואָס ער האָט געבּראַכט אין לאַנד. שוואַנגערע פרויען האָבן בּאַהאַלטן דעם שליים פון טייך, אים צו עסן פאַרן געבּורט, כּדי עס זאָל לייכטער זיין צו האָבן. מוטערס, בּיי וועמען די קינדער זיינען שלעכט געוואַקסן, זיינען געשטאַנען מיט זייערע קליינוויקסיקע קינדער בּיים טייך און געזונגען:

„ווי דו וואַקסט, אָ יאור, זאָל מיין קינד וואַקסן!”

צוזאַמען מיטן וואַסער זיינען געקומען צופליען פאַרבּיקע פייגלען פון דרום. פאַר די יעגער איז געווען לייכט זיי צו כאַפּן, און די פייגלען האָבן מיט זייערע לאַנגע שנאָבּלען געריייניקט די ערד פון שלאַנגען.

דער וואַסער האָט זיך געריסן אַלץ ווייטער און מיט אַ ווייסן שוים געריסן אַלץ, וואָס האָט זיך אים אַנטקעגן געשטעלט. דערבּיי האָט ער געשריען, געקלאַפּט, גערווישט אין איינקלאַנג מיט די טראָמפּייטן און פּויקן.

ווען דער וואַסער איז אָפּגעפאַלן, איז די ערד געבּליבּן בּאַדעקט מיט אַ דיקן בּרוינעם שליים, אף וועלכע עס וועט שפּעטער וואַקסן פאַלמען, ווייץ, געמיזע. די פּוערים האָבן געאַקערט מיט אַ זעקסאָקסיקן געשפּאַן. איינער האָט אָנגעפירט די אָקסן פאַרן קאָפּ, און צוויי אָנטרייבּער זיינען נאָכגעגאַנגען. ווייץ, קאָרן, גערשטן, פלאַקס, הירזש, האָבן בּאַדעקט די פעלדער. די פּולע גרויסע זאַנגען זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעבּויגענע קעפּ, ניט

קענענדיק זיך אויסגלייכן פון שווערקייט. אופגעזאַמלט די תבואה האָט מען אַף אייזלען, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא אַף זייער רוקן. אַ יונגער מצרי איז נאָכגעגאַנגען און האָט אונטערגעהאַלטן די זאַנגען זאָלן זיך ניט צעפאַלן. געדרעשט האָט מען מיט אָקסן, ביי וועמען די מיילער זיינען געווען געשלאָסן, זיי זאָלן די תבואה ניט אופעסן. דער שני למלך האָט געהייסן לויז לאָזן די מיילער ביי די אָקסן. זיי האָבן געגעסן צו זאַט און עס איז ניט קענטיק געווען, אַז עס איז ווייניקער תבואה געוואָרן.

די פרוכטביימער זיינען געווען געדיכט באַדעקט מיט פירות. גרויסע האַלב-רונדע ווייַנטרויבן, רויטע קיילעכדיקע מילגרוימען זיינען געהאַנגען רייפע און פולע און זיך ווי געבעטן מען זאָל זיי אַראָפרייסן. צוליב דער פייכטקייט איז באַזונדער גרויס געווען די גערעטעניש אַף טיימלען, וואָס האָבן געקרעפטיקט מיט זייער זאַפט. די שטילע ווינטעלעך האָבן ניט געשראָקן די באַנאַנען, וואָס זיינען געהאַנגען איינער איבערן אַנדערן און מיט זייערע ברייטע גרויסע בלעטער געוואָרפן אַ דערקוויקנדיקן שאָטן. דער גראָער פאַרב פון ערד האָט איצט ניט אַרויסגעקוקט, נאָר אַ גרינקייט האָט באַדעקט די גאַנצע וועלט, אַ גרינקייט, וואָס איז געווען באַשטראַלט מיטן ליכט פון יאַסמין און אָלעאַנדערס און באַרואיקט מיטן שאָטן פון פאַלמען. די בינען האָבן געזויגן דעם זאַפט פון די פאַרביקע בלומען און לאַנג איז שוין ניט געווען אַזוי פיל און אַזאַ זיסער האָניק ווי דער יאָר. קיינמאָל האָט מען אין מצרים ניט געהערט פון אַזאַ גערעטעניש. אין די ערטער, וואָס זיינען געווען ווייט פון טייך, איז ווין ניט געווען טייערער פון וואַסער. אויך דער פרייז אַף ברויט איז געפאַלן. אויף מענטשן פאַרקערט, איז דער פרייז געשטיגן. קיינער איז ניט געזעסן ליידיק. ווער עס האָט ניט געאַרבעט ביי זיך אין פעלד, האָט געהאַט צו טאָן ביי אַנדערע.

ווען די קלייטן זיינען געווען פול מיט תבואה, האָט מען גענומען בויען נייע. צווישן די פוערים און גוטבאַזיצער, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די מלוכה וועט אָפּקויפן די תבואה און באַצאָלן גרויסע געלטער. יעדערער האָט זיך געסטאַרעט אָנצוקלייבן

וואָס מער. דעם זעלבן יאָר האָט מען באַלד פאַרזייט א צווייטן מאָל, און די גערעטעניש איז געווען נאָך א גרעסערע. איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך אויסגעגאָסן א זאַטקייט און רחבות. ניט נאָר אף די פעלדער, נאָר אויך ביי מענטשן, ביי די שאָף איז געווען דער צוואַקס א גרויסער, פרויען האָבן געבאָרן צווילינגס און דרייליגנס, די שאָף נאָך מער. די בהמות זיינען געווען זאַט און פעט, דיקע און פיינע.

אַרום צפנת פענחן האָט זיך געפירט א גרויסע, פיבערהאַפטע אַרבעט. איילנדיק, ווי מען וואָלט זיך גרייטן צו א מלחמה, האָט דער שני למלך געבויט נייע שפייכלערס, געלאָזט מאַכן גרויסע קאַסטנס, אויסגראָבן קעלערס, וו אָפּצולייגן תבואות און פירות, און דאָס ניט נאָר אין נאַ=אמון, אויך אין נוף, אבידות, אמארנע, און אין אַנדער שטעט און דערפער פון מצרים.

אַרום גושן האָט צפנת פענח געלאָזט אויסגראָבן א ברייטן קאַנאַל. מיט א הויכן פאַס ערד האָט זיך דער קאַנאַל אָפּגעטיילט פון טייך. ווען דער וואַסער איז שטאַרק געשטיגן האָט ער אריבערגעגאָסן דעם פאַס ערד און פאַרפולט דעם קאַנאַל מיט וואַסער און שליים פון טייך. שפּעטער, ווען דער וואַסער אין יאור איז אָפּגעפאַלן, איז ער געבליבן אין קאַנאַל און אַזוי איז געבליבן אפן גאַנצן יאָר א רעזערוו פון טייך=שליים. טויזנטער מענטשן האָבן געאַרבעט אַרום קאַנאַל און אין טאָג פון „פולן טייך", ווען דער וואַסער האָט אַריבערגעגאָסן די דאַמבע און אַריינגעפאַלן אין קאַנאַל, זיינען אַלע כוהנים, חכמים, וואַסער=מעסטער, שרייבער און הויף=לייט געקומען זען דעם קאַנאַל. פרעה אַליין איז געקומען אָנקוקן דעם וואונדער. שפּעטער האָט מען געגראָבן נאָך קאַנאַלן, אין אונטערשטן און אייבערשטן מצרים.

פון ערשטן שניט האָט די מלוכה ניט געקויפט. ס'האָבן זיך אָנגעפילט די פּריוואַטע שפייכלערס. נאָר נאָכן צווייטן שניט, ווען אַנדערע פויערים האָבן זיך שוין געפוילט אַראָפּצונעמען די תבואה, האָט דער שני למלך פונאַנדערגעשיקט זיינע אָנגעשטעלטע און ביסלעכווייז גענומען איינקויפן די תבואות און פירות. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט חובות פאַר פרעהן, און מען האָט

בײַ זײ צוגענומען די גערעטעניש, װי צינזן. די שלוחים האָבן געמוזט צוטרײַבן די פױערים צו דער אַרבעט, זײ צוזאָגן אַ הױכן פּרײַז, כּדי זײ זאָלן אַראָפּנעמען די תּבֿואות און באַאַרבעטן די פעלדער. אין נידעריקן מצרים, װוּ די פּרוכטבאַרקײט איז געװען באַזונדערס גרױס, האָט מען געשיקט שקלאַפן אַראָפּצונעמען דעם שניט. מען האָט זײ געגעבן זאַט צום עסן, און די אַרבעט איז געגאַנגען פלײַסיק.

דעם נײַעם יאָר האָט זיך די גערעטעניש נאָך מער פאַר־שטאַרקט. די זאַנגען װײַז זײַנען אַרױסגעגאַנגען פון דער ערד אױסטערלישע, אָזעלכע, װאָס זײַנען נאָך קײנמאָל ניט געװאַקסן אױף די פעלדער פון מצרים. יעדער זאַנג האָט זיך געטײלט אױף נאָך אַנדערע זאַנגען, װי אַ בױם מיט צװײַגן. די װײַצנשטעקעלעך האָבן געהאַט ביז פופצן זאַנגען און אין יעדער זאַנג איז געװען פול מיט שװערע קערנער. אַפילו אױף די ניט פאַרזײטע פעלדער איז גע־װאַקסן פון די זױמען, װאָס דער װינט האָט פאַרטראָגן. גאַנץ מצרים האָט אױסגעזען װי אַ גרינער פעלד. די מיסט פון די שאָף האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די פּרוכטבאַרקײט פון לאַנד. עס איז שױן ניט געװען מער קײן ערטער, װוּ צו לײגן די תּבֿואות. דעמאָלט האָבן אָנגעשטעלטע פון שני למלך פונאַנדערגעפירט די אָנגעקױפ־טע תּבֿואות אין די צוגעגרײטע שפּײַכלערס. װײַץ באַזונדער, גערשטן באַזונדער און קאָרן װידער באַזונדער. די פּירות האָט מען צע־שניטן, געטריקנט אױפן זון, דערנאָך געפּרעסט אין די קעלערס און צונױפגעשאָטן אין ספּעציעל אױסגעגראָבענע גריבער.

אָבער אױך די פלײשן און די פישן האָט צפנת פענח גע־פונען אַ מיטל, װי אײַנצוהיטן אױף אַ לאַנגע צײַט. מען האָט זײ געדרײניקט, געזאַלצן, באַשאָטן מיט געװירצן, באַגאָסן מיט אײל און דערנאָך אױפגעלײגט אין די פריער צוגעגרײטע ערטער.

אױף אױפצוקױפן די תּבֿואות האָט מען לכתחילה באַשטימט באַזונדערע געלט, און הגם ס'איז אַלץ געװען שפּאָטביליק, דאָך האָט ניט געקלעקט קײן געלט, און מען האָט געמוזט פאַרטאָן די רעזערװן פון מלוכה־אוצר, מען האָט אַרױסגענומען די מטבעות,

וואָס זײַנען געווען אופגעשטעלט אין די אונטערערדישע צימערן. גרויסע שטיקער גאָלד און זילבער האָט מען צעקלאַפּט אַף קליינע שטיקלעך און באַצאָלט פאַר די תבואות. דאָס האָט אַלץ ניט געקלעקט און די מלוכה האָט זיך פאַרשולדיקט בײַ די פּויערים. די שרײַבער האָבן איצטער געאַרבעט מער ווי אַלעמאָל. אַלע, וואָס האָבן געקאָנט נאָר שרײַבן, זײַנען איצט געווען אָנגעדונגען בײַ דער מלוכה. אַף באַזונדערע טאָוולען איז געווען אָנגעשריבן דער חוב פון דער מלוכה בײַ די פּויערים אַפן רעכענונג פון די צינזן אַף להבא. קיין נײַע געלטער איז אין מלוכה=אוצר ניט אַרײַנגעקומען.

דעמאָלט האָבן זיך אופגעקליבן די יועצים, בראש מיטן אָנפירער פון פרעהס אוצר מען=כעפּרי=סענעב און זײַנען אַוועק צו פרעהן, אים דערציילן וועגן דער שלעכטער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער מלוכה=אוצר. עס שטייט פאַר א נײַע מלחמה מיט דזאַכי, און עס וועט ניט זײַן פאַר וואָס צו דינגען זעלנער און צו קויפן געווער. פרעה האָט געלאָזט רופן צפנת=פענחן און ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז די רײַכקייט וועט זיך שפּעטער צוריק אומקערן אין מלוכה=אוצר נאָך אין א גרעסערער מאָס, ווען מענטשן וועלן זיך נויטיקן אין ברויט מער ווי אין גאָלד. די זאַטקייט פון דער באַפעלקערונג איז דער בעסטער שוץ פאַר די גרענעצן, און קיינמאָל איז מצרים ניט געווען אַזוי זיכער, ווי אין די יאָרן. ס'וועט קומען א צייט, ווען די אַרומיקע לענדער וועלן אָנקומען נאָך ברויט אין מצרים און וועלן דאַנקען און זיך בוקן צו פרעהן. צוזאַמען מיט דער צאָל מענטשן וואַקסט אויך די מוטיקייט און שטאַרקייט בײַ זיי. צפנת פענח מיינט, אַז די אײַנגעקויפטע תבואה איז נאָך ווייניק אַף צו פאַרהיטן גאַנץ מצרים אין די שפּעטערדיקע הונגער=יאָרן. נאָכמער תבואה און עסנוואַרג מוז מען צוגרייטן. ער האָט פאָרגעלייגט צו נעמען די מענטשן, וואָס בויען פּאַלאַצן און פּיראַמידן, און זיי אַוועקשטעלן אַרבעטן אַף די פעלדער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון הונגער, ווען אַף די פעלדער וועט קיין אַרבעט ניט זײַן, וועט מען בויען נאָך העכערע און גרעסערע געבײַדעס. מען דאַרף אַפילו אויסבײַטן די איידלשטיינער און בריליאַנטן אַף מטבעות, און דערמיט אײַנקויפן תבואות, פאַרניצן

די מויל־אייזלען, די קעמלען, די סוסים און זייערע רייטערס צו פאַנאַנדערפירן די תבואות אין די שפּייכלערס.

צום גרויסן באַוווּנדערונג פון די יועצים, און צום האַרצווייטיק פון מען־כּעפרי־סענעב, האָט פּרעה צפנת פענחן געגעבן רעכט. נאָך מער, ער האָט אים באַשאָנקען מיט נייע מתּנות און אויסצייכענונגען, כּדי אים צו געבן מער מאַכט אף אויספירן זיינע פּלענער. ביז אים האָט נאָך קיינער ניט געהאַט אַזוי פיל מאַכט און כּבוד.

—אָן דיר טאָר קיינער ניט אופהייבן קיין האַנט און קיין פוס!
— האָט מען דערמאָנט דעם מאַניפעסט אפן נאָמען פון שני למלך. אָבער איבעריק איז געווען דער באַפעל, ווייל אויך אָן דעם האָט זיך דאָס פאָלק פרייוויליק אונטערגעגעבן זיין מאַכט. זאַט, רייך און רויק האָט זיך געלעבט אין מצרים און ביי אַלעמען איז די גליקלעכע צייט געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען צפנת פענח.

צפנת פענח אַליין האָט זיך געפילט גליקלעך. דער געפאַנגענער, איז איצט געשטאַנען בּראש פון גאַנץ מצרים. ער האָט אין זיך איבערגעלעבט די אופלעבונג פון לאַנד. ער איז פאַרבונדן מיט דער גליקלעכער צייט אין מצרים. די בּרכות פון גאַנצן לאַנד טראָגן זיך צו אים. אַף אים איז מקוים געוואָרן דעם זיידע יצחקס בּרכה: „ומשמני הארץ”, די ערד האָט אַרויסגעגעבן איר גאַנצע פעטס, איר גאַנצע רייכקייט.

ס'איז געווען דער חודש אלול פון זיבעטן יאָר פון דער גערעטעניש. אַלע אויסגעבויטע שפּייכלערס זיינען געווען איבערפילט מיט תבואה. ס'איז ניט געווען מער קיין אָרט ווו צו לייגן, ס'זיינען ניט געווען מער קיין הענט אופצוקלייבן די תבואות פון די פעלדער און די פרוכט פון די ביימער. דער יאור האָט פאַרגאָסן די לאַנד ביזן מדבר אַריין, אָבער די גאָלד און די זילבער פון מלוכה־אוצר, האָט זיך איצט אַריינגעגאָסן צו די גוטבאַזיצער און רייכע פועריים. אין דער צייט האָט זיך ביים שני למלך אין זיין קליינעם, אָבער באַקוועמען פּאַלאַץ, הינטערן שטאָט, אופגעקליבן עטלעכע נאָענטע פון זיינע מיטאַרבעטער, יועצים, זקנים, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געווען מיט צפנת פענחן. זיי האָבן

זיך אופגעקליבן אין גרעסערן, ליכטיקן צימער. אסנת האָט אַליין באַדינט די געסט, דערלאַנגט בעכערס מיט זיסן וויין פון איר אייגענער אויסאַרבעטונג. דאָ האָבן זיך געשפילט צוויי קליינע קינדער פון שני למלך. גלייך פון ערשטן בליק האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זייער ניט מצרישע אָפשטאַמונג. באַזונדערש איז עס קענטיק געווען ביים אינגערן אפרים, זיינע געקרייזלטע לאָקן, שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן, זיין באַוועגלעכקייט האָבן דערציילט וועגן אַ פרעמדער אָפשטאַמונג, וואָס וואַקסט גאָר פון אַן אַנדער לאַנד.

אַלץ איז דאָ געווען היימיש, אָבער די פנימער פון די געסט זיינען דאָס מאָל געווען ערנסט. ס'איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן עפעס וויכטיקעס צו זאָגן. צפנת פענח האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיין באַקוועמען נידעריקן שטול, און די געסט האָבן גענומען דערציילן וועגן דער אומצופרידנקייט, וואָס הערשט אין הויף צוליבן צופיל זאַמלען תבואה און פאַרלירן דאָס גאָלד און זילבער. פרעה גרייט זיך צו אַ נייע מלחמה מיט קדש און עס וועט ניט זיין מיט וואָס צו דינגען קיין זעלנער. די מצרים אַליין, אין זייער זאַטקייט און רייכקייט, ווילן גאָר ניט גיין צו דער מלחמה. זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן ווי זיך צו שלאָגן אַף אַ מלחמה, די אייזן און קופער האָט מען פאַרטאָן אַף צו באַאַרבעטן די פעלדער. עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער אונטערשייד פון רייכע און אָרעמע. די פויערים פאַלן איצטער ניט אַף די בייכער, ווען זיי דערזעען די רייכע אַפן גאַס. עס האָבן זיך פאַרטוישט די גרענעצן צווישן די שטאַנדן, וואָס איז דער יסוד פון דער מלוכה. אומצופרידן זיינען אויך די רייכע דערמיט, וואָס די צינזן פאַר דער מלוכה האָט מען איצט פאַרדאָפלט. דער שני למלך האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרגרעסערן שטאַרק די צינזן פון די רייכע, אַלץ כדי אָנצוגרייטן מער תבואה. דאָס ווייטערדיקע זאַמלען תבואה איז אינגאַנצן איבעריק. קיינמאָל וועט מען ניט קענען פאַרברויכן אַזוי פיל. די תבואה וועט צעפוילן.

דער שני למלך האָט דערקלערט זיינע געסט, אַז אומזיסט מיינען אַלע, אַז דער איצטיקער צושטאַנד וועט זיך שטענדיק ציען

מען פֿאַרגעסט, אַז די פֿרוכטבאַרקייט וועט פֿאַרבייגיין און ס'האָט טאַקע געשלאָגן די לעצטע שעה. נאָך יאָרן גערעטעניש, מוזן קומען די הונגעריאָרן. דעמאָלט וועלן אַלע איינזען, ווי נויטיק עס איז געווען צו זאַמלען תּבֿואה און ווי פּרעהס אוצר וועט זיך ווידער אָנפֿילן מיט גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער. זיכער זאָל מען אויך זיין וועגן דער גאַנצקייט פֿון דער תּבֿואה. די שפּייכלערס זיינען געבויט טיף אין טרוקענעם זאַמד, אַזוי אַז די תּבֿואה פֿוילט נישט. די פֿלייש און די פֿיש זיינען געזאַלצן, קיין מייז פֿרעסן זיי נישט, קיין היישעריק איז נישטאָ, און אַפֿילו גנבֿים האָבן אויפֿגעהערט צו גנבֿענען. די פֿאַרגרעסערטע צינזן, וואָס מע נעמט ביי די רייכע זאָלן אויך קיינעם נישט פֿאַרדריסן, ווייל דאָס גייט פֿאַרן צוקונפֿט פֿון לאַנד. אָבער אַזעלכע רייד איז דאָסמאָל קיינעם אין קאָפּ נישט געקראָכן. די זאַטקייט האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין מצרים, אַז קיינער האָט נישט געגלייבט אין הונגער. וועגן די מאָגערע קי און אויסגעברענטע זאַנגען אין פּרעהס חלום האָבן אַלע פֿאַרגעסן.

צפֿנת פּענח האָט זיך אויף אַ ווײַלע דערפֿילט פֿרעמד, איינזאַם. ער האָט אָבער זיין אַרבעט נישט אָפּגעלאָזן און מיט נאָכמער פֿלייס געזאַמלט אַן אומגעהייערע צאָל שפּייז אין לאַנד.

מיט יעדן טאָג האָט זיך צפֿנת פּענח אַלץ מער אַריינגעצויגן אין לעבן פֿון מצרים און שווער איז געווען אין אים צו דערקענען דעם אַמאָליקן יוספֿן, יעקבֿס געליבטן זון פֿון חבֿרון. מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אַלע זיינע אויסערגעוויינלעכע פֿעיִקייטן האָט זיך צפֿנת פּענח אָפּגעגעבן זיין גרויסער אויפֿגאַבע — אָנזאַמלען און איינהיטן אַזויפֿיל תּבֿואה, אַז אין מצרים זאָל קיין הונגער נישט זיין. די גאַנצע באַפֿעלקערונג מוז אַרבעטן אין די גוטע צייטן. די רעזערוון דאַרף מאַכן די מלוכה און נישט נאָר פֿון תּבֿואה, נאָר אויך פֿון פֿי און פֿון פֿיש און פֿון גראָז, איינהיטן דעם לעבן אין גאַנצן לאַנד אויך אין דער צייט, ווען דער טייך וועט זיך נישט פֿונאַנדערגיסן. די מצרים זיינען אונטערוואָרפֿן דעם יאור, דעם שפּייזער און פֿאָטער פֿון לאַנד און טראַכטן נישט וועגן דער צייט, ווען דער יאור וועט זיך נישט פֿונאַנדערגיסן.

נאר צפנת פענח האט געטראַכט ווי צו געפינען אן עצה, געזוכט א מיטל קעגן טייך, ווען ער וועט בלייבן אין די ברעגעס. אָנגרייטן פון דער גוטער צייט אַף דער שלעכטער, מאכן רעזערוון, און זיי ריכטיק צעטיילן, איז געווען אַ דערפינדונג פון צפנת פענחן, וואָס האָט שפּעטער געראַטעוועט מצרים און די גאַנצע וועלט פון הונגער.

גאַנץ מצרים, אַלע געלערנטע און מלוכה־לייט האָבן נאָכ־געקוקט דעם שני למלכם אַרבעט. זיין אָפּשטאַמונג איז פאַרגעסן געוואָרן און זיין אופשטייג איז געווען ביי אַלעמען אַף די אויגן. קיינעם וויל אַפילו אין זינען ניט אַרוף, אַז צפנת פענח, דער רעטער פון מצרים, דער שענסטער מאַן פון לאַנד איז ניט קיין מצרי, נאָר אַן עברי, א געוועזענער קנעכט פון כנען. פאַרגעסן וועגן דעם האָט אויך צפנת פענח אַליין, אויף מצריש האָט ער גערעדט און אויסגערעדט דעם לשון קלערער און בעסער ווי די מצרים; די מצרישע געשיכטע, די פאַרגאַנגענהייט פון מצרים האָט ער גע־קענט בעסער ווי אַנדערע. און זיין ליבע צו דעם לאַנד, צו זיין גרויסער אַרבעט איז אַלץ געוואַקסן, קיינער איז ניט געווען אַזוי געטריי, אַזוי איבערגעבן צום פאָלק, דעם לאַנד ווי צפנת פענח. זייער זעלטן האָט ער געטראכט וועגן זיין אמאָליקער היים, אפילו וועגן יעקבן.

—ווען ער וואָלט וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט מיר, וואָלט ער ניט געדאגהט — איז אים דורך א געדאנק, — אפשר איס געבן צו וויסן, אָבער זייער קומען וואָלט געשאַדט דער ארבעט, זיין גרויסער אופגאַבע, זיין לאגע ביי פרעהן. עברישע פאַסטעכער זיינען דאָ גאָר קיין יחסנים ניט. זיין אָפּשטאַמונג איז פאַרגעסן, און ער איז ניט מחויב עס צו דערמאָנען...

הונגער־יאָרן

זיי זיינען געקומען אומגעריכט.

די מענטשן זיינען געווען אזוי זיכער, אַז אפילו נאָכן מולד פון חודש אב, ווען דער וואַסער פון טייך נעמט זיך געוויינלעך הייבן און דאָסמאָל איז ער געבליבן נידעריק, האָט מען פארגעסן צו ברענגען קרבנות די געטער. באלד האָבן זיך אופגעהויבן די מזרח־ווינטן, וואָס האָבן געבראַכט גאנצע בערג מיט זאמד. דער מדבר האָט זיך צוגערוקט צום טייך און פאַרשאָטן גרויסע שטיקער ערד.

איין צפנת פענח איז געווען אף דער וואַך. ער האט געדונגען טויזנטער מענטשן, זיי זאָלן אַרבעטן ביים טייך. מען האט געשלעפט שטיינער פון אַרום און געוואָרפן אין טייך, כדי דעם וואַסער צו הויבן, מענטשן זיינען געשטאַנען ביז איבער די קני אין וואַסער, געשעפט דעם שליים מיט קרוגן, מיט קערב פונאנדערגעטראָגן איבערן לאנד. מען האט אלע קריג פאַרנוצט און אין איילעניש נייע געברענט, קערב געפלאָכטן. ווען די מענטשן זיינען ניט פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט מען צונויפגעטריבן די פערד און אייזלען, זיי זאָלן דעם שליים פונאנדערפירן און צעוואַרפן איבער דער ערד.

דאָך האָט עס ווייניק געהאָלפן. קיין טראָפן רעגן איז ניט אַרויסגעפאַלן, און די ערד האט זיך פון היץ געשפּאָלטן. די ערד איז געוואָרן ציגל־רויט פון טרוקנקייט. דער גרינער דעקטוך איז פארפאלן געווארן און די גראָז, וואס איז אויסגעוואקסן, האט באקומען א גראָען קאָליר און איז אומעטיק געפאַלן צו דער הארטער ערד. מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ זיינען אויך געשטאַנען די שאָף, די רינדער, די שטומיקע חיות. קיין פויגלען זיינען ניט געקומען צו פליען, און די, וואָס זיינען געווען, האבן פאַרגעסן צו זינגען.

לאנג האט שוין מצרים אזא היץ ניט געדענקט. עס איז געווען די היץ פון מדבר, וואס ברענט ווי פייער. מענטשן זיינען געלעגן פארשמאכטע, אויסגעטריקנטע, מידע, פוילע, און ווילן צום לעבן, צו באוועגונג, זיי האבן זיך געפוילט אפילו צו זוכן ערגעץ א שאטן, וווּ זיך אפצופרישן. דער געלער, טרוקענער זאמד האט מנצח געווען דעם קלארן נאסן יאור און צוגענומען פון אים אלץ מער און גרעסערע שטיקער ערד.

די פרוכטבארקייט האט זיך איצט ביי אלעמען פארקלענערט. אויסגעטריקנט, מיט פארדארטע בלעטער זיינען געשטאנען די ביימער, די שעפסן און די בהמות זיינען דעם יאר מיט קיין רינד ניט פארגאנגען, אין טייך איז קיין פיש ניט געווען, פרויען האבן קיין קינדער ניט געטראגן.

די כוהנים האבן געזארגט וועגן גאט פון טייך, וועגן סעבן. זיי האבן אים געוועקט, געלייגט שלאפן, אים געבענטשט און זיך געלאזן פון אים בענטשן, געריכערט די טייערסטע קטורת. די זינגערקעס און די שפילערס האבן געזונגען און געשפילט אויפ־מונטערדיקע לידער, עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפן, דער טייך האט זיין נאסקייט ניט ארויסגעלאזן. דער הונגער, די טרוקנ־קייט איז אריין ניט נאר אין די פעלדער, אין די ביימער, נאר אויך אין די גלידער פון מענטשן. יעדער גליד באזונדער איז געווען פארטריקנט, ניט געקענט אויספירן זיין ארבעט, די ליפן ביי די מענטשן זיינען געווען פארברענט און צעשפאלטן ווי די פעלדער, און קוים וואס זיי האבן זיך באוועגט; די הענט זיינען גע־ווארן געל ווי דער זאמד און קיין ארבעט ניט געקענט אויספירן; די בויך איינגעפאלן, די פיס אויסגעדארט און מענטשן האבן זיך ניט געקענט פון ארט רירן, שטענדיק געווען שלעפעריש.

דער מדבר האט ווי א שונא אין מלחמה וויסט געמאכט גרויסע שטיקער ערד. די פויערים פון די וויסטע ערד האבן די ערשטע דער־פילט דעם הונגער. צוזאמען מיט זייערע ווייבער און קינדער האבן זיי זיך אופגעקליבן אין מיטן טאג אין מארק, ווען די זון האט געברענט איבערן קאפ. הונגעריקע און שלעפעריקע זיינען זיי גע־

בליבן ברענען זיך אף דער זון, זייער צאָל איז געוואַקסן און די שוטרים האָבן זיי צעטריבן מיט שטעקנס.

א שרעקלעכער אומעט, א טרויער איז ארופגעפאַלן אף חיות, אף מענטשן, אף אלץ, וואס האט געלעבט. די קעלבלעך האבן ניט געשפרונגען, די פערד האבן ניט געהירזשעט, קינדער האבן ניט געשטיפט, ניט געלאַכט, פרויען האבן זיך ניט געפוצט, מענער האבן זיך ניט געפרייט, אויסגעלאָשן איז געווארן די פרייד פון מצרים. מענטשן האבן פאַרלארן די האפענונג, מען האט אף קיין זאך ניט געווארט, ניט בייטאג אף דער נאכט, און ניט ביינאכט אפן טאָג.

פאַר געלט איז נאך געווען צו קריגן ווו צו קויפן תבואה. די פרייזן אָבער זיינען געשטיגן. פאַר אַ מעסטל תבואה, וואס מען האט פריער געקאָנט אויסבייטן פאַר א ציגנפעל, אָדער קויפן פאַר עטלעכע פרוטות, האט מען איצט געמוזט צאָלן א האלבן שקל. שפעטער, ווען עס איז געקומען די צייט פון שניט, און ס׳איז ניט געווען וואס צו שניידן, פון די ביימער האט מען אופגעזאַמלט ווייניק פרוכט, האבן די האלב-הונגעריקע מענטשן אנגעפילט אלע מארקפלעצער, שיינקען און בירהייזער. אין די בתי-מקדשים פון אלע געטער, אפן מארק, ביים טייך, אומעטום האט מען דערציילט ווי דער הונגער האט זיך ארייגעריסן אין די הייזער. מענטשן האבן ווי פי געגעסן ווארצלען, גראז. ווער עס האט געהאט שאף, האט געגעסן פלייש אנשטאט ברויט.

אין נוף, אבידות און אנדערע שטעט האבן זיך מיטאמאָל באוויזן די כנענים, וואס האבן אפגעקויפט ביי די רייכע מצרים די רעשטן פון זייערע תבואה. די כנענים האבן פונאנדערגעפירט די תבואה אין אלע עקן פון מצרים און דערביי פאַרדינט גרויסע געלטער. זיי האבן נאך ניט באוויזן אויסצוציילן די גאלד און זילבער, וואס צו זיי איז ארייגעקומען, ווי זיי האבן שוין ניט געהאט קיין תבואה צו פאַרקויפן, און גראד זיינען געקומען סוחרים אויך פון אַנדערע לענדער, פון חיתים און פון פלשת-לאַנד, פון כוש און פון לוב, אפילו פון די אינדזלען פון גרויסן ים זיינען געקומען תבואה-סוחרים.

און דער הונגער אין לאַנד איז אַלץ געוואַקסן. מען האָט געשאָכטן די שאָף און גענומען זיך צו די מולאייזלען, צי די פערד. מען האָט צעשטויסן זייערע ביינער און געגעסן. אַף דער ערד זיינען געלעגן מענטשן פאַרשמאַכטע פון הונגער. אַנדערע האָבן געהאַט שפּייז פאַרבאַהאַלטן אין די גריבער, געטריקנטע טייטלען, אָדער אַביסל מעל. ביינאַכט, קיינער זאָל ניט וויסן, האָבן די מענטשן דאָס געגעסן. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מגפה אין לאַנד. מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן. ביי מוטערס, וואָס האָבן געדאַרפט געבאָרן קינדער, זיינען די קינדער פאַרפאַלן געוואָרן. מען האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן זיי אופגעגעסן.

אויך די כהנים זיינען געוואָרן אומרויק. די, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום הויף, זיינען געווען זאַט. די איבעריקע אָבער האָבן שוין געפילט די שלעכטע ציי‍טן. באַזונדערש אומרויק זיינען געוואָרן די כוהנים פון אמון און אסיריסן דערפאַר, וואָס אין מצרים האָבן זיך פאַרשפּרייט געהיימע מזבחות פון אפּגאָט מולך. דאָס איז געווען אַ כנענישער בייזער גאָט, וועמען מען האָט געקאָנט באַפרידיקן נאָר מיט מענטשלעכע קרבנות. דער בעסטער קרבן ביי אים איז געווען אַ יינגל, וואָס די עלטערן אליין האָבן אים מקריב געווען. אַ קופּערנע סטאַטוע מיט אַ גרויסן בויך האָט פאַרגעשטעלט מולכן. פון אונטערן בויך האָבן זיך אַרויסגערוקט צוויי גרויסע הענט, וועלכע פלעגן צונעמען דעם קרבן און אַריינוואַרפן אין מויל פון אָפּגאָט. אין בויך ביי אים האָט געברענט אַ פייער, און פלאַמען האָבן אופגעכאַפּט דעם געבונדענעם קרבן. אין מצרים האָט מען ניט געוווּסט פון מולכן, איצט אָבער, צוליבן הונגער, האָבן זיך זיינע כוהנים, אין געלע מלבושים מיט רויטע שאַרפן איבערן קאָפּ, באַוויזן אין לאַנד און געזוכט קרבנות. עלטערן האָבן פאַרקויפט די כוהנים זייערע קינדער, כדי צו שטילן דעם הונגער. אַנדערע פלעגן זיך לאָזן לויפן פון שרעק, ווי זיי פלעגן נאָר דערזען דעם קופּערנעם אָפּגאָט, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף מעטאַלענע צילינדערס מיטן הינטן פאָרויס. אן אימה האָט ער אָנגעוואָרפן אַף די מענטשן. ס'האָבן זיך אויך באַוויזן אַנדערע גרעסערע געטער אין מצרים, דער בעל-פעור, דער

מדיונישער גאָט פֿון די הייליקע בערג, דער בעל־זבוב, דער גאָט פֿון אויסגעלאַסנקייט, אדרא־מלך, דער גאָט פֿון די כשדים, דער שוואַרצער נבו, צערטאַ, מיט אַ פּנים פֿון אַ בתולה האָט אַרומ־געפּויזשעט אַף פֿלוספּעדערן. אירע כּוהנים האָבן געטראָגן אין קערב קליינע ברויטלעך, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט דאָס פֿרויענגעשלעכט און געריצט דעם אַפּעטיט בײַם פֿאָלק. פֿאַרגעסענע קליינע געצן זײַנען איצט ווידער פֿאַרהייליקט געוואָרן און זייערע כּוהנים זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער.

די כּוהנים פֿון אמון, אסירים, איסעט און תּור האָבן זיך געקלאָגט פֿאַר פּרעהן, וואָס איז אויך אַליין געווען דער כּוהן־גדול פֿון אמונען, אויף די נײַע אמונות אין לאַנד. זיי האָבן אים געבעטן הילף קעגן די נײַע געטער, וואָס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט. פּרעה האָט גערופֿן דעם שני למלך און אים געפֿרעגט וועגן דער לאַגע אין לאַנד. צפנת פענח האָט דערציילט וועגן הונגער און אַלגע־מיינער דערשלאָגנקייט, וואָס הערשן אין מצרים. דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען דאָס לאַנד, איז פֿונאַנדערטיילן די תּבואות, וואָס מען האָט צונויפֿגעקליבן אין די פֿריערדיקע יאָרן. די בּנענים באַטן אָן ריזיקע סומעס פֿון געלט פֿאַר די תּבואה־רעזערוון. זיי וועלן אַרײַנפֿירן אין מצרים אַזוי פֿיל געלט, וויפֿיל ס׳איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין לאַנד. אָבער די מענטשן וועלן דעמאָלט אויסשטאַרבן פֿון הונגער, און די בּנענים וועלן באַקומען אַ גרויסע מאַכט אין לאַנד. זאָל דער הייליקער פּרעה דערלויבן בּיסלעכווייז פֿאַרקויפֿן תּבואה, וויפֿיל אַ משפּחה דאַרף האָבן צו עסן. מען מוז אָבער אויך אָרעמע־לײַט אַרויסגעבן אומזיסט, כּדי דער טויט זאָל ניט הערשן איבער מצרים. די כּוהנים האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט זײַן אַ גוטער מיטל קעגן מולכן, און צוגערעדט מען זאָל אויספֿירן די רייד פֿון שני למלך.

פּרעה האָט איצטער דערמאָנט זײַן חלום מיט זיבן יאָר צוריק וועגן די מאָגערע קי און די אויסגעשלאָגענע זאַנגען, און האָט דערלויבט יוספֿן טאָן אַזוי ווי ער פֿאַרשטייט. נאָר צו צוויי מאָס געדרשטן און אַ האַלבן מאָס ווייץ האָט מען געגעבן אַף יעדן מענטשן פֿון אַ משפּחה. באַזונדערש האָט מען געגעבן זריעה,

מען זאָל פאַרזייען די פעלדער, ווי אַלע יאָר. עס איז אָבער זייער ווייניק אויסגעוואַקסן און דעם נייעם יאָר האָט מען ווידער געמוזט אָנקומען צו די שפּייכלערס פון דער מלוכה.

נאָך ערגער פון הונגער איז געווען די מורא פאַרן הונגער. אַפילו מענטשן, וואָס זיינען זאַט געווען, וואָס האָבן נאָך געהאַט געגנוג שפּייז אין די גריבער, געטריקנטע פיש, געזאַלצענע פלייש און גערשטן־מעל, זיינען ניט רויק געווען. אין עסן האָבן זיי קיין זאַט ניט געפילט, אַזוי ווי אנשטאַט בייכער וואלט ביי זיי געווען אַן אָפּגרונט, ווו דאָס עסן ווערט פאַרפאַלן. פּרעהס חלום, אַז די מאָגערע קי עסן אויף די פעטע און קיין פולקייט איז ניט קענטיק, האָט זיך אויסגעגאָסן אַף גאַנץ מצרים, אַף אַלע מענטשן. אָט האָט דער רייכער זופּיס אינדערשטיל, ווי גנבענענדיק פון זיך אַליין, זיך אַראָפּגעלאָזן אין קעלער. אופגעגעסן דריי פלעצלעך פון גערשטנמעל, פאַרביסן מיט אַ ווייצן־פלעצל, אויסגעשמירט מיט שעפּסן־פעטס, אַ גאַנצן פיש מיט די ביינער אַראָפּגעשלונגען, און נאָך פאַרזופּט אַ פלאַש ביר. אין דער געוויינטלעכער צייט, וואָלט ער קיין העלפט ניט אופגעגעסן און זאַטערהייט געלייגט זיך שלאָפן. איצטער אָבער נאָגט אים נאָך דער הונגער, און ער האַלט ניט אויס און לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אין קעלער, עסט אויף נאָך אַ שטיק פערדנפלייש.

איבערן לאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייער מין פאַרברעכן: גנבענען מענטשן. קינדער פלעגן פאַרפאַלן ווערן, פרויען פלעגן פאַרנאַרט ווערן. איבער רויק פאַרבייגייענדיקע מענטשן פלעגט מען מיטאַמאָל, פון אַ ווינקל אַריבערוואַרפן אַ שטריק און אַריינציען אין אַ נעסט, ווו עס האָט זיך פאַרקליבן אַ מחנה מענטשן־פרעסער.

באַזונדערש האָבן געליטן די ערדלאָזע פּויערים. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין האָפענונג, ווען עס איז זאַט צו ווערן. אָבער ניט בעסער איז אויך געווען די, וואָס האָבן געהאַט ערד. ווארום אַפן צווייטן און דריטן יאָר איז אויסגעוואַקסן נאָך ווייניקער. מען האָט באַאַרבעט די ערד, נאָר כּדי זי זאָל ניט אינגאַנצן וויסט ווערן. דער יאור האָט זיך אַליין פאַרשמעלערט, די ערד האָט זיך

צעשאָטן אין אַ טרוקענעם זאַמד, דער הימל איז געווען שטענדיק לויטער און האַרט ווי קופּער.

אין דער אומגליקלעכער צייט האָט דער שני למלך ברייט געעפנט די שפּייכלערס מיט די אָנגעגרייטע תבואות. צפנת פענח איז געוואָרן דער רעטער פון לאַנד. ברויט איז געווען אָנגעקליבן גענוג אויף יאָרן, מען וועט קענען אויפהאַלטן דאָס לעבן אין לאַנד ביז דער יאור וועט זיך ווידער פונאַנדערגיסן. דאָך איז פאַרגעשטאַנען א שווערע און גרויסע אַרבעט. די שווערקייט ליגט אין גלייכמעסיקן און נוצלעכן פונאַנדערטיילן ברויט אין אַ הונגעריקער וועלט. יעדער וויל באַקומען, רייסט מיטן אימפּעט פון אַ הונגעריקן, און ניט נאָר צו שטילן דעם הונגער, נאָר אויס שרעק פאַרן הונגער, צו שטילן די מורא פאַרן מאָרגעדיקן טאָג. און אין שרעק פאַרן מאָרגן, איז ער גרייט אומצוברענגען אַנדערע מענטשן.

רעכט צו באַקומען ברויט האָט פריער געגעבן אַרבעט, אָדער אייגנטום אויף ערד, אויף מענטשן. איצט איז דאָס אַלץ פאַרביי. עס איז נאָר געבליבן איין רעכט — דער הונגער. מענטשן האָבן געשריען, געבעטן, געווײנט, געשלאָגן זיך — מיט איין טענה: „מיר זיינען הונגעריק“. מען איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, מען האָט דערהרגעט אַנדערע—מיט איין פאַרענטפערונג: „מיר זיינען הונגעריק“.

דעמאָלט האָט מען אין יעדער שטאָט געעפנט פלעצער, וווּ די אָנגעשטעלטע פון שני למלך האָבן פאַרקויפט תבואה. זיי האָבן אָבער ניט פאַרקויפט מער וויפיל א מענטש מוז האָבן פאַר זיין חיונה. אין לאַנגע פּאַפּירוסן האָט א גאַנצע מחנה שרייבער איבער גאַנץ מצרים געפירט רשימות פון די, וואָס קענען באַקומען אומזיסט ברויט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. די אַלע זיינען געווען באַפרייט פון צינזן. אָבער אויך די רייכע האָבן איצטער ניט געצאָלט קיין צינזן, מען האָט זיי נאָר פאַררעכנט ווי צינזן די תבואה, וואָס מען האָט ביי זיי גענומען אין די זאַטע יאָרן.

שוין אינעם צווייטן יאָר האָט זיך די גאַנצע רייכקייט פון מצרים אויפגעזאַמלט אין פרעהס אוצרות. עס האָבן זיך צוריק אומגעקערט די טייערע שטיינער, די גאָלד און זילבער, וואָס מען האָט פריער אויסגעצאָלט פאַר אַרבעט און תבואה. אין פרעהס

אוצר האָט זיך א שאָט געגעבן א נייער קוואַל פון גאָלד און טייערע שטיינער, וואָס מען האט קיינמאָל גאָר דערפון ניט געוווּסט, וואָס זיינען געלעגן באהאלטן אין די פאַרבאָרגנסטע לעכער. איצט האט מען דאָס אַרויסגענומען צו קויפן ברויט. פון פאַרשיידענע שטעט אין מצרים זיינען געקומען אלץ נייע שלוחים, געפאלן אף די בייכער און געבעטן זיך ביים שני למלך:

— גרויסער האַר, וואָס לויכט אזוי, ווי דער הייליקער פרעה! מען טאָר ניט לייקענען פון גרויסן האַר, אז ס'האט זיך שוין אויסגעשעפּט אונדזערע געלט און די פי האט זיך געענדיקט. מער ניט דער גוף און די ערד איז אונז געבליבן. פאַרוואס זאָלן מיר אויסשטאַרבן פאר דיר אין די אויגן? מיר און אונדזער ערד! קויף אונדז אָפּ פאר ברויט און מיר וועלן זיין קנעכט פאר פרעהן, גיב אונדז זריעה און לאָמיר לעבן און ניט שטארבן, און די ערד וועט ניט פארוויסט ווערן.

די מצרים האָבן פארקויפט זייערע פעלדער פרעהן, און אזוי איז די גאנצע ערד אריבער אין אייגנטום פון דער מלוכה. אויב עס איז וואס אויסגעוואקסן, האָט מען א פינפט חלק פון דער אויסגעוואקסענער תבואה געמוזט באצאָלן פארן חוב און די איבעריקע געהאט פאר זיך צום לעבן. אף אזא אופן האבן זיך ניט אויסגעשעפּט די תבואה-רעזערוון, וואָס מען האָט צונויפגעקליבן. אלע מצרים זיינען איצט געווען ווי קנעכט ביי דער מלוכה. קנעכטשאפט פון איין מענטשן צום אנדערן, פון אָרעמען צום רייכן איז אינגאנצן אָפּגעפאַלן. טויזנטער מענטשן האט ער אריבערגעפירט אין די וויניק באזעצטע ערטער, און האָט זיי געצוווּנגען באארבעטן די ערד, כדי צו ראטעווען די מענטשן פון ליידיקגיין און די ערד פון וויסטקייט. ווער עס האָט ניט באַארבעט די ערד, איז געווען פאַרנומען ביי מאַכן נייע וועגן, בויען הייזער און פּאַלאַצן.

נייע דערפער, גאנצע שטעט זיינען אופגעוואקסן. איבער די וועגן האָבן זיך געצויגן מענטשן מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָב און גוטס. מען איז געלאָפן פון די איינגעזעסענע הונגעריקע ערטער אין די נייע, ווי לויט דער פאַראָרדענונג פון שני למלך

האט מען אַרויסגעגעבן ברויט און זריעה. דאָס לאַנד האָט זיך אויסגעשפּרייט, געוואָרן גרעסער, מער שטעט און דערפער. דאָס איז געווען א מלחמה מיטן מדבר, א מלחמה מיטן הונגער. דער אָנפירער פון מלחמה איז געווען דער שני למלך. ברכות פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן צום רעטער פון לאַנד, צו דעם, וואָס האָט זאט געמאכט הונגעריקע, באַגליקט די וועלט, צו — צפנת פענח. קנעכט, וואָס האָבן מיט שווייס געאַרבעט ביי אַנדערע, ווען מען האט מיט שטעקנס געשלאָגן, זיינען איצט פריי געוואָרן, מענטשן פאר זיך. רייכע ליידיקגייער, וואָס האָבן זיך פריער פארנומען נאָר מיט גע׳עג און ארומפאָרן אף די שיפלעך, ווען מען האָט אַרומגעטראָגן אין טראָג־בעטלעך, זיינען איצטער געשטאַנען אין ווייטע דערפער ביי דער ארבעט, גלייך מיט אנדערע.

אַ סך מענטשן זיינען געווען פאַרנומען ביי בויען די פּיראַמידן, ברענגען גרויסע שטיינער פאַר די אָבעליסקן. קיינמאָל האט מען נאָך ניט אויסגעבויט אַזוי פיל פּאַלאַצן ווי אין די הונגער־יאָרן. פאַר דער אַרבעט האָבן מענטשן באַקומען באַצאָלט מיט ברויט. זיי זיינען געווען צופרידן און מיט פליים אופגעבויט הויכע און גרויסע געביידעס פון ציגל, אַלעבאַסטער און גראַניט.

שוין גאָר די געלט, די צירונג, די טעפּיכער און אַנדערע טייערע חפצים האָבן זיך אופגעקליבן אין פּרעהס אוצרות, און די שפּייכלערס זיינען נאָך געווען פול, תבואה איז נאָך געווען אָנגעגרייט אַף לאַנגע יאָרן. אַף די וועגן אין נא־אמון צו דער אַלטער שטאָט טינים, צו נוף, פּי־בושת האָבן זיך געצויגן לאַנגע קאַראַוואַנען פון פאַרשיידענע לענדער אַרום מצרים און פון די ווייטסטע קאַנטן, ווו עס איז נאר דערגאַנגען דער קלאַנג, אז אין מצרים פארקויפט מען תבואה. די קעמלען האבן געפירט זעק מיט מטבעות פון אנדערע לענדער, צוגעשיקטע שטיקער גאָלד, מיט דער האָפנונג צוריקצופירן געריטן און ווייץ. איבער אלע לענדער פון מזרח און דרום, אין פוט און אין לוב, אין כוש און אין כנען, אין מדין און איבער די אינדזלען פון גרויסן ים האָט געהערשט א הונגער, און מיט באַגייסטערונג האָט מען אופגעכאַפּט

די קלאַנגען, אַז אין מצרים פאַרקויפט מען ברויט אויך אַנדערע לענדער. יעדע לאַנד האָט אַרויסגעפירט דאָס בעסטע אין מצרים' איז געווען גרייט מיטן גוטן ווילן אונטערצוואַרפן זיך פּרעהן' צאָלן אייביקע צינזן, שווערן טרייקייט, נאָר מען זאָל פאַרקויפן ברויט. אַ לאַנד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גאָלד, האָט געפירט מענטשן, שקלאַפן, זעלנער. ווי פון זיך אַליין האָט זיך די מאַכט פון מצרים פאַרשפּרייט אומעטום.

אָבער ניט נאָר תבואה, אויך אַנדערע סחורות האָט מען איצט געפירט פון מצרים. באַזונדערש פיל האָט מען אַרויסגעפירט די פּאַפּירוסן אין דושאַכי, ווו מען האָט שוין פון פריער געוווּסט די חכמה פון שרייבן אויף ליימענע טאָוולען. איצט האָבן זיי אויסגעקוקט אין מצרים די בלעטער פון פּאַפּירוס, וואָס איז לייכט צו טראָגן און איז באַקוועם צום שרייבן. די פּאַפּירוסן האָבן פונאַנדערגעפירט די סוחרים פון כנען איבער אַלע אַנדערע לענדער און צוזאַמען דערמיט זיי אויסגעלערנט ווי צו באַנוצן זיך דערמיט.

אין די הונגער-יאָרן איז צפנת פענח געווען נאָך מער פאַרנומען, ווי אין די זאַטע. ער האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט אין הילף, געזאָרגט, אַז די ברויט זאָל גלייכמעסיק פונאַנדערגעטיילט ווערן. די שרייבערס האָבן געפירט גענויע רשימות פון די אַלע, וואָס באַקומען ברויט, זיי זאָלן ניט אָפּנאַרן און באַקומען אין דער זעלבער צייט אַ צווייטן מאָל. מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער אַרויסגעגעבן די תבואה אין פרעמדע לענדער, אויב ער איז נאָר געווען זיכער אין זייער טרייקייט צו מצרים. מצרים איז געוואָרן די רייכסטע און בעסטע לאַנד. און דער קלאַנג וועגן מצרים און איר שני למלך האָט געהילכט אין דער גאַנצער וועלט, אין די ווייטסטע מדינות.

מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זיין נשמה האָט צפנת פענח געקרענקט איבערן הונגער אין לאַנד, איבער די געפאַלענע מענטשן. ווידער ווי אַמאָל אין תפיסה האָט ער דערפילט די אינערלעכע גלייכהייט פון אַלע מענטשן. דער פולער טייך, די זאַטקייט האָט צעטיילט מענטשן אין רייכע און אָרעמע, אין מעכטיקע און שוואַכע.

איצט האבן זיך אלע אויסגעגלייכט. אלע זיינען גלייך געפאַלן, אַלע זיינען שוואַך. צוזאמען מיט די שלעכטע יאָרן האבן זיך אומגעקערט די געדאנקען וועגן דער שלעכטער צייט, וועגן דער גרוב, וועגן דער צווייטער און וועגן דער ערשטער גרוב, וועגן יוגנט און וועגן דער קינדהייט, וועגן היים, וועגן יעקבן.

— ווער ווייס, אויב זיי הונגערן דארט ניט, צי האט יעקב אַף דער עלטער זיין ברויט, צי איז ניט געקומען די צייט זיי צו העלפן, אויסשטרעקן א האנט?

די געדאנקען האבן ארויסגערופן אן אומרו ביים שני למלך פון מצרים, און מיט נאך מער פלייס און איבערגעבנקייט האט ער זיך געוואָרפן אין זיין ארבעט — ראטעווען מצרים און די גאנצע וועלט פון הונגער.

יוספס שאטן
אין יעקבס געצעלט

אין חברון
די היים אין טרויער

נאָכדעם ווי יעקב האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געשיקט יוספן אין שכם באַזוכן די ברידער, און צוריק איז ער שוין קיינמאָל ניט געקומען,—איז יעקבס געצעלט געווען איינגעהילט אין אַ טיפן טרויער.

איינזאַם, פאַרטראַכט, הינקענדיק, ווי געוויינלעך, פלעגט יעקב גאַנצענע טעג אַרומגיין איבער די פעלדער, איבער די גראָע בערגלעך אַרום חברון, זוכנדיק עמיצן, און ביינאַכט שלאָפלאָז אַרומוואַרפן זיך אויפן געלעגער. אַמאָל איז אין זיין הינקען געווען עפּעס גרויסעס, עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט דעם מענטשן אָן פאַרגאַנגענע, אָבער גרויסע פאַרדינסטן, קאַמפן; איצט האָט ער פשוט געהונקען און צוגעהאַלטן דעם שטעקן אַמאָל אין דער רעכטער האַנט, אַמאָל אין דער לינקער. זיין דינע, צאַרטע הויט איז געווען צעקנייטשט, באַזונדער האָבן זיך אויסגעטיילט די קנייטשן אַרום די ליפּן, וואָס האָבן קרענקלעך פאַרהאַלטן און ניט געלאָזט אַראָפּקייקלען פון זיך קיין שמייכל. די אויגן זיינען געווען אויסגעוויינט, און זעלטן, זעלטן פלעגט זיך אין זיי אָנצינדן אַ פייערל — אַמאָל אַ גוטער, פול מיט האָפענונג, אַמאָל אַ בייזער, פון כעס און צאָרן. דער ברייטער שטערן טיף געגרונצלט, דער באָרד ווייס, די בויך איינגעפאַלן, די פּיס אויסגעדאַרט. אַזאַ איז געווען יעקב מיט זיינע שרעקלעכע מחשבות, עלנט אין זיין איינזאַמקייט.

אַמאָל איז ער געווען באַרידעוודיק, דערציילט וועגן גאָט, וועגן זיך, וועגן זיין קינדהייט, ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך; חנוך און פלוא, ראובנס שיינע קינדערלעך, אויף די קני האַלטן. אפילו נאָך רחלס טויט האָט ער ניט

פאַרלאָרן די באַריידעוודיקייט און אָפט דערציילט וועגן זייער ערשטן טרעפן זיך, און ווי ער האָט פערצן יאָר אָפּגעאַרבעט צוליב איר, און געלערנט די זין, ווי ליב צו האָבן א פרוי. איצט גייען אוועק טעג און וואָכן, און ער רעדט מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויס, לאָזט זיך פון קיינעם ניט טרייסטן, ווייל צו גרויס איז דער אומגליק, צו גרויס איז דער מהלך פון יעקבס צער ביז דעם מיטלייד פון די אַרומיקע. אַלעמען, די שניר, די קינדער, די שכנים האָט פאַרדראָסן דער גוטער, שיינער און קלוגער יוסף, אלע האבן געהאַט פאַר אים באַזונדערע, מילדע נעמען, אַפילו לאה און זלפה האבן פאַרגעסן זייער אַלטע שנאה צו רחלס זון און געגאַנגען מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ. אָבער ווי נאָר זיי פלעגן צוקומען צו יעקבן, פלעגט צערינען זייער טרייסט, זייערע רייד, נחמה. אין אָנוועזנהייט פון שרעקלעכן פיין פון א פאָטער, ביי וועמען מען נעמט צו דעם טייערסטן, דעם ליבסטן קינד, אין אָנוועזנהייט פון יעקבן, ביי וועמען מען נעמט צו יוספן, איז ניט געווען קיין טרייסט.

יאָ, „מען נעמט צו דעם קינד". טעג און יאָרן האָבן ניט געקענט אָפּשטופּן דעם אומגליק אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער פאַרגעסנקייט. שטענדיק איז עס פאָרגעקומען פונדאָסניי: אלע טאָג איז פאַרפאַלן געוואָרן יוסף, אלע טאָג האָט אים אַ חיה רעה פאַרצוקט, א לייב, אווילדער אָקס. אזא פיין איז געווען אוממעגלעך אַריבערצוטראָגן, און יעקב האָט געביטן די אויסדרוקן פאַר זיין צער, אמאָל שטילע, שטומע, אַמאָל ברוויזנדיקע, שרייענדיקע. באַלד נאָכן ווייזן אים די העמדל, האט ער גענומען שרייען, מען זאָל אים ברענגען די חיה, וואָס האָט צעריסן יוספן, ער וועט פון איר נקמה נעמען, זי צערייסן, ווי זי האָט זיין קינד צעריסן. יהודה האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, דאָך ארויס אָף געיעג, געכאַפּט אַ וועלפל און געבראַכט צום פאָטער. יעקב האָט געקוקט דעם וועלפל אין די אויגן און מיטאַמאָל גענומען זיך בעטן: „לאָזט אים אָפּ, לאָזט אים אָפּ, ער בענקט נאָך דער היים, ווי מיין קינד. זיין מאַמע זוכט אים, ווי איך מיין קינד".

איינמאָל איז ער טעג אַרומגעגאַנגען פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן יוספן, וועגן זיין ליבע צו אים, וועגן גאָט.

זיין ליבע צו יוספן איז אלעמאָל געווען אומגעהייער, אומגעוויינלעך, ווייל אומגעוויינלעך איז געווען יוסף אין זיין שיינקייט און גוטסקייט. נאָך ניט געווען אַף דער וועלט אַזאַ קלוגער, אַזאַ שיינער, אַזאַ מילדער, אַזאַ דערהויבענער, אַזאַ אויסדערוויילטער ווי יוסף. אין אים האָבן זיך פאַראייניקט די שיינקייט, מילדקייט פון רחלען און די דערהויבנקייט פון זיידן אברהמען, און דערהויבן און אויסדערוויילט איז אויך געווען יעקבס ליבע צו אים. נאָך ווען יוסף איז געווען דאָ לעבן אים, פלעגט ביי יעקבן אָפט די האַרץ צעגיין פון ליבשאַפט, קוקנדיק אַף זיין פנימל, הערנדיק זיין ליבע שטימע און זיינע זיסע קלוגע רייד. און אַ שרעקלעכער, זינדיקער געדאַנק האָט זיך אריינגעגנבעט צו יעקבן:

„ווען גאָט וואָלט אים געהייסן פירן צו דער עקידה זיין געליבטן זון, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט אברהמען, צי וואָלט ער, יעקב, אויסגעפירט גאָטס באַפעל אָדער ניט?"

— ניין, ניין, — האָט זיך יעקב געענטפערט, איך וואָלט ניט געקענט אופהויבן דעם מעסער איבער זיין האַלדז. צי האָב איך ליבער יוספן ווי אברהם יצחקן, אָדער איך בין ניט אַזוי שטאַרק אין גלויבן ווי אברהם? — און אָט האָט גאָט אים אַליין צוגענומען פאַר אַ קרבן, ניט געוואַרט אַף מיר, יאָ, ניט געוואַרט.

און מיטאַמאָל האָט יעקב גענומען שרייען:

„ער איז ניט ווערט אַזאַ קרבן, אַזאַ מילדן, אַזאַ אויסדערווילטן, אַזאַ זיסן; אַזעלכע בשמים, ווי מיין קינדס ריח, האָט מען אים קיינמאָל ניט געדויכערט!" און יעקב האָט זיך גענומען קלאַפּן אין ברוסט, רייסן די האָר פון קאָפּ צוליבן צער פון קינד, וואָס מען האָט פאַר אַ קרבן געבראַכט, און צוליב דער לעסטערונג איבער גאָט, וואָס זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט.

אָפטער אָבער פלעגט דורכגיין די צייט אין שווייגן, אין פאַרפרעסטן און געדריקטן, ניט אַרויסגערעדטן צער. אָבער דערפון איז קיינעם ניט לייכטער געווען. דער אומגליק איז געהאַנגען אינדערלופטן, געהאַנגען אויך איבער די ברידערס געצעלטן.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס מאָרגן וועט זיין. אַלע זיי=

נען אַרומגעגאַנגען פינצטער ווי די ערד און שטומערהיים געפרעגט איינער דעם צווייטן:

— ווי לעבט מען דאָס איבער?

— ווען וועט זיך ענדיקן דער פּיין?

מיט דער צייט איז די באַלעבאַטישקייט חרוב געוואָרן, די פּי האָט מען פאַרלאָזן אַף די קינדער פון די דינסטן. אָבער אויך זיי זיינען שוין מער נים געווען יענע גוטע פאַסטעכער, וואָס אַמאָל. איינמאָל, איז אין מיטן טאָג געקומען צולויפן נפתלי פון פעלד פרעגן, אויב יוסף איז נים געקומען. דנען, דעם רויקן אויסגע־רעכנטן דן, וואָס האָט שטענדיק געלאַכט פון חלומות, האָט זיך אין מיטן העלן טאָג אויסגעדוכט פון וויטן, אַז יוסף גייט. דאָס איז געווען אַ חלום אפן וואָר. און ער האָט געשיקט נפתלין לויפן פרעגן, אויב ער איז טאַקע געקומען. שטענדיק האָט נפתלי גע־פאָלגט אַ גאַנג. נאָר איין מאָל, ווען די ברידער האָבן אים גע־שיקט אַוועקטראָגן די פאַרבלוטיקטע העמדל צום פאָטער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. איצט האָט ער גיך געשטעלט זיינע לאַנגע פיס און געקומען מיט גאָרנישט.

— ניין, ניין, יוסף וועט שוין קיינמאָל צוריק נים קומען.

די ביימער און פלאַנצונגען, וואָס יוסף האָט געהאָדעוועט אַרום יעקבס געצעלט, זיינען איצט פאַרטריקנט און פאַרלאָרן געגאַנ־גען. די ברידער וואָלטן איצטער אַליין געהיט די ביימער, אָבער יעקב לאָזט נישט צו: „זאָלן זיי טריקענען צוזאַמען מיט יוספס ביינער".

צייט איז פאַרביי, אָבער נים דער פאַרברעכן און נים די זינד. זיי, די זינד און דער פאַרברעכן, זיינען אַזוי לעבעדיק, אַזוי שאַרף, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס פאָרגעקומען. שטענדיק איז מען פאַרנומען, ווי די זינד צו באַהאַלטן, ווי צו פאַרשטיקן דעם שטענדיק־ערשטן און אייביק־נייען אויסדרוק פון צער און יסורים. דאָס איז נים געווען ביי די ברידער קיין חרטה, וואָס קומט גע־ווינטלעך שפּעטער, נאָך אַ געוויסן באַטראַכטן און באַקלערן. אַלע האָבן געפילט, אַז די זינד קומט נאָך פאָר. עס קלינגט נאָך אין די אויערן יוספס שטימע פון גרוב, די אויגן זעען

נאָך אליין, ווי די ישמעאלים פאָרן איילנדיק אוועק מיט אים...

בייטאָג האָט מען געוואָרט אױף דער נאַכט. די נעכט אָבער זײנען געווען שלאָפלאָזע, געצויגן זיך אָן א סוף, און מען האָט געוואָרט: ווען וועט העל ווערן? איינמאָל, אינמיטן דער נאַכט, איז יעקב פּלוצלונג געקומען צו ראובנען אין געצעלט, געקושט אים די הענט און געבעטן אים אָפּגעבן אים יוספן. ראובן, די ווייבער און קינדער האָבן זיך אױף טויט איבערגעשראָקן, גע־מיינט, אַז דער פֿאָטער איז געווירט פון קלאָרן פאַרשטאַנד, און מיטאַמאָל האָט יעקב אָנגענומען ראובנען פעסט פאַר די פּלייצעס, אים גענומען שאָקלען און שרייען:

—„זאָג, זאָג, וווּ איז יוסף? איר זייט די מערדער?“ — נאָך א רגע, און ראובן וואָלט געבראָכן די גנבים־שבועה, וואָס די ברי־דער האָבן צווישן זיך געשוואָרן קיינעם ניט אויסצוזאָגן. שפּעטער האָט ראובן דערציילט די ברידער, אַז ווען יעקב האָט זיך ביי אים געבעטן אָפּגעבן יוספן, איז זיין שטימע געווען פּונקט אַזוי ווי יוספס, בעת מע האָט אים געוואָרפן אין גרוב, און ער האָט זיך געבעטן אים אומקערן צו יעקבן. אפילו די ווערטער זײנען געווען די זעלביקע: „האָט רחמנות, איר זייט דאָך בני אברהם!“ און די שטימע, דאָס בעטן זיך, לאָזן ראובנען ניט רוען.

ווו אנטלויפט מען פון אומגליק?

כאָטש אױף איין טאָג פאַרגעסן, כאָטש אױף א שעה אָפּרוען זיך, אַזוי ווי דאָס וואָלט ניט פאָרגעקומען. און וואָס איז גע־וואָרן פון דער האָפענונג, אַז נאָך יוספן וועט דעם פאָטערס ליבע זיך קערן צו די ברידער? פריער, ווען יוסף איז געווען, האָט זיך די ליבע ניט גלייך געטיילט, דעם פאָטערס אופמערקזאַמקייט איז אויך צו זיי געווען געווענדעט, נאָר אין א קלענערער מאָס. איצ־טער אָבער איז געבליבן נאָר יוסף, נאָר די בענקעניש און צער נאָך אים. דער לעבעדיקער יוסף האָט ניט ארויסגעשטויסן אינ־גאַנצן די ברידער פון יעקבס הארצן. זיין שאָטן אָבער האָט עס יאָ געטאָן.

איצט פאַרשטייען זיי אפילו ניט דעם פאָטערס רעיונות. בדי צו דערוויסן זיך וואָס וועגן יוספן, איז ער אליין מיט

זיך, באַהאַלטן, פאַרשעריש, אָפּנאַרעריש, אַן אמתער ,,יעקב׳׳. ער כאַפּט זיי אָפּן וואָרט, ער פרעגט זיי אויס איינציקווייז. איין צייט האָט זיך געדוכט, אַז ער לאָזט זיך טרייסטן. שעהנלאַנג האָט ער זיין ווייסע קאָפּ געהאַלטן ביי ראובנען אין שויס, שטיל געוויינט און אפילו איינגדרעמלט. אָבער דערנאָך דאָט ער זיך גענומען קלאָגן, אַז אים איז אומבאַקוועם ראובנס שויס. ער וויל בע־סער ליגן בא שמעונען. שמעון איז צוגעלאָפן, זיך אוועקגעזעצט, כּדי אופצונעמען יעקבס קאָפּ. יעקב האָט זיך געדרייט פון איין זייט אפן צווייטן, זיינע נאָזלעכער זיינען ברייט געוואָרן, ווי ער וואָלט וואָס דערשמעקן, און מיטאמאָל זיך א שטעל געגעבן און גענומען שרייען; ,,בלוט! בלוט! מערדער, מערדער!׳׳ און פון דער גאַנצער גרויס, ווי אַן אָפּגעשניטענער בוים, אַנידערגעפאַלן אַף דער ערד. מיט זיין שיינעם קאָפּ גענומען קייקלען זיך אין זאַמד. „אָ, מיין קינד, ווי זיס איז מיר געווען דיין לעבן, ווי ביטער דיין טויט!׳׳ האָט ער געטענהט. און קיינער פון די ברידער האָט ניט געוואגט צוצוגיין צו אים, ניט געהאַט קיין איין טרייסטוואָרט אין מויל. זיי האבן געוואָלט יעקב זאָל זיי שלאָגן, פייניקן, ער האָט אָבער ווי מיט א כּיוון קיין האנט אַף זיי ניט אופגעהויבן.

און מיט זיך זיינען זיי זיכער? דער אומרו איז אַריין אין זייערע ביינער, דער פּחד הערשט איבער זיי. אלע זיינען זיי אומצופרידן מיט זיך און איינער מיטן אַנדערן. ראובן מאָנט שטענדיק, וואָס מען האָט אים ניט געפאָלגט, פאַרוואָס האט מען אין זיין וויסן, ווען ער איז געווען אָפּגעגאַנגען, ארויסגענומען יוספן פון גרוב און פארקויפט. ער האט טאַקע געוואָלט אביסל אַנשרעקן דעם יינגל און דערנאָך אים אומקערן צום פאָטער. אזוי רעדט דער בכור ראובן פאַר וועמען זיי האָבן זיך איינגנטלעך איינגעשטעלט, ווייל יעקב האָט געוואָלט צונעמען פון אים די בכורה און אָפּגעבן יוספן. איצט, אנשטאט צו טרייסטן, קלאָגט ער מער פון אַלעמען:

,,ווו וועל איך אהינקומען?׳׳ — זאָגט ער. ער, דער בכור, זאָרגט ניט וועגן זיי, נאָר וועגן זיך. ער איז טאַקע ניט ווערט די

בכורה, ער אליין פילט עס און דערפון קומט זיין אינערלעכע שוואַבקייט, געפאַלנקייט. צוליב דעם האָט ער געזינדיקט מיט בלההן, געוואלט ווייזן, אַז ער פאַרנעמט דעם טאַטנס אָרט, און באַוויזן האָט ער טאַקע, אַז ער איז ניט ווערט צו פאַרנעמען דעם אָרט. א בכור, וואָס וואַקלט זיך, טוט אָפּ און האָט חרטה, אזא איז ער שוין: הויך און דאָך געבויגן, ברייטפּלייציק, אָבער אין די פיס צו דין, א סך כּוח און ווייניק מוט. ער קען זיך ניט באַהערשן, ער איז ווי א פליסנדיקער וואַסער, גיך ווערט ער אין כּעס און נאָך גיכער גייט אים איבער דער כּעס. ער האָט געוואָלט ראַטעווען יוספן. דאס איז אמת. אָבער פאַרוואָס האָט ער, דער בכור, ניט געהאַט קיין מוט אָפן דאָס אַרויסצוזאָגן, אפשר וואלטן זיי אים געפאָלגט.

שמעון איז גאָר ווילד געוואָרן. ער וויל אַנטלויפן אין מדבּר, אָדער ערגעץ אין א וואַלד און ווערן א יעגער, אזוי ווי דער פעטער עשו. איין מעלה האָט ער נאָר, ער ווייס ניט פון קיין חרטה. ער קלאָגט זיך אף קיינעם ניט. ער פאַרגעסט ניט קיין עוולה, וואָס מען טוט זיינע נאָענטע און מיטן שווערד פאַרטיידיקט ער זיי. אזוי איז געווען מיט דינהן, און איצט האָט ער זיך אָנגענומען פאַר זייער מוטער, פאר לאהן. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן אירע טרערן און איר שטענדיקן, ניט געשטילטן דורשט נאָך יעקבן.

ביי לוין זיינען פאַרפאַלן געוואָרן די נביאישע ווערטלעך. ער האָט פאַרלארן דעם מוט.

און יהודה, דער ריז, דער יונגער לייב, מיט ציינער ווייס ווי מילך, דאָס איז דאָך געווען זיין מחשבה צי פאַרקויפן יוספן. אמת, ער האָט געוואָלט אים אַרויסראַטעווען פון זייערע הענט, מען זאָל אים ניט הרגענען. אָבער מיט וואָס איז איצט בעסער? ווער ווייס, ווו יוספס ביינער זיינען אהינגעקומען? איצט איז יהודה אינכּעס אף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט נאָכגעגעבן דער שוואַכקייט, ער האָט ניט געדאַרפט דערלאָזן אים שלאָגן, בעסער אים אָפּשיקן גלייך אהיים. דער גיבור איז געווען שוואַך פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט געדאַרפט שטארק זיין. אלץ עפּטער

פאַרלאָזט ער די היים, און די לעצטע צייט איז ער אינגאַנצ אַוועק פון חברון אין עדולם צו זיין פריינט חירה. דאָרט האָט ער זיך גענומען שועס טאָכטער און לעבט ביי איר, האט מיט איר קינדער. די אויגן זיינען ביי אים מער קיינמאָל ניט רויט, ווייל זינט יוסף איז פאַרפאַלן געגאַנגען, האָט קיינער פון די ברידער א טראָפּן אין מויל ניט גענומען.

זבולן וויל אַנטלויפן צום ים. דאָרט, זאָגט ער, אין רויש פון די כוואַליעס, אין סכנה דערטרונקען צו ווערן, וועט ער אפשר געפינען אַ רו פאַר זיין געמיט. ער וועט ווערן א פישער, א סוחר. נאָר ניט זיין אינדערהיים, פנים אל פנים מיטן אומגליק.

יששכר האָט זיך פאַרשפאַרט אין זיך, ווערט פרומער פון טאָג, הערט זיך צו צו די געשיכטעס פון אמאָל, און פון זיינע אויגן ווערט אַף א רגע ניט פאַרפאַלן די חרטה און דערשלאָגנקייט. יעקב פאַרשפאָרט צו פאָרשן, נאָר אַף אים אַ קוק געבן, און ער ווייס שוין וועד די שולדיקע זיינען.

אפילו בנימין, וואָס ווייסט פון גאָרנישט, האט אויך טענות צו די ברידער. ער מאָנט ביי זיי יוספן. פון וואַנעט נעמט זיך דאָס ביי אים? יוסף האט אים געהאדעוועט, געצערטלט, ווי א מוטער איר קינד. ער האט אים פאַרביטן רחלען. פאַרבייטן אין דעם פרט יוספן קען קיינער ניט, הגם זיי גייען איצטער אלע ארום בנימינען, ווי אַרום א טייערן בן־יחיד. און ער פרעגט ראק ביי זיי: „איה יוסף? ווו איז יוסף? ווען וועט איר אים ברענגען?" פונקט ווי זיי וואלטן אים באהאלטן. „מתי יבוא יוסף? ווען וועט יוסף קומען?" אין דעם יינגל האבן זיי א טעות געהאט. זיי האבן געמיינט, אַז ער וועט קענען טרייסטן יעקבן. אויך ער איז דאך רחלס א זון. בנימין פאַרמאָגט אבער ניט יוספס צאַרטקייט, זיין שיינקייט, זיין ליבשאַפט. ווי א וועלפל קוקט ער אוים מיט זיין לאַנגן פנים און זיינע שמאָלע אויגן.

ערשט איצט ווייסן זיי, אז זיי האָבן יוספן ניט פאַרשטאַ־נען. זיי האָבן געקאָנט דעם בעל־החלומות, דעם רכילותניק, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט דעם ליבן מענטשן, דעם טייערן זון,

זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז זייַנע חלומות נעמען זיך פון אַ געטלעכן קוואַל. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז אויך צו אברהם אבינו האָט זיך גאָט באַוויזן אין חלום. און אויך יעקב איז געווען גרויס אין חלום, אין טרוים האָט יעקב דערגרייכט צום ראש פון סולם אלהים, צום שפּיץ פון געטלעכן לייטער, און אויך די ליבע פון יעקב צו יוספן איז געווען ניט קיין געוויינטלעכע פון אַ פאָטער צו אַ זון, נאָר אַ הימלישע, אַ געטלעכע. זיי אַלע זייַנען בני־יעקב. ער אָבער, יוסף, איז געווען ישראלס אַ זון, אַ זון פון דעם, וואָס האָט געקעמפט מיט גאָט. און נאָר ער האָט געקאָנט טרייסטן יעקבן נאָך רחלען. אָבער קיינער קען ניט טרייסטן יעקבן נאָך יוספן.

זייער גאַנצע שינאה צו יוספן איז אָפּגעפאַלן פון דער רגע, וואָס זיי האָבן אים פאַרקויפט און מיט פאַרדראָס און בענקשאַפט האָבן זיי נאָכגעקוקט, ווי די ישמעאלים זייַנען אָפּגעפאָרן. אָ, פאַר־וואָס זייַנען זיי ניט נאָכגעלאָפן און אים צוגענומען צוריק! — הרגענען, פאַרקויפן יוספן איז ניט נאָר אַ פאַרברעכן קעגן פאָטער, קעגן גאָט, נאָר קעגן זיך אַליין. דאָס הייסט פאַרדאַרבן דעם בעסטן, דעם טייַערסטן, דעם שענסטן, דעם אויסדערוויילטסן, וואָס איז אַמאָל געבאָרן געוואָרן אָף דער וועלט און וואָס האָט געהאַט דעם גליק און דעם אומגליק געבאָרן צו ווערן בייַ זיי אין משפּחה. קין! זיי זייַנען אמתע קינס! און פּונקט ווי קין האָט פאַרלייקנט פון גאָט, ווען ער האָט אים געפרעגט: „וווּ איז דייַן ברודער הבל?— אַזוי פאַרלייקענען זיי פון פאָטער, ווען ער פרעגט בייַ זיי „וווּ איז אייַער ברודער יוסף?“ און אַזוי ווי צו גאָט האָט הבלס בלוט אַליין געשריען, אַזוי שרייַט צו יעקבן די בלוט פון יוספן, אָבער קין איז אָפּגעקומען זייַן זינד מיט דער שטראָף צו זייַן נע־ונד. זיי אָבער האָבן אַן ערגערע שטראָף — צו זיצן פאַרשפּאַרט מיטן אומגליק, מיטן טרויער, מיטן קומער, פּנים אל פּנים מיט דער אָפענער גרוב, און קענען די זינד ניט אָפּקומען.

איז דען טאַקע יוסף אָף אייביק פאַרפאַלן? אַ האַלבן לעבן, דעם גאַנצן לעבן וואָלטן זיי אַוועקגעגעבן פאַר אַ ידיעה, וווּ ער געפינט זיך איצט, אויב ער לעבט. איז דען מעגלעך, ער זאָל

לעבן און ניט געבן צו וויסן וועגן זיך? איז דען אזוי גרויס זיין כעס אף די ברידער? אויב ניט צוליב זיי, איז צוליב יעקבן וואָלט ער געגעבן צו וויסן. ניין, ער, דער צאַרטער, דער געקעכלטער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות, האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם האַרטן בייזן לעבן פון אַ שקלאַף, און איז אומגעקומען, און איצט שוועבט נאָר זיין שאָטן איבער זייערע געצעלטן. דער בעל-החלומות איז ניטאָ; די חלומות, שרעקלעכע חלומות, אָבער זיינען געבליבן.

עס זיינען אוועק חדשים, יאָרן. דער אומגליק איז עלטער געוואָרן, אָבער ניט שוואַכער און ניט קלענער. די ערשטע צייט האָט יעקב אינגאַנצן אופגעהערט צו עסן, און אף אַזאַ אופן האָבן זיך די ברידער דערוווסט, אַז אַ מענטש קען לעבן טעג און וואָכן, ניט געגעסענערהייט, אַז ניט דאָס עסן איז דעם מענטשנס לעבן, נאָר עפּעס אַנדערש, וואָס מען זעט גאָרנישט, און וואָס זיי ווייסן ניט ווי אָנצורופן. יעקב רופט עס „אלהים‟, און קענען אים האָבן זיי געזינדיקט. זיי האָבן נישט געוווּסט פריער, ווי טייער עס איז דעם מענטשנס לעבן, דאָס לעבן פון אַ ברודער. ער אָבער, דער אַלטער, האָט יאָ געוווּסט.

איצט איז זיין באָרד געוואָרן ווייס ווי שניי. די האָר פון קאָפּ איז אויסגעקראָכן, די אויגן האָבן פאַרלאָרן זייער גלאַנץ. פון דעם שרעקלעכן טאָג אָן, האָבן זיי שוין מער נישט זוכה געווען צו זען דעם יונגן, ברענענדיקן גלאַנץ פון ישראלס אויגן. אין איין פּרט אָבער איז ער געבליבן יונג, אין זיין פּילפאַרביקייט און שאַרפקייט פון זיין ליבע און צער נאָך יוספן. די פאָרשטעלונג, ווי יוספס צאַרטער קערפּער ראַנגלט זיך אונטער די נעגל פון אַ חיה, האָט יעקב ניט פאַרלאָזן.

— און ווער ווייס, ווער די חיה איז געווען? — האָט איין-מאָל אויסגערופן יעקב.

ניט לאַנג האָט זיי ווידער יעקב איבערגעשראָקן. זיי זיינען גראָד אַלע געווען צוזאַמען ביים פאָטער אין געצעלט. דאָס קומט איצט אַזוי זעלטן פאָר. פון „דעמאָלט‟ אָן, רעדט ער מיט זיי איינציקווייז. איצט ווען זיי האָבן זיך אַלע אופגעקליבן, האָבן זיי גע-

רערט ווענן די שאָף, איבער די ביימער, וואָס טריקענען. וועגן דעם, אַז יוסף האט דאָס געפּלאַנצט, האָט קיינער ניט דערמאָנט. און מיטאמאָל האָט זיך יעקב אופגעהייבן, דאָסמאָל געהונקען ווייניקער ווי אלע מאָל, צוגעגאַנגען צום קאַסטן, ווו עס ליגן די טייערע חפצים פון דער משפּחה, פון דארט האָט ער ארויסגענומען א פּעקל און פונאַנדערגעוויקלט פאַר די ברידער. דאָס איז געווען יוספס כתונת פּסים, די געשטרייפטע העמדל, וואָס זיי האָבן געשיקט א פאַרבלוטיקטע צו יעקבן. די בלוט איז איצט געווען שוואַרץ, פאַרטריקנט. א שווידער איז אריבער איבערן קערפּער. עס איז געווען צו מערקן, ווי זיי ציטערן. זייערע פּנימער זיינען געוואָרן בלייך ווי קאַלך, זייערע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. אפילו יהודה האָט נישט געקאָנט קוקן יעקבן אין פּנים, און דער שטענדיק רויקער יששכר איז געוואָרן אומרויק. דער ערגסטער מסור וואָלט זיי אַזוי ניט אַרויסגעגעבן. האט נאָך איצטער געקענט זיין א ספק, ווער די מערדער זיינען? און יעקב האט דאָסמאָל רויק געפרעגט:

— איז דאָס זיינע בלוט?

אָ, ווי גרויס ווערט א פּיין, ווען מען מוז אים שטענדיק באַהאַלטן, ווען מען טאָר אַפילו ניט באַווייזן קיין סימן פון חרטה. זיי, יעקבס קינדער, האבן אפילו ניט געקאנט איצטער אויסזאָגן, אַז דאס איז גאָרניט יוספס בלוט, ווארום יעקב וואלט דאך גלייך געפרעגט: „פון וואנען ווייסט איר דאָס?“ — ווּעמען איז דאס אריינגעפאַלן אין קאָפּ דער נארישער געדאַנק מיט אזא בלוטיקן שפּיצל אָפּצונאַרן יעקבן! יאָ, זיי האבן געוואלט נקמה נעמען פון דער העמדל, און גענומען האָבן זיי פון זיך. זיי האָבן גאָרניט אויסגערעכנט, אין וואס פאַר א פאַלשער לאַגע די פאַרבלוטיקטע העמדל וועט זיי שטעלן. דאס איז דאָך געווען נאר בלוט פון א ציקעלע. ס'ארא פרייד און האָפענונג פאַר יעקבן! און זיי אַליין האָבן געמוזט אונטערהאלטן דעם געדאַנק, אז דאס איז יוספס בלוט, און אַזוי צוגענומען ביי זיך די מעגלעכקייט צו טרייסטן יעקבן, צו שטילן זיינע ליידן מיט דעם ספק, אז אפשר לעבט נאך יוסף. די ערשטע וואָך, ווען יעקב האט מיט אש זיין קאפ באשאָטן, די קליידער אף

זיך צעריסן, ווי נאך א געשטאָרבענעם, האבן זיי דאס אויך געמוזט נאכטאָן, הגם ער האט נאך געווים געלעבט. אָ, דאָס איז געווען א שרעקלעכער פּיין...

די וואָכן פון טרויער האָבן זיך אופגעזאמלט אין חדשים, די טריבע חדשים האבן זיך אופגעלייגט אין איינזאַמע אומעטיקע יאָרן, די יאָרן האָבן זיך אופגעקליבן אין שמיטות, און קיין ענדערונג, קיין נייעס איז נית פאַרגעקומען. דאס אַלטע איז נית אַלט געוואָרן; די קינדער, יעקבס אייניקלעך, זיינען אויסגעוואַקסן, און געוואַקסן איז אויך דער אומעט און צער אין די געצעלטן פון יעקבן און זיינע זין.

די בּרידער גרייטן זיך

אין כּנען האָט זיך אָנגעהויבּן א הונגער. די טריקעניש איז געווען ניט אזוי שרעקלעך ווי אין מצרים. אפן שליים פון טייך האט די ערד אין כּנען קיינמאָל ניט געוואָרט, און דער הימל האט זעלטן, אָבער דאָך אַרויסגעגעבּן פייכטקייט, בּיינאַכט דעם טוי, און ווען ס'איז געקומען די צייט פון רעגנס, האָבּן גראָע וואלקנס בּאַדעקט דעם לויטערן היכל. אָבער די שוואַכע רעגנס האָבּן ניט גענוג אויסגענעצט די ערד, ווייניק געוויקסן זיינען ארויסגעשפּראָצט, און די אַרויסגעשפּראָצטע האָט די זון צעטריקנט. ניט אלע האָבּן געהאט גענוג זריעה און דעם צווייטן יאָר איז נאָך ווייניקער אויסגעוואקסן. די שאָף האט מען אופּגעטריבּן אין די טאָלן, ווו עס איז נאָך געווען גראָז, אָבער אויך פאַר די שאָף, ווי פאַר די מענטשן, איז ניט געווען גענוג צום עסן.

אין די געצעלטן בּיי די עברים איז נאָך געווען גענוג תּבואה און פליש צום עסן. אָבער ווער ווייס, ווי לאנג דער הונגער אַרום וועט זיך ציען? און אומרויק איז געוואָרן אַרום. פון יעקבס געצעלטן האט מען א סך תּבואה און רינדער אַרויסגעגעבּן, אויסגעליען שכנים, ווי אויך די ווייט־שטייענדיקע משפּחות. פאר זיך זאָל נאָר בּלייבּן, האָט יעקב געזאָגט, לחם לאכול ובגד ללבוש. דאָס איבּעריקע אָפּגעבּן. די רייכקייט און ליטזעליקייט פון די עברים האָבּן זיי א גוטן שם געמאַכט ווייט ארום, אָבער אויך אַן אומרו אריינגעטראָגן אין בּייזע הערצער, און אַרום די געצעלטן האט מען געמוזט שטעלן שומרים...

עס האט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז אין מצרים פאַרקויפט מען תּבואה אויך אנדערע לענדער. די טריקעניש איז דאָרטן נאָך שטאַרקער, אָבער זיי האָבּן אָנגעקליבּן אַן א שיר תּבואה און איצט פאַרקויפן זיי עס. פון כּנען האט מען זיך שוין געלאָזט

פאָרן אין מצרים און צוריק געקומען מיט א סך תבואה. עטוואָס אזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן.

דער ערשטער האָט זיך דערפון דערוווּסט יעקב. ער, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין זיין געצעלט, וואָס איז אינגאנצן פארנומען מיט זיין אומגליק, האט זיך דער ערשטער דערוווּסט, וואס טוט זיך אין מצרים, און דערביי מיט אלע פרטים. די ברידער האבן זיך געוווּנדערט אף דער חכמה און נביאות פון יעקבן און געזעען, ווי ווייט זיי זיינען אָפּגעשטאַנען פון אים. זיי האבן אויך געמיינט, אַז יעקב, וואָס איז אזוי אנגעשראָקן פון די אומגליקן, וואָס האבן זיך געטראָפן אין וועג, וועט ער זיי ניט שיקן אין מצרים, העכסטנס וועט מען שיקן פרעמדע מענטשן איינקויפן תבואה, און זבולון, וואָס האט נאָר געוואַרט אף א צופאל ארויסצופאָרן, האט זיך אַרויס־גערופן, אז ער וועט פאָרן באגלייטן, ער קען די וועגן און ווייס ווי צו קויפן, איינקויפן און ברענגען צו פירן.

יעקב אבער האט פאַר דער לעצטער צייט זיך אומגעביטן, געוואָרן טעטיקער, באַוועגלעכער. די טויטע שטילקייט, וואס האט יארנלאַנג געהערשט ארום יעקבן, איז איצט ווי פאַרטריבן געוואָרן, א רירעוודיקייט האָט באהערשט דעם אומעט און טרויער. און איינמאל האט ער אופגערופן זיינע זין צו זיך אין געצעלט. דאס איז געווען אזא משפחה־באראטונג וועגן וויכטיקע ענינים. דאסמאל האט מען געשיקט אויך נאָך יהודהן.

— גענוג, מיינע זין, צו זיצן אינדערהיים. איר האט גע־הערט, וואס עס קומט פאַר אין מצרים. דער הונגער קלאַפּט אויך אין אונדזערע טירן. פארפאַלן איז פון אונדז געגאנגען דאס ברויט, דאָס לעבן, מען מוז פאָרן אין מצרים, זוכן דאס פארפאַלענע. גאט וועט אונדז העלפן, און איר וועט מיט לײדיקן ניט קומען. מען מוז זיך גרייטן אין וועג אַריין.

— עס איז א לאנגער וועג, ניט קיין זיכערער — האט זיך אפגערופן ראובן.

— פּחדנים זיינען מיינע זין געוואָרן.

— ניטא וואס מורא צו האבן, מען קען פאָרן — האט געזאגט יהודה.

— מען פֿאָרט נאָך אין ווײַטערע וועגן, סוחרים לאָזן זיך איבער ימים — האָט צוגעגעבן זבולן. און לוי האָט זיך אָפּגערופֿן:

— מיט גאָטס הילף וועלן מיר קומען צוריק בשלום.

— מיט מזל, מיט מזל — האָט געזאָגט גד, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו ווינטשן.

— איז טאַקע ניט געוואָרט — האָט ווידער געזאָגט יעקב — געגרייט זיך אין געפֿאָרן, עסן נעמט מיט, לאָגלען מיט וואַסער צום טרינקען, קליידער פֿיינע, מען זאָל אײַך גוט באַגעגענען און געלט, געלט וואָס מער.

— מען מוז נעמען אויך געווער צום פֿאַרטיידיקן זיך — האָט געזאָגט שמעון.

ווען איר וועט אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט נאָ־אַמון — האָט שטי־לער געזאָגט יעקב, ווי א סוד, זאָלט איר זיך צעטיילן. אין נאָ־אַמון איז דאָ הונדערט טויערן. יעדער פֿון אײַך זאָל אַרײַנפֿאָרן אין א צעטן, אַזוי וועט איר זיך דערווײַסן פֿון אַלץ, וועגן אײַך אָבער וועט קיינער ניט ווייסן.

— אָבער ווער וועט פֿאָרן? — האָט ניט אויסגעהאַלטן ראובן.

— וואָס הייסט ווער, אַלע, אַלע צען, אַלע נידערט אַראָפּ אין מצרים, איך אַליין וואָלט געפֿאָרן, ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי אַלט און שוואַך, — וואָס קוקט איר זיך אָן?...

און מען האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן. קודם כּל האָט געגרייט זײַנע זין צום פֿאָרן יעקב אַליין, ער איז געווען א וועג־מענטש נאָך פֿון דער יוגנט. ניט איינמאָל געלאָזן זיך אין ווײַטע שטרעקעס, געלאָפֿן אין די יונגע יאָרן פֿון באר־שבע אין חרן, פֿון שטיינער זיך אָפּן וועג א צוקאָפּנס געמאַכט, און דער־נאָך פֿון לבנען צוריק ווידער געלאָפֿן, אָפּן וועג זיך געראַנגלט מיט אַן אומבאַקאַנטן־געטלעכן, און אין קאַמף די לעפֿעלע פֿון דיך אויסגעלונקען און געבליבן הינקען דעם גאַנצן לעבן. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז די וועג, די פֿרעמדקייט קען ברענגען גליק. מיטן שטעקן איז ער אַריבער דעם ירדן און דערנאָך, ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז ער זיך צעוואַקסן אין צוויי מחנות, און אויך איצט, ווער ווייס, וואָס פֿאַר א גליק עס שטייט פֿאַר

זיינע זין אין וועג. ער האט זיי אנגעזאגט ווי צו פארן, און נאכ־מער ווי זיי זאלן זיך אופפירן אין מצרים. ערלעך, פרום, לאזן נאך זיך א גוטן נאָמען, ווי עס פּאַסט פאַר אברהמס אייניקלעך. דער זיידע אברהם איז געפאָרן אין מצרים און אף אייביק געלאָזן נאָך זיך א גוטן נאָמען, זאָלן זיינע אייניקלעך אים ניט פאַרשע־מען, און טאָמער וועט גאָט זיי מאכן טרעפן א מציאה אין וועג, זאָלן זיי ברענגען אהיים, ניט פאַרגעסן דעם אַלטן טאַטן..

און ביי די ברידער, ווי נאָר עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָרן אין מצרים, האט מען געמאכט גאָר באַזונדערע הכנות. אלע האָבן אָן רייד פאַרשטאַנען, אז די הויפּט־אויפגאבע פון דער רייזע איז זוכן די מציאה, געפינען דעם „לעבן" פאַר יעקבן... אפשר וועלן זיי זיך אנשטויסן אף א שפּור פון „געפאַנגענעם", פון „דעם, וואס איז ניטאָ".

דער ערשטער האָט זיך פאַרטיק געמאכט צום וועג נפתלי. ער האט געהאט לאנגע פיס, און א שמאָלן דריקאנטיקן קאָפּ. מיט זיינע אויגן האט ער וויט דורכגעזען, און ער איז געווען פלינק ווי אן אינד אין פעלד, זיין חיות איז געווען לויפן, איבערגעבן א ידיעה. אומעטום איז ער געווען דער אנזאָגער, דער נייעס־ברענגער, דער נאַטירלעכער שליח. ער האָט שטענדיק דערשמעקט, וואָס טוט זיך וויט פון אים, און מיט דער גרעסטער שנעלקייט און פּינקט־לעכקייט פלעגט ער ברענגען די ידיעה אהין, וווּ עס פאָדערט זיך. געגעסן האט ער ווייניקער פון די ברידער און געקליידט זיך גאָר לייכט, נאר די שאנד צו פאַרדעקן אין לייכטע סאַנדאַלן די פיס צו פאַר־היטן, ער האט ניט ליב געהאט די שווערע, הויקערדיקע קעמלען. ער האט שוין לאנג געטרוימט אין מצרים צו באַקומען א גוטן פערד און ביי מאדנע געדאנקען האט ער זיך איצט גע־כאפּט — ער פליט אף א פייערדיקן סוס פון מצרים אין חברון אָנזאָגן יעקבן, אָנזאגן, אז „ער" איז דאָ, אז „ער" לעבט...

געטרוימט וועגן דער רייזע האט אויך זבולן. ער האט ליב געהאט צו קויפן און פאַרקויפן. פאָרן מעבר לים, ברענגען נוי־טיקע סחורות איז געווען זיין לעבנסטרוים. ער האט זיך לייכט

אַרייַנגעפּאַסט אין אַ פרעמדער סביבה, זיך באַהעפט מיט אַנדערע. ער איז געווען דער יינגסטער בּיי לאהן, זי האָט אים געהאַלטן מער בּיי זיך. „דאָס איז אַ גוטער געשאַנק" פלעגט זי זאָגן און אים גוט אויסגעלערנט איר אַרמישן לשון. זילפּה האָט זיך מיט אים געשפּילט, און די אַלטע דבורה, וואָס איז נאָך דער באָבּע רבקהס אַם געווען, פלעגט אים קינדוויַיז דערציילן אַרמישע און בּבלישע מעשהלעך. צוליב זיין אַרמישן לשון האָט זבולן געקענט מיט אַלעמען זיך אויפריידן. ער האָט געוווסט אַלע מאָסן און וואָגן, דעם ווערט פון פאַרשיידענע סחורות און פון פרעמדע מטבּעות. ער האָט שטענדיק ריכטיק געציילט און קיינמאָל קיין טעות ניט געהאַט אין רעכענונג. עסן האָט ער ליב געהאַט מאכלים מיט געווירצן, און אָנטאָן זיך אין קליידער פון צור און צידון. זיינע יום־טובדיקע בּגדים זיינען געווען בּונט, האָבּן געהאַט דעם פאַרב פון פיש־שופּן און דער רויש פון כוואַליעס האָט אים געקלונגען אין די אויערן ווי דער שענסטער געזאַנג. איצט וועט ער זיין אין מצרים, שווימען אין גרויסן טייך, דאָרט אָפּטונקען זיין קיילעכדיק געשאָרענע באָרד, ווי בּיי די עכטע כּנענים, דאָרט וועט ער קויפן תּבואה, זען, מען זאָל ריכטיק אָפּוועגן און אויסציילן ריכטיק דאָס געלט. און אויב מען וועט „אים" דאַרפן אויסקויפן, געוויס וועט מען דאַרפן, אומזיסט וועט מען אים דאָך ניט אָפּגעבּן, די ישמעאלים האָבּן דאָך אויך פאַר אים באַצאָלט און איצט וועט מען דאַרפן געבּן אויסלייז געלט.—אָ, ער וועט שנעל שליסן דעם עסק, בּאַצאָלן וויפיל יענע וועט זיך פאַרגלוסטן און אַ ווונק געבּן נפתּלין: „לויף, זאָג אָן יעקבן"...

די לעצטע טעג איז געקומען אין חברון אויך יהודה, געקומען איז ער פון עדולם, געלאָזן זיין געליבּטע, שועס טאָכטער, כּדי צוזאַמען מיט די בּרידער פאָרן קיין מצרים. אים האָבּן שוין דערעסן די קדשות און איז געווען גרייט לאָזן זיך אין וועג. ער איז געווען זעלבּשטענדיקער פון די איבּעריקע בּרידער, דער אמתער מוטיקער מאַן, און אַף אים האָט זיך יעקב פאַרלאָזן. אפילו זיין שוואַכקייט צו פרויען האָט יהודה באַהערשט, ווען עס איז נויטיק געווען. ער איז געווען דער שענסטער פון לאהס קינדער. הויך

אַזוי ווי ראובן, האָט ער אָבער געהאלטן גלייך זיין קאָפּ, מיט דעם אָפענעם פּנים, מיט די רונדע, שווארצע אויגן און געקרייזלטע האָר. עפּעס פון אַ יונגען לייב איז געווען אין זיין האלטונג, אין זיין זיכערקייט און מוטיקייט. ער איז געווען דער געבאָרענער אָנפירער. אַלע האָבן אים געפאָלגט, קיינער האָט גאָרניט געטראַכט אים אַנטקעגן שטעלן זיך. אין אונטערוואַרפן זיך אים, האָבן די אַרומיקע געפילט אַ פאַרגעניגן. אין אים איז געווען עפּעס באַפעלעריש, און זיינע רייד האָבן שטענדיק אָנגעוויזן, וואָס יענער דאַרף טאָן. ער איז געווען דער פירטער פון לאהס זין, אָבער ווי לויט אַן אָפּמאַך האבן די ברידער אים געפאָלגט ווי א בכור. יהודה האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן. מיט זיינע שיינע בגדים און מוטיקן האלטן זיך, האט ער צוגעצויגן ניט נאָר פרויען, נאָר אויך מענער, וואס האבן זיך מיט אים צוזאמען געטראָפן. ער איז געווען א שיינער רעדנער, גערעדט מיט פאַרגלייכונגען, אָפט אביסל אן א זייט, זיכער, אז מען וועט אים הערן און פאָלגן.

איצט וועט ער אָנפירן מיט די ברידער אין מצרים און זיין דער ווירדיקער פאָרשטייער פון די עברים אין פרעמדן, גרויסן און רייכן לאַנד. און אויב מען וועט „אים" געפינען, וועט ער אַרויסטרעטן און פאָדערן, מען זאָל „אים" אָפּגעבן. צו זיינע רייד וועט מען זיך צוהערן. און אויב ניט, וועט ער מיט קראַפט „אים" אָפּנעמען. ניטאָ אזא כוח, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן...

אַף א באַזונדערן אופן האָט זיך געגרייט צום וועג שמעון. ער האָט געשליפט זיין שווערד, אָנגעצויגן זיין בויגן און זיך געאיבט אין שיסן, אין ריכטיקן געבן א קלאַפּ. ער איז געווען ברייט געבויט, אויסגעזען נידעריקער פון ראובן, צוליב זיין דיקן קאַרק. ער האָט זיך געקליידט ווי אַ יעגער. אַף די לענדן אַ פעל געטראָגן, איבער די פלייצעס לעדערנע רימענס, צו וועלכע עס איז געווען צוגעבונדן זיין שווערד. מיט זיין שיסן פלעגט ער טרעפן אין וויטסטן צילברעט און פון זיינעם אַ קלאַפּ פלעגט פאַלן דער שטאַרקסטער אָקס. ווען ניט זיין שוואַרצער באַרד, איז ער געווען ענלעך צו זיין פעטער עשו. ער האָט אים טאַקע ליב געהאַט און פלעגט זיך סטאַרען אים נאָכטאָן. גוזן האָט ער

עשון נאָר איין מאָל, ווען ער, שמעון, איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן, און זיי זיינען געווען אַפן וועג פון חרן קיין כנען. יעקב האָט זיך זייער געשראָקן פאַר עשון און אים שמעונען צו־זאַמען מיט לאהן געשטעלט אין דער מיטלסטער ריי פון דער מחנה. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם הויכן געלן יעגער, האָט ער זיך געגעבן אַ רוק צו אים אין דער ערשטער ריי, צו זילפּהן מיט אירע קינדער. דער פעטער האט געזאָגט אף אים, אז ער וועט זיין אַ גוטער יעגער, און פון דעמאָלט האָט ער זיך געגנו־סען אים נאָכטאָן, לעבן פון שווערד און בויגן. ער ווייס ניט פון געפאַר, פון קיין מורא און פאַרטראָגט ניט קיין באַליידיקונג. ווען שכם האָט פאַרומרייניקט זיין שוועסטער, האָט ער גלייך באַ־שלאָסן נקמה נעמען. יעקב האָט אים ניט ליב... אָבער זאָל מען „אים" נאָר געפינען, אָ, דער שווערד וועט אים דינען, מעג עס זיין אַ שטאָט, אַ מדינה אַ גאַנצע, מיטן שווערד וועט ער „אים" באַפרייען, ארויסרייסן פון פרעמדע הענט און אָפּגעבן יעקבן צוריק זיין יוספן. מיט בלוט וועט ער אָפּוואַשן דעם פלעק פון די ברידער...

לוי, וואָס איז געווען אינגאַנצן ענלעך צו שמעונען, אָבער פרימער פון אים, מער געהאַט צו טאָן מיט גאָט, ניט געטראָגן קיין אוריינגלעך, ווי דאָס פאַרלאַנגען די פרעמדע געטער, ערגעץ ווו זיי באַגראָבן אונטער אן אייכן־בוים, עפּטער געגאַנגען צום מזבח אין בית־אל, אַ קרבן געבראַכט וואָס אַ בעסערן, אַ פעטערן, אפשר וועט גאָט העלפן, און „ער" וועט זיך איינגעפינען. לוי האָט געהאַט אַ שטאַרקע שטימע, און פון זיך אַליין האָט זיך אים געזונגען. איצט איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די פעלדער און זיינע האָפּע־נונגען אין ליד און געזאַנג אויסגעדריקט.

אזוי איז אָנגעקומען דער טאָג פון אַרויספאָר. די ברידער זיינען געווען בלייכער ווי געוויינלעך. די ווייבער האבן געוויינט, באַזונדערש שמעונס ווייב, די כנענית, וואָס האָט זיך געפילט פרעמד צווישן די עברים. ווער ווייס, וואָס מיט איר וועט טרעפן, ווען איר מאַן פאָרט אוועק? צי וועט ער קומען בשלום צוריק? די קינדער האבן זיך אף אַ ווײַלע אַרופגעכאַפּט צווישן די הויקערס

פון די קעמלען. פאָרויס איז אומגעדולדיק געשטאַנען נפתלי און זיך אַלץ אויסגעדרייט אַף צוריק וואַרטנדיק, ווען וועט מען מען שוין נעמען פאָרן. הינטער אים בײַ זײַן אויסגעפּוצטן אייזל איז געשטאַנען יהודה. ווען ער וועט זיך אַרופזעצן אַפן אייזל, וועלן זיך אַלע רירן פון אָרט. יהודה אָבער האָט געדולדיק געוואַרט אַף יעקבן. באַלד האָט זיך באַוויזן דער אַלטער, גראָער פאָטער. זײַנע אויגן האָבן דאָסמאָל ווידער געשטראַלט. לייכט אָנגעשפּאַרט אַף זײַן לאַנגן שטעקן איז ער צוגעגאַנגען צו יהודהן און אים עפּעס געזאָגט אינדערשטיל. דערנאָך זײַנען צוגעגאַנגען צו יעקבן די זין לויטן עלטער, אָנגעהויבן מיט ראובנען. בײַ יעקבן, וואָס איז אַלע־מאָל געווען לייכט אַף טרערן, האָבן זיך איצט קײַלעכדיקע, גרויסע טראָפּנס געגאָסן פון די אויגן. געוויינט האָבן אויך די ברידער, דאָסמאָל זיך ניט געשעמט צו זײַן שוואַך פאַרן טאַטן. אָבער יהודה איז שוין געזעסן אַפן אייזל.

דער קאַראַוואַן האָט זיך גערירט פון אָרט...

די ברידער ביים שני למלך אין מצרים

לויט אַ באַפֿעל פֿון צפנת־פענחן האָט מען די תבואה־סוחרים, וואָס זיינען געקומען פֿון אַנדערע לענדער, אופֿגעקליבן אין דער הויפּט־שטאָט. ביים אַריינפֿאָרן אין שטאָט האָט מען זיי גענוי נאָכגעקוקט און פֿאַרשריבן פֿון וואַנען זיי קומען, צי ווילן זיי ניט אַרויספֿירן צו פֿיל תבואה פֿון לאַנד, צי וועט ניט אַריינפֿאַלן די תבואה אין די הענט פֿון פֿיינטלעכע מלוכות? מיט וועלכע צילן קומען די פֿרעמדע אין לאַנד? אפֿשר האָבן זיי נאָך אַנדערע כוונות?

צפנת פענח האָט אַליין געוואָלט האָבן אַף די אויסלענדער דעם אופֿזיכט. אַן אומרו האָט אים אַרומגענומען די לעצטע צייט. ער האָט זיך געפֿילט פֿרעמד. דווקא איצט, ווען ער האָט בלב ונפֿש געאַרבעט לטובת מצרים, ווען אַלע האָבן פֿאַרגעסן וועגן זיין אָפּשטאַמונג, ווען ער איז געווען אין דער שפּיץ פֿון זיין גרויסקייט, האָט ער דערהערט אַ רוף אהיים, צוריק קיין כנען, אַ רוף צו דעם אַלטן טאַטן. ווער ווייס, אויב ער לעבט נאָך? און וואָס הערט זיך מיט בנימינען? און מיט די ברידער? איצט מוזן זיי זיך נויטיקן, און ער וואָלט דאָך זיי געקאָנט העלפֿן. די גאַנצע וועלט קוקט איצט אויס אַף זיין הילף, אָבער פֿאַר זיינע אייגענע איז ער ניטאָ. ער ווייס גאָרניט, וואָס ס'טוט זיך מיט זיי. ער איז ווי אַן איינציקער בוים, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן אין אַ מדבר. דער אומרו אין אים איז אַלץ געוואַקסן. דער געדאַנק וועגן דער היים האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט געהאָפֿט, אַז איצט איז די איינציקע צייט, ווען ער קען זיך מיט זיי טרעפֿן, ווען ער מוז זיך טרעפֿן. און אפֿשר האָט ער זיי דורכגעלאָזן? אַזוי פֿיל

מענטשן קומען איצטער אָן אין מצרים קויפן תבואה. דער גע־לערנטער שרייבער אמוס איז געווען אוועקגעשטעלט אַליין אוים־פרעגן ביי די פרעמדע סוחרים אַלע פּרטים און דאָס איבערגעבן דעם שני למלך.

איין מאָל, ווען אמוס האָט אים דערציילט, אַז ס׳זיינען געקו־מען סוחרים פון כנען, האָט יוסף אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט, ווי גרוים איז דער קאַראַוואַן. אמוס האָט דערציילט, אַז די סוחרים זיינען געקומען פון טיף כנען, פון חברון, וואָס ליגט ניט וויים פון שכם, פון רוקן פון די בערג, און אַז דער קאַראַוואַן איז נישט קיין גרויסער, באַשטייט פון צען מענטשן, הגם זיי זיינען אַריינגעפאָרן דורך באַזונדערע טויערן אין שטאָט. דאָס רופט אַרוים אַ חשד. זיי זיינען רייכע מענטשן און זיינען גרייט צו באַצאָלן פאַר דער תבואה דעם פולן פּרייז. צפנת פענח האָט גענומען דעם פּאַפּירוס, וווּ ס׳זיינען געווען אָנגעשריבן די סוחרים פון חברון און גענומען לייענען. די הענט האָבן אים געציטערט. ער האָט דורכ־געלייענט:

ראובן בן יעקב.
שמעון בן יעקב.
לוי בן יעקב.
יהודה בן יעקב.
יששכר בן יעקב.
זבלון בן יעקב.
דן בן יעקב.
נפתלי בן יעקב.
גד בן יעקב.
אשר בן יעקב.

צפנת פענח האָט זיי געהייסן פאַרהאַלטן און שפּעטער אַריינ־ברענגען צו אים.

ענדלעך זיינען זיי געקומען. די בלוט האָט אים גענומען שנעלער פליסן איבערן קערפּער. די געדאַנקען זיינען געוואָרן אומ־קלאָר. זכרונות פון אַמאָל האָבן זיך אַדורכגעטראָגן דורך אים. אין דער זעלבער רגע איז ער געווען אין כנען, ביי רחלען אָפן

שוים, בײַ יעקבן אין די אָרעמס, ווי אַ מוטער פאַר בנימינען, אַ געבונדענער אין גרוב, בײַ פּוטיפרן אַ שקלאַף, אסנת, בײַ זליכהן, ווידער אין גרוב, און דערנאָך בײַ פּרעהן. אָבער די ערנסטע צײַט קומט ערשט איצטער אָן. תּמיד גייט זײַן גליק און אומגליק האַנט בײַ האַנט...

און אויך איצט ווייס ער נישט, וואָס די ברידער ברענגען אים, גליק אָדער אומגליק? לעבט דער טאַטע? פאַרוואָס איז בנימין ניטאָ מיט זיי? און וואָס וועט איצט זײַן מיט אים? וועלן זיי אים דערקענען? ווי וועט ער זיי באַגעגענען? אין מצרים האָט מען פאַרגעסן אָן זײַן אָפּשטאַמונג, מען האַלט אים פאַר אַ געבאָרענעם מצרי, די כּוהנים בענטשן מיט אים דאָס פאָלק, אין די שטיבער קושן די מוטערס זייערע קינדער מיט זײַן נאָמען אויף די ליפּן, און איצט מיטאַמאָל וועט מען זיך דערוויסן, אַז ער איז גאָר פון חתּים־לאַנד, אַ ברודער פון ווילדע פאַסטעכער, וואָס זײַנען געקומען קויפן תּבֿואה אין מצרים.

און ווי וועט פּרעה דאָס אָננעמען? צי וועט ער ניט אָפּטאָן פון אים זײַן חסד, ווען ער וועט דערזען זײַנע ברידער?

אָבער מסתּמא וועלן זיי אים גאָרניט דערקענען! ער האָט זיך דאָך אַזוי געביטן פאַר די צוואַנציק יאָר. אַנשטאָט אַן עברישן יינגל פון כּנען, איז ער איצט אַ מאַן מיט אַ באָרד, דער שני למלך פון מצרים. זיי וועט גאָרניט אײַנפאַלן, אַז דאָס איז זייער ברודער, וועמען זיי האָבן דעמאָלט אַזוי געשלאָגן און פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף. ווייסן זיי דען, וואָס מיט אים האָט געטראָפן פאַר דער צײַט?

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָבן זיך אויפגעקליבן אין פּאַלאַץ פון שני למלך שלוחים פון אויבערשטן און אונטערשטן מצרים, פון לוב, פּוט, פון פּלשת, פון כּנען. אַנדערע האָבן געהאַט מיט זיך ליימענע טאָוולען מיט אויסגעקריצטע בקשות, ווו עס איז געווען אָנגעוויזן וועגן זייער נויט און אויסגערעכנט וועגן סכום תּבֿואה, וואָס מען מוז האָבן אויפצוהאַלטן דאָס לעבן אין לאַנד, אַנדערע האָבן עס געהאַט אויסגעשניצט אויף האָלץ אָדער אויף שעפּסנביין.

אָט זײַנען די שלוחים פון אויבערשטן מצרים. מען איז גע־

קומען פֿון דער הייליקער שטאָט אבידות, פֿון וואַנעט די מצרים
האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ גליק, אַז זייער קערפּער זאָל דאָרטן באַ=
האַלטן ווערן נאָכן טויט. ווייל פֿון דאָרטן וועט אסירים שנעלער
דערהערן. שלוחים פֿון צוועלפֿטן קרייז, שלוהיב, ווו די מענטשן
האָבן זיך געבוקט צום שאַקאַלן=גאָט. עס איז געקומען דער כּוהן
פֿון לאנד, זיין קאָפּ איז געווען געגאָלט, און ער האָט געטראָגן
אָן עק פֿון אַ שאַקאַל. עס זיינען געקומען שלוחים פֿון תּל=אל=
אמארנא, פֿון קרייז, ווו מען האָט אויסגעגראָבן אַ קאַנאַל אַפֿן נאָ=
מען פֿון צפֿנת פּענחן, פֿון מיטל=מצרים, ווו עס געפֿינט זיך
אברהמס קוואַל, פֿון קראָקאָדילן=לאַנד, ווו עס הערשט דער גאָט
סאבאק, פֿון אשמון, ווו מען האָט געדינט צום גאָט פֿון דער לבנה
טאָט. מען איז געקומען פֿון גושן, ווו אַלעמאָל איז געוואַקסן די
בעסטע גראָז פֿאַר די שאָף, און איצט בעטן זיי, מען זאָל זיי
אַרויסגעבן געטריקנטע היי, כּדי עס זאָלן ניט אויספֿאַלן די גרויסע
סטאַדעס, וואָס זיי האָבן. פֿון תּחפּנאס, וואָס איז געווען באַזעסן
מיט מענטשן, געקומענע פֿון אסיא. צום כּבוד פֿון הייליקן פּרעהן
און צו דער גרויסקייט פֿון מצרים, זיינען אויך געקומען די האַרן
פֿון נוב און צוען, ווו דער וואַסער פֿון יאור צעגיסט זיך ווי אַ
דלת, פֿריער האָבן זיי נישט געוואָלט אָנערקענען די מאַכט פֿון
פּרעהן, איצט זיינען זיי געפֿאַלן צו דער ערד און געבעטן שפּייז.

אין אַ ווינקל פֿון זאַל איז געשטאַנען אַ גרופּע פֿון צען
פֿרעמדע מענטשן, עברים פֿון חברון. זיי זיינען געשטאַנען דער=
שראָקן און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פֿאָר אַזוינס. איינער
פֿון זיי האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין באַזונדערש הויכן וווּקס,
ברייטע פּלייצעס און אָפֿענעם, שאַרפֿן בליק. זיי זיינען געווען אָנ=
געטאָן אין בונטע קליידער. אַ טייל פֿון זיי האָט געטראָגן פֿע=
לענע מלבושים פֿון פֿאַסטעכער. מיט באַוווּנדערונג האָבן זיי אָנ=
געקוקט דעם אויסגעפּוצטן זאַל און די מענטשן אַרום זיי.

באַלד איז אַריינגעקומען דער שני למלך. ער איז געגאַנ=
גען פֿאַמעלעך, מיט אומזיכערע טריט און געקוקט אָן אַ זייט, ווי
עפּעס זוכנדיק. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן לאַנגן מלבוש.
זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט ווייסע זיידענע בענדער, וואָס

זײנען אַראָפּגעפאַלן ביז די פּלײצעס. דער פּנים איז געװען באַזױמט מיט אַ שװאַרצע געפּוצטע באָרד. צפנת פּענח איז אַרױף אױפן טראָן פון שני למלך און זײנע אױגן האָבן זיך גלײך געװענדעט צו דער גרופּע עברים, װאָס איז געשטאַנען אין װינקל.

— אָ, דאָס זײנען זײ!...

זײן האַרץ האָט אים געקלאַפּט. די פיס האָבן אים געציטערט. ער האָט געפילט, אַז ער קען קײן װאָרט ניט אױסרײדן. אָט, װען עס װערן פאַרװירקלעכט זײנע יוגנט־חלומות! די אױגן פון די ברידער זײנען געװען צוגעשמידט צו אים מיט אַן אומגעהײערער קראַפט. זײ האָבן זיך געװאָלט בוקן און ניט געקאָנט. זײ זײנען געשטאַנען װי פאַרגאַפט. צו זײ איז צוגעגאַנגען אַ מצרי און זײ באַװיזן זיך צו בוקן. די קני האָבן אָבער זיך בײ זײ נישט געבױגן. ענדלעך זײנען זײ געפאַלן צו דער ערד, װי אַ שװערע משא, װאָס פאַלט פון דער הײך. צפנת פּענח האָט אַ װונק געגעבן, מען זאָל זײ צוריק אױפשטעלן און אַלײן פון זײ די אױגן נישט אַראָפּגענומען.

אָט איז דער גוטמוטיקער, גרױסער, אַביסל געבױגענער ראובן. זײן באָרד און די האָר אױף די שלײפן זײנען שױן גראָלעך. צו פרי אַביסל. ער איז דאָך נאָך פופציק יאָר. אינגאַנצן מיט אַ צװעלף יאָר עלטער פון אים. ער, ראובן, האָט אים געװאָלט ראַטעװען, ס'האָט זיך אים אָבער ניט אײנגעגעבן. צו װײניק ליבע האָט ער פאַרמאָגט אין פאַרגלײך מיט דער גרױסער שנאה פון די ברידער. פאַר ישראלס בכור איז ער נישט גענוג שטאַרק און שײן.

לעבן אים שטײט די געטרײַע פּאָר שמעון און לוי. דעם שװערד האָט מען זײ אױסגעטאָן, אָבער אױף פּלײצע איז נאָך געװען דער סימן פון פעלענעס רימען, װאָס זײ טוען קײנמאָל ניט אױס פון זיך. דער גזלנישער גלאַנץ פון זײערע אױגן איז נאָך געבליבן בײ די מערדער פון שכם. שמעון האָט אױך דעמאָלט אים געװאָלט אײנפאַך שעכטן װי אַ קאַלב. דאָס איז אַן אמתער קין. בײ לוין איז די באָרד אין קאָלטענעס.

אַ טריט װײטער, װי באַזונדער, האָט זיך אױסגעטײלט די ריזיקע פיגור פון יהודהן. זײן קאָפּ האָט ער געהאַלטן גלײך.

גרויסקייט פון אַ מלכות איז און אים געווען, גבורה און מוט האָבן געשפּריצט פון אַלע זיינע גלידער.

אָט שטייט זבולון, וואָס האָט ניט געוואָלט זיין ניט קיין פּאַסטעך און ניט קיין ערד־אַרבעטער, און האָט געחלומט וועגן פאָרן אויפן ים. איינמאָל איז ער אַפילו געווען אין צידון און ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם רויש און דעם אויסזען פון די כוואַליעס פון גרויסן ים. אנשטאָט אַ פעל טראָגט ער אויף זיך אַ מלבוש ווי פון פיש־שופּן.

רויק שטייט לעבן אים דער גוטמוטיקער, ברייטביינעקער, אַרבעטסזאַמער, ערלעכער יששכר. אין זיין פּנים איז עפּעס ווי פון אַן אייזל. ער האָט אים נישט געשלאָגן, ווען די ברידער האָבן אים אין גרוב געשטויסן.

לעבן אים צוזאַמענגעדרייט ווי אַ האָרנשלאַנג, וואָס וויל זיך ביסן, געפינט זיך דן. פאַר אַלץ פלעגט ער געפינען אַ באַרעכטיקונג. ער האָט מסתמא אויך באַרעכטיקט דאָס פאַרקויפן אים פאַר אַ קנעכט. ער מוז זיין ביי זיי אַ ריכטער. האַרט לעבן אים שטייט דער צווייטער זון פון בלהן, דער לאַנגפיסיקער, פלינקער נפתלי, וואָס האָט געדינט די ברידער ווי אַ שיק־יינגל.

און אָט שטייט דער נאַרישוואַטער גד. שטענדיק פלעגט ער זאָגן וויצן און זיך פאַרלאָזן אויפן מזל. און לעבן אים דער פליישיקער, זאַטער אשר. ער טראַכט אויך איצט מסתמא, ווי עפּעס בעסער אָפּצועסן אין דער נייער לאַנד.

אָנגעשטרענגט האָט דער שני למלך געקוקט אויף זיי. זיין געוויינטלעך גוטמוטיקער, רויקער בליק איז פאַרלאָרן געגאַנגען, די אָנגעשטעלטע פון פּאַלאַץ האָבן דערזען, אַז מיט זייער האַר, מיטן שני למלך קומט עפּעס פאָר, און דער עלטסטער פון זיי האָט געוואָלט אַרויספירן זיין האַר פון דעם אָנגעשטרענגטן צושטאַנד, באַרויקן זיין געמיט און אָנגעהויבן צו לייענען דעם הימן פאַרן שני למלך.

— צו דיר, שני למלך! שיינהייט פון לאַנד, שלום וברכה! דו, וואָס האָסט די ערד געראַטעוועט, וועמען דער הייליקער פּרעה אַליין האָט אָנגערופן צפנת פענח, וואָס פאָרט אין רייטוואָגן פון

דער זון, וואָס טראָגט דעם פינגערל פון גאָטס האַנט, פאַר ווע-
מען דאָס גאַנצע פאָלק פאַלט אַפּן בויך און שרייט: אבֿרך! זאָל
איסעט דיר אָפּגעבן מיט זעכציק מאָל מערער, דער יאור זאָל דיך
אייביק שפּייזן! דער קליגסטער צווישן די מענטשן, וואָס האָט מיט
זיין בליק דורכגעלויכטן דעם חשך פון די קומענדיקע יאָרן, און
וועמעס צייטן פרויען האָבן אויפגעהערט צו וויינען, קינדער בענטשט
מען מיט דיר, פּויערים האָבן זייערע אַקערס ניט פאַרלאָזן, גע-
בענטשט און געהייליקט זאָלסטו זיין, דיינע ברידער זאָלן דיך ליב
האָבן, ווי זיך אַליין...

אָבער דאָ האָט מיטאַמאָל צפנת פענח איבערגעריסן דעם
לויבגעזאַנג, זיך אויפגעהויבן, אַראָפּ פון טראָן און צוגעגאַנגען צו
די פרעמדע עברים. ער האָט זיך צוגערירט צו זייערע לייבער,
געשמעקט זייער ריח, דעם ריח פון חברון, אַריינגעקוקט אין ראובֿנס
גרויסע אויגן און דערזען, ווי ביי אים רירן זיך עפּעס זכרונות פון
אַמאָל, עפּעס באַקאַנטעס, לאַנג דורכגעלעבטעס, פון וואָס א שוי-
דער גייט אַריבער איבער די ביינער. ער האָט זיך ניט פאַרהאַלטן
לעבן שמעון און לוי. זיי זיינען געווען ענלעך איינער צום אַנ-
דערן, און אים האָט זיך גערוכט, אז פון זייערע קליידער שמעקט
נאָך מיט פּי און מיט בלוט. לייַנגער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט
לעבן יהודהן. יענער האָט זיך פריער א בויג געגעבן און דער-
נאָך זיך אויסגעגלייכט, און דאָ האָבן מיטאַמאָל אַלע דערזען, וואָס
פאַר אַ ריז עס שטייט פאַר זיי. דער שרייבער אמום, וואס איז
געווען ניט הויך פון וווקס, האָט אויסגעזען אין פאַרגלייך מיט
יהודהן, ווי א קאַרליק. יוסף איז געווען צופרידן פון דעם גרויס-
אַרטיקן אויסזען פון יהודהן. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען די
איבעריקע ברידער, זיך אָפּגעשטעלט לעבן יששכרן און אים א גלעט
געגעבן מיט זיין ווייכער האַנט.

לאַנג האָט געדויערט די שטומע הפסקה. די ברידער האָבן
געקוקט איינער אַפּן אַנדערן. אין זייערע מוחות האָט זיך גענומען
עפּעס רירן. ביי ראובֿענען איז דער רוקן געוואָרן נאָך געבויגע-
נער, לוי האָט עפּעס גערעדט צו זיך. דן האָט זיך נאָך מער צו-
זאַמענגעדריִיט און אפילו פון אשרס געזיכט איז פאַרשוווּנדן דער

שטענדיק גליקלעכער שמייכל. די מצרים זיינען געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. צום סוף האָט זיך דער עלטסטער דערלויבט פרעגן:

— וועט מיין האַר, דער שני למלך, דערלויבן די מענטשן גיין אין זייער רו?

— ניין! — האָט צפנת פענח מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן. ער איז ווידער אַרויף אָפן טראָן און זיך געווענדט צום איבערזעצער: „פרעג זיי, פון וואַנען קומען זיי"

— פון וואַנעט קומט איר?

— מיר קומען פון לאַנד כנען. אהער זיינען מיר געקומען קויפן שפייז.

— וויפיל זייט איר?

— מיר זיינען דאָ צען.

— זייט איר אַלע פון איין משפחה?

— יאָ, זין פון איין פאָטער זיינען מיר.

— לעבט נאָך דער... אייער פאָטער?

— יאָ. דער פאָטער... דיין... דיין קנעכט לעבט.

— ווי הייסט אייער פאָטער?

— דיין... אונזער פאָטער הייסט יעקב. יעקב רופט מען אים.

— ווי? זאָגט קלאָרער.

— יעקב. ישראל האָט מען אים שפּעטער אַ נאָמען געגעבן — האָט געזאָגט יששכר.

— און דאָס זיינען אַלע זיינע קינדער? מער האָט אייער פאָטער נישט געהאַט?

די ברידער האָבן זיך פאַרלאָרן. אויף אַזאַ פראַגע האָבן זיי נישט געוואַרט. עפּעס זיינען זיי געוואָרן מיטאַמאָל קלענער. אויף זייער פנים איז געווען אַן אויסדרוק פון מענטשן, וואָס זיינען אין עפּעס שולדיק. אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן, זיך אָנגעקוקט איינער אָפן אַנדערן.

— מיר זיינען ברידער פון איין פאָטער. צוועלף זיינען מיר געווען. איז איינער געבליבן אין שטוב. דער יינגערער, בנימין הייסט ער. דער פאָטער האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן, מורא געהאַט עס זאָל מיט אים וואָס ניט טרעפן אין וועג. און איינער, איינער, איז... ניטאָ. ניטאָ...

— ווּ איז ער דען?

— מיר ווייסן נים. אונזערע הענט האָבן זיין בלוט נים פאַרגאָסן — האָט שנעל אַ זאָג געטאָן יהודה און זיך אויסגעגלייכט, ווי נאָכן אופהויבן אַ שווערע משא.

— וואָס זשע האָט איר מיט אים געטאָן?

אַ טויטע שטילקייט און אַ רגע פון שרעקלעכער דערוואַרטונג איז געשטאַנען אין צימער. די ברידער האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ און געשוויגן.

— איר זייט מרגלים, אויסשפּירער פון לאַנד — האָט צפנת פענח איבערגעריסן דעם שטילשווייגן. די מענטשן האָבן אָפּגעזיפצט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אַף עפּעס ערגערעס.

— ניין, גרויסער האַר! מיר זיינען ערלעכע לייט, זין פון איין פאָטער. קיינמאָל זיינען דיינע קנעכט קיין מרגלים נישט געווען.

— איז דען אמת, אַז איר האָט נאָך אַ יינגערן ברודער אינדערהיים?

— ריכטיק, גרויסער האַר. אינדערהיים מיטן פאָטער איז ער געבליבן.

— ברייגנגט אים אַהער.

— ווידער זיינען די ברידער געבליבן שטיל, ווי נאָכטראַכטנדיק און גאָרנישט געענטפערט.

— איך האָב געזאָגט, איר זייט מרגלים, אויסשפּירער פון לאַנד. אייערע רייד קענט איר נים באַשטעטיקן.

— ניין, גרויסער האַר, — האָט גענומען ריידן ראובן. — איך בין דער עלטסטער פון די ברידער, און טראָג אחריות פאַר זייערע רייד. אַלץ, וואָס מיר האָבן געזאָגט איז אמת. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען אַהער דעם ברודער. מיר ווייסן אָבער, אַז דער פאָטער וועט אים נישט אָפּלאָזן. יעקב וועט מורא האָבן בנימינען לאָזן אין אַזאַ ווייטע וועג.

— דאָך ברענגט אים, אַזוי פאָדער איך. דערמיט וועט איר באַווייזן, אַז אייערע רייד זיינען ריכטיק און איר זייט נים קיין אויסשפּירער. איך שווער ביים לעבן פון הייליקן פּרעהן, אַז אויב איר ברענגט מיר נים אייער יינגערן ברודער, זאָגט איר פאַלש...

דאָ האָט זיך מיטאמאָל געגעבן אַ רוק פאָרויס יהודה, אַ טרייסל מיטן קאָפּ, ווי אָפּוואַרפנדיק פון זיך די באַליידיקונג. אין זיין שטימע האט זיך געהערט פאַרדראָס און כעס. ער האָט מיט ווירדע געזאָגט:

— מיר האָבן קיינמאָל פאַלש ניט גערעדט, מיר זיינען ניט קיין מרגלים, מיר וואַקסן פון אַ יחוסדיקער עברישער משפחה.

— ווי קענט איר עס דערווייזן?

— מיר קומען אַרויס פון אברהמס זאמען, פון דעם, וואָס האָט צעקלאַפּט אמרפלן דעם מלך פון שנער, ווי אויך דעם מלך פון עילם, נאָכדעם ווי יענע האָבן באַזיגט פינף מלכים אין די ליימיקע גריבער פון טאָל שדים, ביים ים המלח. דאָס האָט אונדזער זיידע געטאָן לטובת מצרים און דער חשד, אז מיר זיינען מרגלים פּאַסט ניט פאַר אונדז! — האָט יהודה זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצן גרויס.

— אינגאַנצן האט ער געהאַט דרייהונדערט אכצן יונגען און דערמיט צעקלאַפּט פיר גרויסע מלכים — האָט דערמאָנט שמעון,

— פון רויב האט אונזער זיידע ניט גענומען קיין בענדל, קיין שנירל, אַלץ ערלעך אָפּגעגעבן די, פון וועמען מען האָט עס געהאַט צוגענומען — האָט צוגעגעבן יששכר.

— מיר וועלן באַצאָלן פאַר די תבואה פולע געלט, הגם אונדזער פאָטער יעקב האָט זיינע אייגענע האָב און גוטס צעטיילט אומזיסט די הונגעריקע אַרום — האָט געזאָגט זבולן.

אונדזער אור־זיידע אברם קומט אַרויס פון אור־כשדים און און איז אויך אַמאָל אין מצרים געווען, און א ברית האָט ער געשלאָסן מיט זיין גאָט אלהים, און מיר גייען אין וועג פון אונדזערע עלטערן — האָט זיך אָפּגערופן לוי.

און ראובן האָט געזאָגט:

—פאַר דיינע קנעכט איז ניט קלאָר, צו וואס דער גרויסער האַר פון מצרים פאָדערט אונדזער יינגסטן ברודער, מיר זיינען אָן אים געקומען, ווייל ער איז איבערגעבליבן אליין ביי זיין פאָטער, אליין דער איינאיינציקער זון פון דער געליבטסטער פרוי, נאָכדעם

ווי דער ערשטער זון פון דער פרוי איז פארפאלן געוואָרן און אונדזער פאָטער איז אין פארצווייפלונג.

— וואָס האָט געטראָפן מיטן... פארפאלענעם? האָט ווײַטער געפרעגט צפנת פענח.

— מיר ווייסן ניט, גרויסער האר, האָבן געענטפערט אַלע צען מיטאַמאָל.

— האָט אים דער פאָטער געזוכט?

— דער טרויער פון פאָטער איז גרויס. פרייד איז פאַרשניטן געוואָרן פון זיין לעבן. איינזאם איז ער ארומגעגאנגען איבער די פעלדער און איבערן מדבר. ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן, נאָר אים געזוכט, גערופן, זיך צוגעהערט צום ווינט...

— און איר האָט אים גאָרניט געהאָלפן זוכן? ניט געטרייסט אין זיין צער?

— מיר האָבן אים געבראַכט זיין העמדל אין בלוט איינגעטונקט, געזאָגט, א חיה רעה האָט אים פארצוקט. — האָט זיך ארויסגעכאַפּט דער נארישעוואַטער גד, וואָס איז געווען געוויינט און אויסגעלערנט צו דעם תירוץ.

— וואָס האָט איר געטאָן? וואָס?... העמדל... בלוט... — האָט דער שני למלך גענומען שרייען און זיך וואַרפן פון ווייטיק.

— חיות־רעות זיים איר! בינדט זיי!! — האָט ער געשריען.

און מיטאַמאָל האָט גענומען צפנת פענחן עפּעס ווערגן אין האלדז, ער האָט ברייט געעפנט די מויל אפצוּטעטעמען, געשלונגען די גרויסע טראָפּנס טרערן, וואָס זיינען אים גערונען פון די אויגן, און ער איז גיך ארויסגעגאַנגען פון דעם אויסגעפּוצטן שלוחים־זאַל.

די ברידער זיינען געשטאַנען דערשראָקן, די גלידער האָבן ביי זיי געציטערט, און פיינטלעכע בליקן האָבן זיי געוואָרפן אַף גדן, פארוואָס ער האָט דערמאָנט די העמדל. יששכר האָט גענומען ריידן מער צו זיך.

„מיר זיינען שולדיק מיט אונדזער ברודער. ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז פון גדוב, ער האָט גערופן זיין מוטער רחלען, און מיר האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק".

און ראובן האָט זיך אָפּגערופן: „זעט איר, איך האָב אייך

געזאָגט, זינדיקט ניט מיטן קינד. איצט פאָדערט מען פאַר זיין בלוט".

דערוויילן זיינען ערייין עטלעכע מצרים מיט שטריק אין די הענט. די שטריק זיינען געווען אַלטע, צעפוילטע, ערטערווייז אויפ־געגעסן פון מאָל, מיט איין פינגער וואָלט זיי צעריסן יהודה פון זיך. אָבער א שרעקלעכע מורא און אן עקל האָבן די שטריק אַרויסגערופן ביי די ברידער. ווי פון א געשפּענסט, ווי פון א בייזן ווונדער האבן זיי זיך גענומען אָפּרוקן, גייענדיק הינטערווייילעך. נפתלי, וואָס איז געוויינט געווען צו לויפן, איז אַנידערגעפאַלן. ביי ראובנען האבן זיך די אויגן אויסגעגלאָצט פון שרעק, עס האָט געדוכט, אז אָט פאַלט ער א טויטער. יהודה האט געגעבן א טריט פאָרויס און גענומען טאַפּן די שטריק מיט די הענט, זיך אָן עפּעס דערמאָנענדיק, יששכר האָט אליין אויסגעשטרעקט די הענט, מען זאָל זיי בינדן, און אשר האט צוגעמאַכט די אויגן, ניט צו זען די שטריק.

מען האט זיי לייכט געבונדן. און דאָך האבן זיי נאר פון דעם אָנריר פון די שטריק דערפילט א ווייטיק, ווי פון א ברע־נענדיקן אייזן. און א שרעקלעכער געשריי האבן זיי ארויסגעגעבן, א פאַרבאַהאַלטענער ווייטיק פון יארן האט זיך ארויסגעריסן, אַ ווייטיק, וואָס נעמט דורך און צעבערעכט דעם מענטשן:

דאס זיינען געווען די שטריק, מיט וועלכע זיי האבן אמאל געבונדן יוספן.

אַלע זיינען זיך פונאנדערגעגאַנגען. די געבונדענע עבדים האָט מען אוועקגעפירט אונטער א וואך.

יוסף און צפנת פענח

יוסף איז געבליבן אליין. אף אזא אויסגאנג פון טרעפן זיך מיט די ברידער האט ער נישט אויסגערעכנט. ער האט געמיינט, אז ער וועט זיך נישט לאזן דערקענען, בכל אופן פאר די מצרים אין די אויגן. אבער, אז ס'זאל אויסקומען צו וואַרפן אף זיי אן אומזיסטן חשד, אז זיי זיינען מרגלים, אויסקוקער פון לאנד, דאס איז אים אין קאפ ניט אריינגעקומען.

— יעקב לעבט! הגם זיי האבן פארביטערט זיין עלטער און נאך פארשווערט מיט אזא בלוטיקן שפיצל. וועמען פון זיי איז דאס איינגעפאלן פארבלוטיקן זיין געשטרייפט,געצירט, שיין העמדל, זיין כתונת=פסים, וואס ער האט נאך באקומען בירושה פון זיין מוטער רחל און אין וועלכער ער האט אזוי הערלעך אויסגעזען? עס איז א מערדערישער אפנארן דעם טאטן, ער זאל מיינען, אז א חיה רעה האט אים פארצוקט.

און ווי טרעפט מען זיך מיטן אלטן ישראלן? פארערן, ער זאל זיך לאזן אין וועג, אדער שפעטער, ווען דער הונגער וועט זיך איינשטעלן, אליין פארן אין כנען. ווער ווייס אבער, צי ער וועט באוויזן אים געפינען א לעבעדיקן. די טעג פון א מענטשן און נאך אין אזא ביטערן עלטער זיינען געציילט.

און די ברידער זעען אויס ווי אמאל, ווייניק זיך געביטן. מער ניט ער האט זיך פון זיי אפגעוויינט. ראובן איז געווארן מער ענלעך צו יעקבן, יהודה איז געווארן ברייטער און נאך פעסטער ווי געווען, און יששכר קוקט נאך מיט זיין ערלעכן בליק. מענטשן בייטן זיך ניט. פון זייער עלטער קוקט ארויס די יוגנט. איז ער, יוסף, אויך אזוי שיין און גוט ווי יונגערהייט? צופיל האט ער זיך אפגעגעבן די מצרים, צופיל ביי זיי געלערנט און פארגעסן דאס היימישע, דאס יונגע.

ווי שטאַרק וואָלט ער געוואָלט וויסן, ווי זעט אויס איצטער בנימין? ער האָט געמוזט אויסוואַקסן אַ שיינער מאַן, ווי אַ בוים, וואָס וואַקסט ביי אַ קוואַל וואַסער. אים מוז ער באַלד זען, און אפשר אויך האָבן ביי זיך. אָבער ווי באַקומט מען אים? וואָס טוט מען דאָ ווייטער מיט די ברידער? שיקן איינעם אַהיים ברענגען בנימינען און די איבעריקע זאָלן דאָ בלייבן, ווי ערובניקעס. אָבער דאָס וועט אַף טויט איבערשרעקן יעקבן. דעמאָלט וועט ער געווים ניט לאָזן בנימינען מיטנעמען. אנשטאַט פרייד, וועט ער, יוסף, אים פאַרשאַפן צער. זיי, די ברידער, האָבן יוספן אַוועקגערויבט פון טאַטן, און ער וועט פון אים צורויבן די ברידער. אנשטאַט צו באַשטראָפן די ברידער, וועט ווידער באַשטראָפט ווערן יעקב, און דאָס וועט טאָן ער, זיין געליבטער זון. צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָט יוסף געטראַכט וועגן זיך, ווי וועגן יעקבס געליבטן זון.

„את האלהים אני ירא" — איך האָב מורא פאַר אלהים.

אָבער בנימינען, דעם לייבלעכן ברודער, רחלס צווייטן זון, דעם, וועמען ער האָט געהאָדעוועט און געוואַקסן, געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד, אים מוז ער זען. ווי וויזט ער אויס? ווי גרויס איז ער אויסגעוואַקסן? איז ער געלערנט? פאַרשטייט ער צו אַרבעטן אין פעלד, אַרום ביימער, אָדער ער איז אויך אַזאַ פאַרגרעבטער פאַסטעך ווי די ברידער? וואָס פאַראַ חלומות פאַרנעמען אים, און אפשר וועט זיך איינגעבן צו לאָזן ביי זיך אַף שטענדיק בנימינען, און אַזוי האָבן ביי זיך אַ טייל פון דער היים, פון חברון.

אָבער יעקבן וועט ער קיינמאָל מער ניט אָנזען, ניט אָנזען דעם אַלטן ישראלן פאַר זיין טויט, ניט דערפרייען דעם פאָטער, אַז זיין געליבטער זון לעבט. איז דאָס נישט די גרעסטע אכזריות, דער טאַטע זאָל מיינען, אַז אַ חיה־רעה האָט צעריסן זיין געליבטן זון, בעת ער לעבט און קיניגט אין מצרים. ביז איצט האָבן די ברידער אַוועקגערויבט יוספן פון זיין פאָטער, און איצט טוט ער דאָס אַליין. איצטער איז ער שולדיק אין טרויעריקן על־טער פון זיין פאָטער. בעסער זיי אויסזאָגן ווער ער איז, זאָלן זיי דערפרייען דעם אַלטן טאַטן, און זאָל ער קומען אַהער זען זיין

געליבטן זון, זײַן גרױסקײט און דערהױבנקײט, זײַן װיכטיקן אױפֿטו פֿאַר מצרים, פֿאַר דער װעלט.

אָבער װאָס װעט װערן מיט אים דאָ אין מצרים, װען מען װעט זיך דערװיסן, אַז צפֿנת־פּענח איז אַן עברי, און זײַנע ברידער זײַנען פֿאַרגרעבטע פּאַסטעכער. זײַן אָפּשטאַמונג איז איצט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, דאָס פֿאָלק בענטשט זיך מיט אים. בײַ פּוטיפֿרן אין געפֿענקעניש, בײַ די געפֿאַנגענע מלוכה־לײַט, האָט ער זיך אױסגעלערנט דעם פֿיר פֿון הױף, די חכמה פֿון אָנפֿירן מיט אַ מלוכה, דעם רײדן, דעם האַלטן זיך. אַלע דערקענען אין אים אַן עכטן מצרי, אַ קלוגן מכשף, װאָס װײס די צוקונפֿט, אַ גוטן שני־למלך, װאָס שפּײַזט מצרים, װאָס גיט ברױט און פֿרײד די מענטשן. און ער אַלײן האָט זיך אַזױ מיט זײ אײַנגעלעבט, אַז ביז ניט לאַנג האָט ער באמת פֿאַרגעסן אָן דער הײם, פֿאַרגעסן אַפֿילו... דעם טאַטן. מער ניט אסנת פֿלעגט אים פֿון צײַט צו צײַט דערמאָנען אָן דער הײם, אָן חברון.

דאָ אין נא־אמון, אין מצרים, האָט ער פֿאַרװירקלעכט זײַנע חלומות פֿון כּנען, דאָרט איז ער געװען אַפֿן װאָר קלײן און נישטיק, נאָר אין חלום גרױס, און דאָ איז ער באמת גרױס און װיכטיק. מיט זײַן דערפֿינדונג און זײַן אױפֿטו דערנערט ער אַ גאַנצע לאַנד, באַפֿרײַט זײ פֿון נױט און הונגער, דאָרט — די געזעלשאַפֿט פֿון פֿאַרגרעבטע פּאַסטעכער, פֿון שלעכטע מענטשן, װאָס האָבן אים מקנא געװען, אין גרוב געװאָרפֿן און דערנאָך פֿאַרקױפֿט פֿאַר אַ שקלאַף. דאָ, דער ליכטיקער פּרעה פֿון דרום־און צפֿון־מצרים, כּוהנים, חרטומים, מכשפֿים, שרײַבער, יועצים און חכמים, פֿון װעמען ער האָט אַזױ פֿיל געלערנט. און װאָס װעט װערן מיט זײַן װיכטיקער שליחות צו דערנערן אַ גרױס פֿאָלק און אױך די אַרומיקע פֿעלקער, געבן עסן הונגעריקע, אױסבױען נײַע שטעט, באַזעצן נײַע פּלעצער. דאָס אַלץ װעט גײן צו גרונט, װען מען װעט זיך דערװיסן, אַז ער איז אַן עברי, מען װעט פֿאַרלירן צו אים דעם צוטרױ, די ליבע. זײַנע שונאים װעלן גלײַך פֿאַרשפּרײטן דעם קלאַנג, אַז צפֿנת־פּענח איז אַ פֿרעמדער, אַ גע־

וועזוענער שקלאַף. קנאה=שנאה וועט דעמאָלט אויסוואַקסן פון דער ערד, זיינע פאַרדינסטן וועלן ניט אָנערקענט ווערן.

און ווער ווייס, ווי פרעה אַליין וועט זיך באַציען צו זיין משפחה. וועט ער אָנערקענען דעם יחוס פון יעקבן, פון אברהם אבינו, וועלכער האָט באַזיגט די מלכים פון עילם און שנער? פון אברהמען, וואָס האָט דער ערשטער אָנערקענט אלהים, ווי דעם איינציקן גאָט. צי האָט ער פון אים ניט געירשנט מער גרויסקייט און חכמה אָנצופירן מיט דער מלוכה, ווי פון פוטיפרן און אַנדערע מלוכה=לייט, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט אין מצרים.

אין די געדאַנקען האָט זיך צפנת פענח אַרומגעוואָרפן פון איין ווינקל אין דעם אַנדערן, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, אָנגענומען אַ באַשלוס און גלייך אים אָפּגעביטן, ער האָט געפילט, אַז דאָ איז ער שוואַך, ווייס ניט ווי צו האַנדלען, און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ביי זיך אַפן קאָפּ רחלס האַנט, ער האָט דערפילט די זיסקייט פון אירע ליפן, ווי זי קושט אים; די וואַרעמקייט פון יעקבס טרערן, ווי ער, יוסף, ווישט זיי פון זיין פּנים; בנימינס שמאָל פּנימל, וואָס קוקט אַף אים מיט ליבע און דערוואַרטונג, און פון די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטראָם פון ליבע, טריישאַפט און איבערגעבנקייט צו זיין היים, אַז טרערן האָבן זיך אים געגאָסן. אָ, מיט וואָס פאַר אַ היין, ער וואָלט איצט צוגעפאַלן צו דער ערד אין חברון און אויסגעקושט יעדן זעמדעלע, יעדן שטיינדעלע!

יוסף האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער קומט צופאָרן אַהיים צו יעקבן, ער פאָרט צו צום געצעלט אַף אַ פּאָר מצרישע פערד. אין געצעלט גייט ער אַריין אומגעריכט. קיינער דערקענט אים נישט. און ער זאָגט נישט אויס גלייך, ווער ער איז, כדי נישט איבערצושרעקן. ביסלעכווייז פירט ער אַרויף אַפן געדאַנק וועגן יוספן, ער זאָגט, אַז ער האָט פון אים אַ גערוס. און דאָ גיט יעקב אַף אים אַ טיפן קוק, און ער ליגט שוין אין יעקבס אָרעמס. דערווייל קומט אַריין בנימין. ער איז יונג, הויך, שיין און האַלט זיך צוריק פון דעם אומבאַקאַנטן. די נייעס צעטראָגט זיך אין אַלע געצעלטן אַרום. די קינדער באַוווּנדערן די

פערד, און די דרייסטערע כאַפּן אַ קוק אַף אים. פון אופרעקונג קען יעקב נישט ריידן. דערווייל זיינען אָנגעקומען די ברידער. זיי זיינען פאַרשעמט, פאַלן אים צו די פיס, בעטן מחילה, און ער הויבט זיך אוף, קושט זיי און איז זיי מוחל. די שכנים דער־וויסן זיך, קומען אָנקוקן דעם גרויסן מאַן...

צפנת פענח האָט זיך געכאַפּט ביי די געדאַנקען, ווי ער געפינט זיך אין חברון און לאָזט זיך דערקענען פאַרן פאָטער. אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַ חלום. ער איז דאָ אין מצרים, און ער קען אַף אַן אמת תיכף גיין צו די ברידער, וואָס געפינען זיך אונטערן וואך, ער וועט זיי פאַלן אַפן האַלדז, זיי אויסזאָגן ווער ער איז, און זאָלן זיי אים תיכף אַליץ דערציילן פון דער היים, אַליץ מיט אַלע איינצלהייטן, ווי ווייזט אויס יעקב, בנימין, וואָס איז פאַר דער לאַנגער צייט פאַרלאָפן אין דער היים, ווער איז ביי זיי געשטאָרבן און ווער איז פון דאָסניי געבאָרן געוואָרן. זאָלן זיי זיך נישט שרעקן פאַר אים, ער וועט קיין נקמה פון זיי נישט נעמען, ניטאָ מער צפנת פענח, געבליבן נאָר יוסף, יעקבס בן זקונים, רחלס בכור, וואס שפילט זיך מיט די קינדער, וואָס טראָגט אַ שיין זיידן העמדל, וואָס גייט אַרום אַ פאַרחלומטער אַרום די בוימער פון געצעלט, וואָס האָדעוועט בנימינען. דאָס איז דער אמתער יוסף!

אָבער מיטאַמאָל האָט זיך יוסף פאַר עפּעס ווי דערשראָקן, ער איז געוואָרן אומרויק. וואָס וועט איצט זיין מיט צפנת־פענחן? ער איז ניט איין מענטש, נאָר צוויי: יוסף און צפנת פענח. אַן עברי און אַ מצרי. ער טראָגט אין זיך צוויי היימען: בית־אל און מצרים, צוויי הארן האָט ער: ישראל און פרעה. האָפענונג און אַנטוישונג, ליבע און פרעמדקייט לעבן צוזאַמען אין אים. און ער איז געבראָכן, ווייס ניט וואָס צו טאָן ווייטער מיט די ברי־דער, ווי לאַנג זיי האַלטן פאַרשפאַרט, זאָל ער זיי אָפּלאָזן איצט אַהיים, וועלן זיי קיינמאָל נישט קומען מער צוריק, אַף אייביק פאַרלירן די האָפענונג אָנצוזען בנימינען. נישטאָ מער יעקב, גע־שטאָרבן יוסף, ס'איז געבליבן נאָר צפנת פענח. אַליין, אַן איינ־

אמער אין א פרעמדן לאנד, און אַ שווידער איז אים דורך אי־בערן לייב.

ניין, דאָס וועט ניט זיין. ער וועט שיקן איינעם פון זיי נאָך בנימינען און די איבעריקע וועט ער פארהאַלטן ווי א משכון. ער וועט זיי האָבן נאָענט לעבן זיך. קענען מיט זיי אָפט שמועסן, פונאַנדערפרעגן וועגן אַלץ, אין שפעטער וועט אויך בנימין קומען.

וועט אָבער בנימין קומען? אזא שליה, אָן די איבעריקע ברידער, וועט אים נישט ברענגען. יעקב וועט אים נישט לאָזן. ווער וועט ערוב זיין יעקבן, אַז בנימינען וועט מען צוריקברענגען. צי וועט דאָס ניט זיין פאַר יעקבן דער לעצטער קלאַפּ, אין דעם קלאַפּ דעם אַלטן טאַטן וועט געבן ער, יוסף, וואָס האָט אים אזוי ליב.

די געדאַנקען האָבן צפנת פענחן ווי געטאָן. ער האָט גע־פילט, אַז ער איז אריין אין אַ פּלאָנטער, פון וועלכן ער קען נישט אַרויסגיין, ער האָט גענומען זוכן הילף, ער מוז וועמען דערציילן, טיילן זיך מיט דעם אַלעמען. און אפן זינען איז אים אַרופגעקומען אסנת. זי איז די איינציקע, וועמען ער קען דער־ציילן דעם גאַנצן אמת. אסנת, זיין געליבטע פרוי. וואָס איז אויך פון זייער משפחה, וואָס באַגלייט אים זיין לעבן אין דער פרעמד, וואָס איז פאַר אים אַ היים, א פרייד, אַ גליק און אַן אומגליק, אסנת. וואָס האָט זיך מיט אים צוזאַמענגעגאָסן אין איין מענטש, ווי א מילדער קלוגער מלאך העלפט זי אים און דאָס אַלץ אזוי שטיל און באַשיידן.

יוסף האָט אַלץ דערציילט אסנתן. ווי ער האָט געטראָפן די ברידער, זיין אומרו, זיינע ספקות, דעם אומזיסטן חשד, וואָס ער האָט געוואָרפן אף די ברידער, זיין ווילן צו זען בנימינען און זיינע געדאַנקען וועגן דער היים און וועגן מצרים. אסנת איז אינ־גאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער לאַגע. דאָס זיינען דאָך אויך אירע פריינט, ברידער פון איר מוטער. זי האָט נישט אנ־דערש געוואָלט אַליין זיי אָנקוקן, מיט די אייגענע אויגן זען די, וואָס האָבן פאַרקויפט יוספן. ווי ווייזן זיי אויס, זיינען זיי גזלנים, אָדער איינפאַכע מענטשן, גבורים אָדער פחדנים?

אָבער טאָמער רעדט זי זיך אוים פאַר זיי, ווער דאָס איז

דער שני-למלך פון מצרים; טאַמער אַנטדעקט זי זײַ זײַן סוד, האָט צפנת פענח זי געװאָרנט. אסנת האָט אים פאַרזיכערט, אַז דורך איר װעט מען זײַן סוד נישט דערװיסן און איז דרײסט אַװעק צו די ברידער. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אײנפאַכע קלײדער פון אַ מצרישער פרױ, איר ברױנע געזיכט איז געװען ערנסט, איר האַלדז איז געװען נישט אַזױ לאַנג װי בײַ די מצרישע פרױען; די װאַכלײַט, װאָס זײַנען געשטאַנען פאַר די ברידער, האָבן פאַר איר ברײט געעפנט די טיר און אַראָפּגײענדיק אַ פּאָר טרעפּלעך, איז זי שנעל אַרײַנגעגאַנגען אין תּפיסה, װו די ברידער זײַנען געזעסן.

צען פּאָר נײַגעריקע, דערשראָקענע אױגן האָבן זיך אָף איר אַ װאָרף געטאָן. זי האָט זײ באַגריסט, איז צוגעגאַנגען צו ראובנען און אים אָפּגעבונדן די הענט, דאָסזעלבע האָט זי געטאָן מיט אַלעמען כּסדר, לױט זײער עלטער. די ברידער האָבן זיך געשטעלט אַרום אסנתן און איר געדאַנקט פאַר איר גוט האַרץ.

— פון װאַנען זײַט איר? — האָט אסנת געפרעגט.

— מיר זײַנען פון חברון, װאָס ליגט אין לאַנד כּנען.

— װער זײַט איר?

— פּאַסטעכער. מיר זײַנען געקומען אין מצרים קױפן תּבואה.

— װער איז אײער פּאָטער?

— אונדזער פּאָטער איז יעקב, דער זון פון יצחקן, דער זון פון אבֿרהמען. דאָ אָבער האָט מען אָף אונדז געװאָרפן אַ חשד, אַז מיר זײַנען מרגלים, אױסשפּירער פון לאַנד. מיר זײַנען ערלעכע לײַט און קײנמאָל קײן מרגלים נישט געװען.

— פאַרװאָס איז אײער פּאָטער אַלײן נישט געקומען אין מצרים?

— אונדזער פּאָטער איז אַלט און האָט נישט געקאָנט קומען צום גרױסן האַר, האָט ער אונדז געשיקט אַהער קױפן שפּײַז.

— האָט איר נאָך ברידער?

װידער זײַנען די מענטשן געבליבן שטיל שװײַגן, װי מיט אַ טאָג פריער, בײַם הערשער פון מצרים. גד האָט צוגעלײגט די האַנט צום מױל, כּדי ער זאָל זיך גאָרנישט אױסרײדן. אשר האָט

זיך אָפּגעקערט, ער זאָל נישט אָנקוקן די איבעריקע ברידער. ראובן האָט אָנגעהויבן נישט זיכער צו ריידן.

— מיר האָבן אינדערהיים אַ יינגערן ברודער, בנימין הייסט ער, ביים פאָטער איז ער זייער טייער. דאָס איז דער יינגסטער זון פון זיין געליבטער פרוי, אַ טרייסט אין זיין טריבן עלטער. און ווען מיר האָבן אַראָפּגענידערט אין מצרים נאָך תּבואה, איז ער אינדערהיים געבליבן מיטן פאָטער. אונדזערע רייד איז אמת, אַלץ ווי מיר האָבן דערציילט.

— ווי האָט געהייסן אייער פאָטערס געליבטע פרוי?

— רחל.

— מער האָט זי אייער פאָטער קיין קינדער נישט געבאָרן?

ראובן האָט זיך אָפּגערוקט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט גע־ווּוּסט וואָס צו ענטפערן, מיטאַמאָל האָט זיך אַוועקגעשטעלט יהודה. מיט זיין ריזיקן וווּקס און קראַפט פון אַ לייב. אסנת איז געשטאַנען פאַר אים, ווי פאַרמעסטנדיק זיך אין מוט.

— יאָ, האָט געזאָגט יהודה.—רחל, יעקבס פרוי, האָט אים געבאָרן נאָך אַ זון, מיט דעם זון אָבער האָט געטראָפן אַן אומ־גליק. צו זיבעצן יאָר איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. דער פאָטער האָט אים מער נישט אָנגעזען, און מיר אַלע האָבן די רו פאַרלאָרן, פרייד איז פאַרשניטן געוואָרן פון אונדזערע געצעלטן, און שוין צוואַנציק יאָר ווי די זון איז פאַר אונדז ניט אויפגעגאַנגען.

— ווי האָט מען אים גערופן? — האָט אסנת געפרעגט.

יהודה האָט געשוויגן. די ברידער זיינען געשטאַנען מיט פאַרומערטע פּנימער, ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן, ווי מען האָט גע־רופן דעם פאַרפאַלענעם ברודער. אסנת אָבער האָט געוואַרט און זיי געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— יוסף!... — האָבן זיך אַרויסגערעדט אַלע מיטאַמאָל.

— יוסף, יוסף—האָט זיך אַרויסגעריסן דער נאָמען פון צען מעכטיקע ברוסטן.

— ווי האָט ער אויסגעזען?

— ער איז געווען צאַרט און שיין ווי אַ בלום. פאַרחלומט

פלעגט ער אַרומגיין איבער די פעלדער און געצעלטן, וויט זעענדיקע און הערשערישע חלומות האָט ער אין זיך געטראָגן, און זיינע חלומות פלעגט ער אַלעמען דערציילן.

— מיט אונדז האָט ער זיך שטענדיק געשפּילט — האָט געזאָגט נפתלי.

— אַ געשטרייפט העמדל האָט ער געטראָגן, מיט טייערע לייכטנדיקע שטיינער איז זי געווען אויסגעצירט. דאָס האָט אים דער טאַטע אויעקגעשאָנקען. זי האָט נאָך באַצירט זיין מוטער רחל, און ווען יוסף פלעגט איר אָנטאָן, איז ער געווען אַזוי שיין ווי זיין מוטער — האָט זיך אָפּגערופן אשר.

און ראובן: „דער פאָטער האָט אים ליבער געהאַט פון אַלע קינדער, ער איז געווען זיין פרייד און זיין טרייסט. נאָך רחלס טויט האָט נאָר יוסף געקאָנט טרייסטן יעקבן. מיט זיינע זיסע רייד, מיט זיינע חכמות פלעגט ער דערפרייען זיין געמיט, מיט זיין מוטערלעכער ליבע צו זיין ברודער בנימינען האָט ער אים אַ מוטער פאַרטראָטן.“

איצט האָבן זיי אַלע גערעדט וועגן יוספן. יעדערער האָט דערציילט וועגן דעם, וואָס ס׳איז געבליבן ביי אים אין פאָרשטעלונג. ווי מיער און ווי ליב ער איז געווען, ס׳אַרא אויסדערוויילטער! ווי אַ קוואַל, וואָס איז געווען לאַנג פאַרשטאָפּט און איז מיטאַמאָל געעפנט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שטראָם פון זכרונות, געדאַנקען און פאַרשטיקטע געפילן.

— ווי אַזוי איז ער פאַרלאָרן געגאַנגען? האָט אים ווער געגנבעט צוליב זיין שיינקייט אפשר? — האָט געפרעגט אסנת.

ווידער זיינען די ברידער אַנטשוויגן געוואָרן. און אסנת:

— אין אייערע רייד איז עפּעס אומקלאָר. ניט אַליין זאָגט איר אויך. דערמיט רופט איר אַרויס אַ חשד. אייערע כוונות זיינען פאַרבאָרגן.

— מיר האָבן ניט קיין פאַרבאָרגענע כוונות,—האָט מיטאַמאָל פון דער זייט אַ ברוּם געטאָן שמעון. זיינע אויגן האָבן געפינקלט, אויף פּנים האָבן זיך אויסגעטיילט שראַמען. אַ בייזע שטאָלצקייט האָט פון זיי אַרויסגעלויכטן. ער איז געווען נידעריי-

קער פון יהודהן, אָבער ברייטער. ניט ווילנדיק האָט זיך אסנת א רוק געגעבן אף הינטער.

— ווער איז דער? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— דאס איז אונדזערער א ברודער—האָט געענטפערט לוי.

— אלע זיינען מיר ברידער.

— און א שוועסטער האָט איר?

— יאָ.

— ווי הייסט זי?

— דינה.

— דינה?

אסנתן האָט זיך מיטאמאָל די בלוט א גאָס געגעבן אין פנים און דערנאָך צוריק. אירע אויגן האָבן זיך אראָפּגעלאָזן און אָנגעפילט זיך מיט טרערן. די ברידער האָבן עס באַמערקט און זייערע הערצער זיינען ווייך געוואָרן. עפּעס פריינטלעכעס, אייגענעס האָבן זיי דערפילט אין איר. זייער הארץ האָט זיך געעפנט, זיי האָבן געוואָלט איר דערציילן מער וועגן זיך, וועגן זייער אומגליק, וואָס היינגט איבער זיי אלעמען שוין העכער צוואַנציק יאָר.

און אלע האָבן גערעדט מיט איר וועגן זייער היים. זיי האָבן איר דערציילט אלץ, וואס איז פאָרגעקומען מיט יוספן, אזוי ווי דאס האט זיך איינגעקריצט ביי זיי אין זכרון, און אז זיי זיינען געקומען אין מצרים מיט דער פארבאָרגענער האָפנונג דאָ, אין דער פרעמדער לאַנד צו געפינען שפּורן פון יוספן. מיט דעם וועג, וואָס פירט קיין מצרים, האָט מען אים אוועקגעפירט. אפשר וועלן זיי קענען דערפרייען דעם פאָטער, וואָס זיצט דעם גאנצן לעבן און וואַרט, הגם ער ווייס נישט אף וואָס. זאל זי רחמנות האבן אף אים און זען זיי צו באַפרייען. מען האָט זיי אומזיסט פאַרשפאַרט און זיי קענען אפילו נישט גיין אים זוכן ווייַ.

— הארנטע, העלף אונדז! — האט זיך ארויסגעריסן ביי זיי טיף פון הארצן, — דיין בליק איז א גוטער, פול מיט רחמנות. דו דערמאָנסט אונדז אונדזער שוועסטער דינהן. מיר וואלטן שווערן אז די הארנטע איז פון אונדזער לאנד.

אסנת האט גארנישט ניט געענטפערט. די ברידער האבן

זיך צוגערוקט צו איר, אַרומגעשטעלט זיך אין אַ קרײַז. בײַם ווילדן, שוויַיגנדיקן שמעונען האָט זיך דער צונג פונאַנדערגעבונדן. ער האָט געוואָלט עפּעס דערציילן דער פרעמדער שיינער פרוי, וואָס שטייט לעבן אים און רעדט מיט אים אַזוי האַרציק און אַזוי נאָענט.

— אונדזער שוועסטער איז געווען די שענסטע אין גאַנצן לאַנד.

— דאָס איז געווען אײַער שוועסטער דינה?

— יאָ. איר האָט דערזען שכם, דער האַר פון חוי. זיין גאַנץ לאַנד, גאָר זיין האָב און גוטס האָט ער אונדז געוואָלט אָפּגעבן אין נדן פאַר דער שוועסטער. ער האָט איר אָבער פאַר־אומרייניקט, און מיר האָבן זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון אונדזער שוועסטער. די גאַנצע שטאָט אויסגעהרגעט. דער שווערד האָט אונדז געדינט.—שמעון האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ שווערד, ער האָט געפּאָכעט מיט די ליידיקע הענט. אויף זיין פּנים האָט זיך ווידער באַוויזן דער שטרענ־גער בליק, וועלכער האָט געשראָקן אסנתן. — זאָל די האַרנטע קיין מורא נים האָבן, מיר וועלן דיך נישט אָנרירן. נאָר דעם כבוד פון אונדזער משפחה פאַרטיידיקן מיר מיטן שווערד און ווי איז צו דעם, וואָס וויל אונדז באַליידיקן, ווי צו דעם, וואָס נאַרט אונדז אָפּ!! — זיינע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ דראָונג, און ראובן האָט געזוכט ווייטער צו מאַכן דעם איינדרוק:

— געבענטשט זאָל זיין די האַרנטע. אונדזער גאָט אלהים וועט איר שיינקען זיין חסד! זאָל די האַרנטע גלויבן אין אונדזער ערלעכקייט. קיינמאָל זיינען מיר נישט געווען קיין מרגלים, קיין אויסשפּירער פון לאַנד, שטענדיק איז אונדזער משפחה געווען נאָענט צו מצרים. אויב מיר האָבן געפונען חן אין דיינע אויגן, העלף אונדז אופזוכן אונדזער ברודער...

און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ קרײַז, גענומען בעטן, וויינען: האַרנטע, ליכטיקע, העלף אונדז געפינען אונדזער ברודער, העלף אונדז געפינען אַ טרייסט פאַר אונדזער אַלטן פאָטער! צען גרויסע, שטאַרקע מענער האָבן אַרומגערינגלט אַ קליינע פרוי און געוויינט, צו דרערד זיך געוואָרפן, געבעטן זיך ווי קינדער, אָבער זיי, די געפאַנגענע, די געבונדענע האָבן נים

געבעטן פאַר זיך, פאַר זייער לעבן, נאָר פאַר אַן אנדער לעבן פאַר אַן אַנדער געפאַנגענעם, וואָס איז זיי טייערער ווי זייער לעבן..

אסנת איז געווען גערירט.

— עברים! — האָט זיך אָפּגערופן אסנת. — איך וועל פאַר אייך ריידן גוטעס פאַרן שני־למלך פון מצרים. איר דאַרפט אָבער באַווייזן, אַז איר זייט באמת ערלעכע לייט און ברייגנען אייער יינגערן ברודער אַהער. פאַרזיכערט אייער פאָטער, אַז קיין שלעכ־טעס וועט מיט אים נישט פּאַסירן. אָן ברודער קענט איר זיך זיך נישט ווייזן פאַרן הערשער פון מצרים,, אזוי איז זיין פאַרלאַנג. אייער גאָט אלהים וועט טאָן מיט אייך חסד און וועט אייך טרייסטן אין אייער צרה. ער וועט ברייגנען אויך אַ טרייסט אייער אומ־גליקלעכן פאָטער. גריסט אים פון... מצרים. אויך אייער שוועסטער...

מיט די ווערטער האָט זיך אסנת געזעגנט מיט די ברידער און איז אַרויס פון דער תפיסה.

אויפֿן וועג צוריק אין כּנען

שווער איז געווען דער וועג צוריק פֿון מצרים. באַרג אַרויף, מיט פֿולע זעק תּבֿואה, האָט זיך געשלעפּט דער קאַראַוואַן פֿון די ברידער. אַנשטאָט צען זיינען זיי איצט געפֿאָרן ניין. שמעון האָט געמוזט בלייבן. אַזוי איז געווען דער באַפֿעל פֿון שני למלך: לאָזן שמעונען פֿאַר אַן ערובניק, ביז זיי וועלן ברענגען דעם יינגערן ברודער.

פֿאַרוואָס עפּעס האָט ער אויסגעוויילט שמעונען? צוליב זיין בייזן אויסזען, אָדער ער איז ניט געפֿעלן געוואָרן דער האַרנטע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פֿאַר דער פֿרוי פֿון שני-למלך?

זיי זיינען באַפֿרייט. און דאָך פֿילן זיי זיך געבונדן, געבונדן מיטן צוזאָג צו ברענגען בנימינען און זיינען ניט זיכער, אַז מען וועט דאָס קענען אויספֿירן, געבונדן מיטן לאָזן אין מצרים שמעונען, און דערהויפּט מיט דעם סוד, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט די גאַנצע צייט, מיט די באַזונדערע פֿראַגעס וועגן בנימינען און יעקבֿן. וואָס גייט אַזוי אָן דעם הערשער פֿון מצרים, אויב זיי האָבן אַמאָל געהאַט אַ ברודער אָדער ניט? זיינען אין מצרים באמת דאָ שפּורן פֿון יוספֿן? פֿאַרוואָס האָט מען אויף זיי אַרופֿגעוואָרפֿן אַ חשד, אַז זיי זיינען מרגלים? פֿאַרוואָס פֿרעגט מען זיך נאָך אַזוי שטאַרק אויף בנימינען? קיין זאַך איז ניט קלאָר און ניט פֿאַרשטענדלעך.

אַ שיינע לאַנד מצרים, דער טאָל אַרום טייך איז באַגרינט, און דער טייך יאור פֿליסט פֿול מיט וואַסער אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, צפֿון-זייט. זבֿולון, וואָס האָט געזען דעם ים, זאָגט, אַז דער ים האָט נאָך מער וואַסער און די כוואַליעס זיינען נאָך גרעסער. נאָר די וואַסער אין ים קען מען ניט טרינקען, ס'איז

ביטער און געוואַלצן. אין מצרים אָבער איז דער וואַסער אַזוי גע־שמאַק! אשר זאָגט, אַז דער וואַסער פון מצרישן טייך איז גע־שמאַקער פון ווײַן און צוליב דעם וואַסער אַליין לוינט צו לעבן אין מצרים. אין מצרים איז אַזוי פיל וואַסער, אַז מען גיסט אים אין זאַמד; פון ליים, פון ציגל בויט מען הײַזער, מווערן פאַר טויטע און הײַזער פאַר לעבעדיקע.

ווי קענען מענטשן אויפבויען אַזעלכע הויכע געביידעס? מיט דער אויג נישט צו דערוואַרפן די הויכקייט און גרויסקייט זייערע. מען דערציילט, אַז אינעווייניק זײַנען דאָ אַזוי פיל צימערן, אַז גנבים, וואָס קלייבן זיך אַרײַן אין די געביידעס, ווייסן נישט ווי אַרויסצוגיין און בלײַבן פאַרשטיינערט צו זייער אייביקער שאַנד.

אַלעמעס געדאַנקען האָבן זיך נאָך געדרייט אַרום מצרים. באַלד האָבן די ברידער גענומען ריידן צווישן זיך:

— זייערע פרויען זײַנען שיינע, שענערע פון אונדזערע. זיי גייען מיט אָפּגעדעקטע פנימער — האָט זיך אָפּגערופן יהודה.

— אָבער די מענער ווייזן נישט אויס קיין גבורים, — האָט אַרײַנגעשטעלט ראובן.

— זיי טויגן מסתמא נישט אין מלחמה, — האָט באַ־מערקט יהודה.

— און דאָך זאָגן זיי, באַצווינגען פרעמדע פעלקער — האָט געענטפערט זבולון.

— אלהים איז שטאַרקער פון זייערע געטער — האָט מיט בעס געזאָגט לוי.

— זיי באַזיגן אַנדערע פעלקער מיט זייער חכמה — האָט פאַרטראַכטערהייט אַרויסגעזאָגט יששכר.

— טאָמער איז אפשר קליגער פאַר אלהים? — האָט ווידער געבעסט לוי.

— געטער פאַרמעסטן זיך אין כוח, אין גבורה, אָבער קיין־מאָל נישט אין חכמה — האָט געענטפערט יששכר.

אַ ווײַלע זײַנען זיי געפאָרן שווײַגנדיק. שווער האָבן גע־שטעלט די קעמלען זייער טראָט און אויסגעצויגן די לאַנגע העלדזער, דערפילנדיק די נאָענטקייט פון וואַסער. די ברידער

אָבער זײַנען נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט די געדאַנקען וועגן מצרים און ניט באַמערקט די באַוועגונגען פֿון די קעמלען.

— די פּירות דאָרטן זײַנען אַזוי געשמאַק — האָט אַ זאָג געגעבן אשר.

— נאָך געשמאַקער ווי זייערע פּרווען? — האָט זיך געווײצלט גד.

יהודה האָט אויף אים אַ קוק געגעבן פֿון אויבן אַראָפּ, און זיי זײַנען ווײַטער געפֿאָרן שווײַגנדיק.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. דער וועג איז געוואָרן באַרגיקער און שווערער, און די געדאַנקען פֿון די ברידער האָבן זיך בּיסלעכווײַז אומגעקערט אַהיים. ראובן האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דער צײַט, וואָס מען האָט פֿאַרקויפֿט יוספֿן. ער איז דערבײַ ניט געווען און האָט מער פֿון אַנדערע געהאָפֿט, אַז ווען עס איז וועט מען אויפֿזוכן יוספֿן. מיט דער באַהאַלטענער האָפֿענונג איז ער געפֿאָרן קיין מצרים. איצט פֿאָרט ער צוריק, פֿאַרלאָרן נאָך אַ ברודער, אָבער די האָפֿנונג צו געפֿינען יוספֿן האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. מצרים איז עפּעס פֿאַרבונדן מיט כנען. דער אומגליק, וואָס הענגט איבער זייער משפּחה האָט איין ברעג אין מצרים. דער הערשער פֿון מצרים פֿאָדערט בנימינען. עס ציען זיך פֿעדים פֿון יעקבס געצעלט אין חברון צום פּאַלאַץ פֿון שני-למלך אין נא-אמון. אָבער די פֿעדים ווערן פֿאַרלאָרן ווי וואַסער אין זאַמד. ווי וועט ער דערציילן יעקבן דאָס אַלץ, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט אין מצרים, ווי הייבט מען גאָר אָן צו ריידן וועגן אָפּלאָזן בנימינען אין מצרים, און מיט וואָס פֿאַרענטפֿערט מען, וואָס שמעון איז ניטאָ?

אַזוי טראַכטנדיק און ריידנדיק צווישן זיך, זײַנען די ברידער צוגעפֿאָרן צו אַ נאַכטלעגער. דאָס איז געווען אַ לאַנגע הויז מיט נאָך אַ לענגערן שטאַל, געבויט צוזאַמען. איבערן נאַכטלעגער איז געהאַנגען אַ הילצערנער שילד, אויף וועלכן ס'איז געווען אויפֿגעמאָלט אַן אָדלער מיט שלאַנגען. אַרום איז געווען אַ ברייטער הויף מיט גראָז, מיט אַ ברונעם וואַסער, באַלייגט מיט שטיינער. די שטוב איז געווען אַ טונקעלע. די רײַזנדער האָבן זיך דאָרט געגרוסט פֿון דער ברענענדיקער זון. דער באַלעבאָס פֿון הערבעריק

איז געווען אן אלטער כנעני, וואס האט פארשטאנען צו ריידן אף אלע שפראכן פון זיינע געסט, וואס האבן געהערט צו פארשיידענע פעלקער און לענדער. אונטערן טאמבאנק האט ער געהאלטן כנענישע, מצרישע און אפילו גריכישע געטער.

פארויס איז געפארן, ווי שטענדיק, נפתלי. ער איז שנעל אראפגעשפרונגען פון זיין אייזל און אריין אין הויז. אין שטוב איז געווען טונקל, פון קיך איז געגאנגען א רויך, אז ער האט לכתחילה גארנישט ניט געזען. אים האט געדוכט, אז קיינער איז נישטא און ער האט שוין געוואלט ארויסגיין. אבער באלד האט זיך דערהערט א שטים פון צווייטן ווינקל, וואס האט באגריסט דעם גאסט און אים פארגעלייגט שפייז און ביר פאר זיינע מענטשן און אויך ריינע קוואלוואסער פאר די קעמלען. די מענטשן קענען באקומען א מאלצייט פון קעז, געלע פלוימען, אוגערקעס, קאשטאנען, פאריאריקן ווייַן צום טרינקען. נפתלי האט געענטפערט, אז שפייז האבן זיי אייגענע. זיי ווילן נאר דא נעכטיקן און לאזן אפרוען די אייזלען. ער איז ארויס צו די ברידער און זיי זיינען אריינגעפארן אין הויף פון נאכטלעגער.

די גאנצע צייט איז לוי געפארן באזונדער, אן א זייט. שטענדיק פלעגט ער פארן מיט שמעונען. ווי א צווילינג זיינען זיי געווען ענלעך איינער צום אנדערן און תמיד זיך געהאלטן צוזאמען. איצטער איז ער געבליבן אליין און זיך געהאלטן אפּגעזונדערט פון די איבעריקע ברידער. דאסמאל איז ער געווען מידער ווי די אנדערע און געוואלט גיכער פארנעמען א בעסערן געלעגער אין נאכטהויז. פון דער טיפונג פון צווישן די צוויי הויקערס פון זיין קעמל, האט ער שנעל אויסגעבונדן א זאק מיט גערשטן, דעם צאם פון קעמלס מויל האט ער ארויסגענומען, און דער קעמל האט אראפגעלאזן זיין לאנגען האלדז, כדי דעם קאפ אין זאק אריינצורוקן, אבער לוי האט אים אפגעשטופט און פריער זיין אייגענע האנט אין זאק אריינגערוקט, כדי צו מאכן ברייטער די עפענונג. ער האט אבער וואס אנגעטאפט הארטעס אין זאק און מיט די פינגער געוואלט דערטאפן, וואס דאס איז אזוינס, אויב דאס איז עסבאר פאר ן קעמל, אדער מען דארף דאס ארויס=

ווארפן. די פינגער האבן דערטאפט עפעס קאלטעס, און באלד האט לוי ארויסגענומען פון זאק עלטלעכע זילבערשטיק, איינגעוויקלט אין א פאפירוס־בלאט. לוי, וואס איז געווען קורצזיכטיק, האט צוגעטראגן נעענטער צו די אויגן דעם זילבערשטיק, ווי וועלנדיק עס דערקענען. ער האט פאר זיך דערזען די זעלבע מטבעות און שטיקער זילבער, וואס ער האט באצאלט אין מצרים פאר זיינע תבואה.

אין ערשטן אויגנבליק האט לוי געזוכט זיך צו דערמאנען, ווי אזוי קומט עס צו אים אין זאק? באלד האט ער זיך דערשראקן און איז צוגעגאנגען צו די ברידער און זיי באוויזן, וואס ער האט געפונען ביי זיך אין זאק. די ברידער האבן געקוקט מיט ברייט־צעשפרייטע אויגן, און ראובן האט קיין ווארט נישט גערעדט און אוועקגעשפרייזט צו זיין קעמל. אין א ווײַלע ארום האט ער זיך צוריקגעקערט און אין האנט געהאלטן די זילבערשטיקער, וואס ער האט באצאלט אין מצרים פאר זיינע תבואה, אויך איינגעוויקלט אין א פאפירוס־בלאט, פון זעלבן גרויס, וואס ביי לוין.

נאר איין רגע האבן די ברידער געקוקט אף ראובענען און באלד זיך צעשאטן, צעלאפן, יעדערער צו זיינע זעק. און אזוי, ווי זיי וואלטן געוווסט, וווּ דאס זילבער ליגט, האט יעדערער געפונען די געלט אין זאק מיט תבואה. זיי האבן זיך ווידער אופגעשטעלט צוזאמען, כדי צו זען, וואס ס׳טוט זיך ביי די איבעריקע. ביי אלעמען איז געווען דאס זעלבע.

דן האט עפעס גערעדט צו זיך. יהודה האט אראפגעלאזן זיין לייבנקאפ. אין זיינע גרויסע הענט האבן די זילבערשטיק אויסגעוויזן קלענער. עס איז אבער געווען אלץ, וואס ער האט באצאלט אין מצרים, קיין איין מטבע האט ניט געפעלט.

— איך האב געזאגט, אז די סמנים זיינען ניט קיין גוטע — האט זיך אפגערופן לוי. — מען האט דארטן נישט געטארט לאזן שמעונען. תחת חרב האט מען זיי אלעמען געדארפט מאכן!

— מען זוכט אף אונדז בלבולים, — האט זיך אפגערופן דן.

— דער בלבול, אז מיר זיינען מרגלים, די פראגעס וועגן יעקבן, בנימינען, אפילו יוספן געמאנט, איצטער צוריק די געלט

אין די זעק... ווי אַ קייט בינדט זיך דאָס אַלץ ארום אונדז, און איך ווייס ניט, ווי רייסט מען זיך אַרויס, — האָט גערעדט ראובן מער צו זיך. — ווי אין אַ נעץ האָט מען אונדז אַריינגעכאַפּט. איצטער מוזן מיר זיך שוין נאָכאַמאָל אומקערן אין מצרים, אָפּברענגען די געלט, אַניט וועט מען אונדז נאָך אָנגעמען פאַר גנבים... „מרגלים", „גנבים", — „חיות רעות" — אַזוי זעען אויס די זין פון ישראלן. מיט וואָס וועלן מיר קומען צום טאַטן? און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם אומגליקלעכן טאָג, ווען איך בין אָפּגעגאַנגען פון גרוב און דערווייל האָט מען אים פאַרקויפט. ווער ווייס, אפשר לעבט יוסף אין מצרים און פון זיין באַהעלטעניש שיקט ער זיינע פיילן אף אונדז, האָט געזאָגט ראובן. איך פיל, אַז אודז וועט אויסקומען נאָכאַמאָל ווידער אַראָפּנידערן אין מצרים.

— איך קען שוין קלאָר די וועג — האָט א זאָג געגעבן זבולן.

— סוחר איינער, דו וואלסט אַלץ אַרומפאָרן. דיינע חלומות זיינען אַף די וועגן, און דו זעסט נישט, וואָס ס'טוט זיך אינדערהיים, — האָט בייז אַ זאָג געגעבן יהודה.

שווייגנדיק זיינען די ברידער אַריין אין הויז פון נאַכטלעגער. דער באַלעבאָס האָט געזוכט זיי פריילעך צו מאַכן, פאָרגעלייגט ביר צום טרינקען, און אויב זיי פאַרלאַנגען, האָט ער א יונגע טענצערין, וואָס מאַכט פריילעך די הערצער פון רייכע רייזנדער, בעסער ווי שטאַרקער וויין. די רייזנדער האָבן אבער פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן און באַלד זיך געלייגט שלאָפן. דער שלאָף אָבער איז צו זיי לאנג נישט געקומען.

— ווי קומט צום הערשער פון מצרים דער גאָט אלהים? „את האלהים אני ירא" האָט ער געזאָגט, ווען ער האט זיי אָפּגעלאָזן. א מצרי זאָל מורא האבן פאַר אלהים, דאָס הער איך צום ערשטן מאָל, האָט געזאָגט לוי.

— ער ווייזט ניט אויס ווי קיין מצרי, — האָט א זאָג געגעבן דן. — זיינע אויגן, זיין בליק, איז נישט קיין מצרישער.

און די פרוי, וואס איז געווען ביי אונדז, רעדט אזוי, ווי זי וואלט געווען פון אברהמס משפחה.

— אברהם אבינו איז געווען אמאל אין מצרים — האט דערציילט לוי. — ער האט זיי באקענט מיט אלהים. דאס מוז זיין זיין ירושה.

— אין מצרים מאכט מען אלץ אף אונדז בלבולים,— האט יהודה פארענדיקט דעם ביינאכטיקן שמועס.

אומרויק זיינען די ברידער איינגעשלאפן און אינדערפרי שווער און טרויעריק געלאזן זיך ווייטער אין וועג אריין.

ווידער בײַ יעקבן

אײנזאַם, שטיל, אין טיפער דערוואַרטונג, האָט יעקב פאַרבראַכט די צײַט, וואָס די ברידער זײַנען געווען אין מצרים. געוואַרט האָט ער נישט נאָר אַף ברויט, נאָר אויך אַף אַ ישועה פאַר זײַן געבראָכענעם געמיט. קלאָר האָט ער נישט געוווּסט ווי, אָבער געפילט, אַז די קינדער וועלן ברענגען אַן ענדערונג, און מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דער ענדערונג. אַמאָל איז דער זיידע אברהם געווען אין מצרים, און איצטער זײַנען זײַנע קינדער ווידער אין מצרים. און ווער ווייס, ווו יוספס ביינער זײַנען אַהינגעקומען. דאָס איז אַ סוד, וואָס טראָגט זיך אַרום, און דער אמת איז פאַרבאַהאַלטן. פון קיינעם פון זײַנע זין האָט ער קיינמאָל קלאָר נישט געהערט, וואָס האָט אייגנטלעך געטראָפן מיט יוספן. האָבן זיי אים דערהרגעט? איז דען מעגלעך, אַז בני אברהם זאָלן זײַן ברודערמערדער?

יעקב איז געזעסן אין געצעלט, פאַרטראַכט אין זכרונות פון צוואַנציק יאָר צוריק. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער אַליין האָט אין יענעם אומגליקלעכן טאָג געשיקט יוספן אין שכם, און ווי יוסף האָט דעמאָלט ניט געוואָלט גיין. אים, זײַן קינד, האָט אלהים אַנטפּלעקט די סכנה, וואָס שטייט פאָר, אָבער פון אים, פון ישראלן, האָט ער זי פאַרבאָרגן. די געדאַנקען זײַנען געווען אומעטיקע און ווייטיקדיקע ווי שטענדיק. אָבער דאָסמאָל זײַנען זיי געווען נישט אַזוי האָפנונגסלאָז. יעקב, וואָס האָט די לעצטע יאָרן זיך צוגעוווינט טראַכטן וועגן זיך, צוהערן זיך צו די אייגענע געפילן און געדאַנקען, האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם שטראַל פון האָפענונג, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגנבעט די לעצטע צײַט אין זײַן נשמה, און וואָס ער אַליין ווייס אייגנטלעך נישט, פון וואַנעט דאָס האָט זיך גענומען. זײַן בליק איז געוואָרן לעבעדיקער, און אַ פרייד האָט זיך צעשפּרייט

איבער זײן פּנים, און זײן האַרץ האָט גענומען קלאַפּן פון שמחה, װען ער האָט דערהערט, אַז די קינדער קומען אָן פון װעג. נפתלים בחור׳ל יחזאל איז דער ערשטער אַרײנגעלאָפן צום זײדן, דערצײלן אים, אַז זײ פאָרן, זײ פאָרן. יעקב האָט שנעל גענומען דעם שטעקן אין האַנט און איז אַרױס צום װעג, װאָס האָט זיך געשפּרײט פאַרן געצעלט.

גלײך האָט יעקב באַמערקט, אַז שמעון פעלט, האָט אָבער געשװיגן. די ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט צװישן זיך און עפּעס ניט קלאָר אַרױסגעזאָגט, אַז שמעון איז דערװײל געבליבן אין מצרים.

— מען האָט אים פאַרהאַלטן — האָט זיך אַרױסגעכאַפּט גד.

די ברידער האָבן זיך פאַרװוּנדערט, װאָס יעקב האָט אױפגענומען די דאָזיקע בשורה רויק, אַזױ װי ער װאָלט דאָס װיסן פאָרױס. ער האָט אַפילו נישט פונאַנדערגעפרעגט װעגן דער סיבה, פאַרװאָס מען האָט פאַרהאַלטן שמעונען. ניט געמאַכט קײנעם קײן פאָרװורפן. איז דאָס צוליב זײן קאַלטקײט צו שמעונען, צום מערדער פון שכם? אָדער צוליב יעקבס אױסגעהאַלטנקײט, צוליב זײן װיסן פאָרױס, אַז מיט שמעונען ענדיקט זיך נישט די נײס, װאָס די ברידער האָבן געבראַכט פון מצרים, אַז דאָ איז פאַרװיקלט א גאַנצער פּלאָנטער.

דערװײל זײנען די קינדער פון די געצעלטן אָנגעלאָפן צו די מאַמעס און די פעטערס, זעען זײ, הערן נײס, באַקומען מתנות. דאָסמאָל אָבער האָבן די עלטערן זײ גאָרנישט געבראַכט, אַזױ װי זײ װאָלטן גאָרנישט געהאַט אין זינען די קינדער. אשרס מײדעלע שרח, װאָס איז געװען דער ליבלינג פון די געצעלטן, די שענסטע און די פרײלעכסטע פון די קינדער, האָט אַפילו א טרער אַראָפּגעלאָזט, זעענדיק, אַז זי באַקומט גאָרנישט, און אַז קײנער פאַרנעמט זיך נישט מיט איר. — „געמוזט אַלץ אױסגעבן אױף תבואה״ — האָט זיך פאַרענטפערט ראובן, װאָס האָט זיך געפילט פאַר אַלץ שולדיק.

די ברידער האָבן פונאַנדערגעשפּאַנט די קעמלען, געלאָזן פרײ די אײזלען, און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די געצעלטן צו זײערע װײבער און קינדער, אָבער אױך דאָרטן װײניק גערעדט, זיך נישט נאָכגעפרעגט אױף די שכנים, אױף קײן נײעס פון כנען,

די פרויען האבן גענומען דערציילן וועגן די שאף, וואס זיינען געבארן געווארן פאר דער צייט, וועגן די צוגעקומענע און וועגן די געפאלענע. באלד אָבער האבן זיי דערזען, אז די מענער הערן זיי נישט, זיי שוועבן נאָך אין מצרים.

יהודה, וועמעס נייע פרוי און קינדער זיינען ווייט געווען אין עדולם, איז נים געפאָרן גלייך אהיים, נאָר געבליבן ביי יעקבן אין געצעלט. די ברידער האָבן אים אויפגעגעבן צוגרייטן דעם פאָטער צו דעם אַלץ, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט אין מצרים און בעטן אָפּלאָזן בנימינען.

בּיסלעכווייז, פאָרזיכטיק, אויג אף אויג, ווי אַן אלטן האַר און פריינט, האָט יהודה דערציילט יעקבן וועגן מאָרנעם חשר, וואָס דער הערשער פון מצרים האט אף זיי געוואָרפן, אז זיי זיינען מרגלים, אז גלייך, ווי זיי זיינען געקומען, האט מען זיי אלעמען געבונדן און פאַרהאַלטן, און נאר שפּעטער האט מען זיי אפּגעלאָזן. שמעון איז דאָרטן געבליבן. דעם צווייטן מאָל, ווען זיי וועלן קומען און מען וועט זיך איבערצייגן, אז זיי זיינען נישט קיין אויסשפּירער פון לאַנד, און אז אַלץ, וואָס זיי האָבן דערציילט, איז ריכטיק, וועט מען שמעונען אָפּלאזן.

— וואס האט איר דערציילט דעם הערשער פון מצרים?

— האט געפרעגט יעקב.

— מיר האבן אים דערציילט, אז מיר האבן אין חברון אַ פאָטער און אז געוועזן זיינען מיר צוועלף, און איינער איז געבליבן אינדערהיים...

— וואס האט דער הערשער פון מצרים געזאגט דעמאָלט, ווען איר האט אים דערציילט, אז איר זייט געווען צוועלף און איינער איז געבליבן אינדערהיים?

— ער האט זייער געוואלט זען בנימינען.

— צו וואס? אף וואס דארף ער זען בנימינען?

— דאס פארשטייען מיר נישט קלאָר. דער הערשער זאָגט, כּדי צו באשטעטיקן אונדזערע רייד און זיך צו איבערצייגן, אז מיר זיינען נישט קיין מרגלים.

— האט ער נים געהאט אן אנדער מיטל זיך אין דעם

צו איבערצייגן? צו וואס האט איר געדארפט דעם „מענטשן" דערציילן וועגן בנימינען.

— מיר האבן געמוזט וועגן אלץ דערציילן, אפילו וועגן אונדזערע קינדער אין וויג, וועגן אלץ...

— וועגן וואס נאך?

— מיר האבן אויך דערציילט, אז... יוסף איז פארפאלן געווארן...

— האט זיך צוגעהערט דער מענטש צו אייער דערציילונג?

— זייער שטארק, מער ווי צו אלע שלוחים, וואס זיינען געקומען נאך תבואה, פון צפון- און פון דרום-מצרים, פון ווייטע לענדער, אפילו פון צווייטייכנלאנד איז מען דארט געווען. מיט קיינעם אבער האט מען אזוי פיל נישט גערעדט ווי מיט אונדז. און קיינעם האט מען אזוי לאנג נישט פארהאלטן ווי אונדז.

— האט איר אים נישט געפרעגט, פארוואס וויל ער וויסן וועגן פארפאלענעם קינד?

— גרויס איז דער הערשער פון מצרים. ער האט אונדז גע-פרעגט, מיר האבן נאר געענטפערט. אויך וועגן דיר, פאטער, האט ער אלץ אויסגעפרעגט, וועגן דיין לעבן און דיין געזונט און אונדז א סך תבואה געגעבן, כדי דער הונגער זאל נישט קומען אין אונדזערע משפחות. די גאנצע וועג אף צוריק האבן מיר נאכגע-טראכט וועגן דער אופפירונג פון הערשער אין מצרים.

— און ווי איז אייך דער וועג געגאנגען?

— נישט גוט. דאס אומדערווארטעטע, דער „פתאום" האט אונדז פארפאלגט. אין ערשטן נאכטלעגער האבן מיר געפונען געלט אין אונדזערע זעק. פונקט דאס זעלביקע געלט, וואס מיר האבן באצאלט פאר דער תבואה, האבן מיר צוריקגעפונען אין אונדזערע זעק. יעדערער זיין געלט.

— ווי אזוי? — איז יעקב געווארן אומרויק. — ווייזט מיר דאס געלט. און יהודה האט פונאנדערגעבונדן זיין זאק און ארויס-גענומען דאס געלט. זיי זיינען געלעגן אף זייער ארט, ווי דעם ערשטן מאל אף זייער נאכטלעגער.

יעקב האט זיך אופגעהויבן פון זיין געלעגער, באקוקט די מטבעות, די ווייסע שטיקער זילבער, וואס האבן געשימערט פארן

שײַן פֿון דער לבנה. ער האָט דערזען די זעלביקע מטבעות, וואָס מיט עטלעכע חדשים פֿריער האָט ער מיטגעגעבן די קינדער אַפֿן וועג

— האָט איר דאָרטן באַצאָלט פֿאַר דער תּבֿואה?

— געוויס.

— מען מוז אָפּפֿירן די געלט צוריק צום הערשער פֿון מצרים — האָט אײליק געזאָגט יעקבֿ.

— מיר ווילן דאָס טאַקע באַלד טאָן. מיר קענען אָבער נישט פֿאָרן נאָכאַמאָל אין מצרים אָן בנימינען.

— בנימינען?!.. בנימינען?!.. וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט ער מיט די געלט?

— ריכטיק, פֿאָטער, צו די געלט האָט ער קיין שײַכות נישט. מיר מוזן אָבער באַווײַזן, אַז מיר האָבן ריכטיק דערצײלט וועגן אונדזער משפּחה, אַז אונדזערע רייד איז אמת.

— צו וואָס האָט איר דערצײלט דעם „מענטשן“ וועגן משפּחה־ענינים?

— פֿאָטער, איך האָב שוין געזאָגט, אַז מען האָט אַלץ בײַ אונדז אויסגעפֿרעגט, וועגן יעדערן פֿון אונדזער משפּחה באַזונ־דער, וועגן די, וואָס זײַנען דאָ און וועגן די, וואָס זײַנען אַמאָל געווען.

„וועגן די, וואָס זײַנען אַמאָל געווען“ האָט נאָכגעזאָגט יעקבֿ. — ווי אַזוי זאָל איך מיט אײַך מיטגעבן בנימינען, אז מען איז אײַך חושד אין פֿאַרברעכן. מיט וואָס בין איך זיכער, אַז מען וועט אים, אַ ברודער פֿון פֿאַרברעכער, נישט פֿאַרהאַלטן אַזוי, ווי מען האָט פֿאַרהאַלטן שמעונען. ניין! ניין! איך וועל אײַך בנימינען נישט מיטגעבן — האָט פֿאַרענדיקט יעקבֿ מיט אַ פֿעסטער שטימע.

— מיר וואָלטן אַף אַזאַ אופֿן באַווײַזן, אַז אונדזערע רייד איז אמת, האָט יהודה נאָך געפּרוּווט אײַנשטײן, הגם ער האָט געזען, אַז ער וועט שוין גאָרנישט ניט אויספֿירן.

יעקבֿ איז געבליבן נאַכטראַכטן. ער האָט גערעדט מיט זיך, און עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט יהודהס ווערטער: „אונדזערע רייד איז אמת“, „אונדזערע רייד איז אמת“; און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קער געגעבן צו יהודהן.

— זאָג מיר נאָך, וואָס האָט איר אים דערצײלט וועגן יוספֿן?

— מיר האָבן אים געזאָגט, אז ער איז ארויס פון שטוב, און איז פארפאלן געווארן. דער האר האט אויך געפרעגט, אויב אונדזער פאָטער האָט געפונען א טרייסט נאָך זיין פארפאלענעם זון. און מיר האבן געזאָגט, אז קיין טרייסט האָסטו נישט געפונען. מיר האבן אויך דערציילט דעם האר, אז דער ברודער בנימין איז טייער דעם פאָטער ווי דער לעבן. מיר מיינען, אז דער האר פון מצרים וועט בנימינען קיין שלעכטס נישט טאָן.

— זייט איר זיכער?

— מיר מוזן אויספירן דעם באפעל פון האר.

— פאר מיר איז ער קיין האר נישט, און איך וועל אייך בנימינען נישט מיטגעבן.

יהודה האָט געזען, אז יעקב איז באשלאָסן ניט צו לאזן בנימינען, און די זאך איז פארלארן.

אינדערפרי האט ער איבערגעגעבן די ברידער וועגן זיין ביינאכטיקן שמועס מיטן פאָטער, זיך ארויפגעזעצט אף זיין אייזל און לאנגזאם אוועקגעפאָרן צו זיך.

יעקב בײַט זײַן באַשלוס

די ברידער האָבן זיך אויסגערוט, יעדערער בײַ זיך אין געצעלט, און שפּעטער איינציקווײַז ווידער באַזוכט דעם פֿאָטער, אים דערציילט וועגן מצרים, וועגן די פּאַסירונגען אָפֿן וועג. כּדי ניט אָנצושרעקן מער יעקבן, האָבן זיי גערעדט וועגן דער לאַנד מצרים, וועגן איר שיינקייט און גרויסקייט, אָבער יעקב, וואָס האָט אַלעמאָל געוואָלט וויסן וועגן פֿרעמדע לענדער און פֿונאַנדערגעפֿרעגט רייזנדער, האָט דעמאָלט זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פֿון זײַנע זין. אים האָט נאָר פֿאַרנומען דער הערשער פֿון מצרים, פּונקט אַזוי, ווי יענער האָט געוואָלט וועגן אים דערוויסן. אויך אים האָט זייער פֿאַרוווּנדערט, ווען יששכר האָט אים דערציילט, אַז בעתן אַרויסלאָזן זיי פֿון תּפֿיסה, ווו זיי זײַנען אָפּגעזעסן דרײַ טעג, האָט דער האַר פֿון מצרים געזאָגט: „את האלהים אני ירא—איך האָב מורא פֿאַר אלהים.“ פֿון קיינעם אין מצרים האָבן זיי נישט געהערט גאָטס נאָמען, נאָר פֿון אים. די עטלעכע ווערטער האָבן בײַ יעקבן אין געצעלט געהאַט אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג. לאַנג האָט יעקב נאָכגעפֿרעגט און ווידער געשטעלט די זעלביקע פֿראַגע:

— ווי אַזוי קומט דאָס, איר זאָלט אים דערציילן וועגן יוספֿן?

קיין נײַעס אָבער האָט ער זיך פֿון זייער ענטפֿער נישט דערוווּסט. דאָסזעלבע, וואָס יהודה האָט אים שוין דערציילט: אַ געהיימניספֿולער שיינער הערשער פֿון מצרים, וואָס האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אָף אַלעמען פֿון דער משפּחה און באַזונדערש אָף אים, אַפֿן פֿאָטער, אָף בנימינען און אויך אָף יוספֿן. צו זיי, צו די ברידער, איז ער לכתחילה געווען זייער שלעכט, זיי געשאָלטן, פֿאַרהאַלטן, חושד געווען, אַז זיי זײַנען מרגלים, שפּעטער דערמאָנט אָן אלהים און זיי אָפּגעלאָזן מיט דעם תּנאַי, זיי זאָלן ברענגען.

בנימינען. און קיינער ווייס נישט די אמתע כוונות, צוליב וועלכע ער פאָדערט בנימינען.

און ווי שטענדיק פלוצלונג, מיטאמאָל איז אַרויסגעשפרונגען ראובן:

— פאָטער! מיטן לעבן פון מיינע צוויי זין בין איך דיר ערוב פאַר בנימינען. ער וועט גאַנץ זיין, איך וועל פון אים די אויגן ניט אַראָפּלאָזן, גיב אונדז מיט בנימינען!

— אך, ראובן, בכור שוטה, איליק ביזטו ווי וואַסער! זיינען דען דיינע קינדער נישט מיינע קינדער? א שלעכטע ערבות גיסטו מיר. יוספן האָב איך פאַרלאָרן, שמעון איז נישטאָ, איצט ווילט איר נאָך צונעמען בנימינען. וואָס וועט זיין מיט מיר? אַף דער עלטער ווילט איר מיינע גראָע האָר מיט טרויער אין קבר אַראָפּלאָזן. איך וועל נישט לאָזן פאָרן בנימינען אין מצרים!

די ברידער האָבן פאַרשטאַנען, אַז יעקב וועט נישט אָפּלאָזן איצטער בנימינען פון זיך, און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער צו זיין אַרבעט.

ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן טריבע אומעטיקע טעג אין יעקבס משפחה. דער האָפענונגס־שטראַל, וואָס די ברידער האָבן מיט זיך געבראַכט פון מצרים, האָט געלויכטן אַלץ שוואַכער, און אָט־אָט וועט ער אינגאַנצן פאַרלאָשן ווערן. די טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט נאָך ווייניקער פרייד געגעבן ווי פריער, און צווישן יעקבן און זיינע זין האָט זיך ווידער געפירט א שטילער קאַמף, ווי אמאָל מיט צוואַנציק יאָר צוריק. יעקבן האָט זיך געדוכט, אַז לאהס קינדער ווילן ביי אים צונעמען דעם לעצטן טרייסט, רחלס יינגסטן זון. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אַליין, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, מיטן גאַנצן הארצן געוואָלט די קינדער זאָלן ווידער פאָרן אין מצרים. אָבער ווי מאַכט מען עס? זיי ריידן איצט אפילו נישט וועגן דעם, הגם די תבואה טאַגט שוין. קענען זיי טאַקע באמת נישט פאָרן אָן בנימינען? לוינט עס צו לאָזן אין מצרים דעם חשד, אַז זיינע קינדער זיינען אויסקוקער, גנבים?

און ווער איז דער הערשער פון מצרים? פאַרוואָס פאָדערט ער דווקא בנימינען צו זיך? וואָס פאַר פעדים בינדן זיי? ווי אַזוי

קומט עס, אַז יוספֿס אומגליקלעכער שאָטן איז ווידער אַרױפֿגעשװוּמען אין מצרים? אָ, ווען ער וואָלט געווען ייִנגער, ער וואָלט זיך אַליין געלאָזן אין וועג אַריין אַהין, אים זוכן. און אויב ער קען אַליין ניט, דאַרף מען זיי לאָזן. און אַלץ עפּעס האָט יעקב ווידער דערמאָנט די ברידער, אַז מען דאַרף זיך קלייבן אין וועג, אַז די תּבֿואה גייט צו ענדע, און אומזיסט ווייזן זיי זיך אַרויס פֿאַר זאַטע, פֿאַר גנבֿים און פֿאַר גבורים. דאָס איז ניט געווּנטשן פֿאַר די שכנים. די קינדער אָבער האָבן זיך ווי צוזאַמענגערעדט און געענטפֿערט: „מיר וועלן אָן בנימינען ניט פֿאָרן. מיר קענען אָן אים זיך ניט ווייזן פֿאַרן האַר פֿון מצרים". די ברידער האָט געשטיקט דער חשד, וואָס הענגט אויף זיי. „מרגלים", „חיות רעות", און איצט, וועט מען נאָך צוגעבן, אַז זיי זיינען גנבֿים. יעדער טאָג, וואָס זיי זיצן אינדערהיים, פֿאַרגרעסערט דעם חשד. אין מצרים וועט מען איצט זאָגן, אַז זיי האָבן צוגענומען געלט און אַנטלאָפֿן. און דאָס איז דאָך נישט נאָר אין מצרים. פֿון דער גאַנצער וועלט קומט מען אַהין, אומעטום וועט באַוווּסט ווערן. אַ פֿיינעם פּנים וועלן קריגן די בני ישׂראל אין דער וועלט!

„מען מוז דאָס יעקבֿן אויפֿקלערן", האָבן די ברידער גערעדט צווישן זיך. נאָכאַמאָל אים זאָגן, אַז ניט פֿאָרן אין מצרים איז ניט נאָר אַ הונגער, נאָר אויך אַ שאַנדע און אַ בזיון אויף דער גאַנצער משפּחה. אָבער דער איינציקער, וועמען עס קען ריידן מיט אים קלאָר און אָפֿן, איז יהודה. נאָך דער געשיכטע מיט בלהן, פֿאַרטראָגט נישט דער פֿאָטער ראובֿנען און טרויט אים נישט.

און מען האָט געשיקט נפֿתּלין צו יהודהן, ער זאָל אים רופֿן נאָכאַמאָל ריידן מיטן פֿאָטער. עס זיינען דאָ סימנים, אַז איצט וועט ער זיך לאָזן בייגן. און יהודה איז געקומען צו פֿאָרן אויף זיין אייזל. געקומען איז ער ווי צו גאַסט. אָבער יעקב האָט פֿאַרשטאַנען דעם אמתן ציל, און דאָסמאָל זיך נאָך מער צוגעהערט צו זיינע רייד, צו אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט וועגן מצרים. פֿון זיינע רייד איז קלאָר געווען, אַז הגם מען האָט זיי אָנגענומען אין מצרים פֿאַר מרגלים, האָט אָבער ניט דער הערשער פֿון מצרים וועגן בנימינען קיין שלעכטע כּוונות. קיין סכּנה שטייט אים נישט פֿאָר.

— דעם ערשטן מאָל זײַנען מיר געפאָרן נאָך תּבואה קויפן
— האָט געזאָגט יהודה. איצט פאָרן מיר אויך אין גאָטס נאָמען, אויפצושטעלן דעם גוטן נאָמען פון אַברהמס משפּחה. מען מוז אַראָפּנעמען די חרפּה, וואָס ליגט אויף אונדז אין מצרים.
— איך זאָג שוין לאַנג די קינדער, זיי זאָלן אַראָפּגײן ווידער אין מצרים, אָבער מײַן האַרץ איז אומרויק פאַרן גורל פון מײַן קינד — האָט געזאָגט יעקב מער בעטנדיק, ווי באַפעלעריש.
יהודה איז צוגעגאַנגען צו יעקבן, אים אָנגענומען פאַר זײַן אַלטער דאַרער האַנט, און מיט אַ באַזונדערש ווייכער האַרציקער שטימע געזאָגט:
— פאָטער, שיק מיט מיר מיט דעם יינגל — לאָמיר אויפשטיין און גיין, כּדי מיר זאָלן לעבן און נישט שטאַרבן. אי מיר, אי דו, אי אונדזערע קליינע קינדער! איך בין ערבֿ פאַר אים! פון מײַן האַנט זאָלסטו אים מאָנען! אויב איך וועל אים נישט ברענגען און אַוועקשטעלן פאַר דיר, האָב איך פאַרזינדיקט פאַר דיר מײַן גאַנצן לעבן. ווען מיר וואָלטן זיך נישט אויפגעהאַלטן, וואָלטן מיר זיך שוין געהאַט אומגעקערט דעם צווייטן מאָל.
יעקב האָט דערפילט דעם גאַנצן ערנסט אין יהודהס רייד.
— דיר, יהודה, מײַן ליבּ, טרוי איך אָן מײַן קינד!
און נאָך אייליקער ווי דעם ערשטן מאָל, האָט יעקב גענומען צוגרייטן די קינדער צום וועג. קודם כּל מוזן זיי אָפּפירן צוריק דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געפונען אין זייערע זעק. איצטער דאַרפן זיי פירן צוויי מאָל אַזויפיל זילבער, באַצאָלן פאַר בײדע מאָל תּבואה. אָבער אַחוץ דעם האָט ער פאַר זיי אַ באַזונדערע שליחות: — איבערגעבן אַ בריוו און אַ מתּנה דעם „מאַן" אין מצרים. די מתּנה מוז זײַן פון דער אייגענער ערד, וואָס זאָל שמעקן מיט חברון, מיט שכם, מיט בית־לחם. פון דער גאַנצער וועלט פאָרט מען קיין מצרים, גאָלד און זילבער האָט דער מאַן גענוג. פאַר דער פרוכט פון מצרים מוז מען שיקן די פרוכט פון דער אייגענער לאַנד. זאָל אים אונדזער לאַנד נישט זײַן פרעמד און אויך די מענטשן פון דער לאַנד. און אַזוי וועט ער אַראָפּנעמען דעם חשד פון זיי.

אין בריוו האָט יעקב געשריבן:

„שלום וברכה צום שני למלך פון מצרים, צום מלכותדיקן חכם צפנת פענח פון דיין קנעכט יעקב בן יצחק, בן אברהם דעם עברי.

דעם שני למלך פון מצרים איז באוווּסט, אַז אין כנען האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער. צוליב דעם מוז איך שיקן מיינע זין צום האַר פון מצרים, כדי צו קויפן שפייז. די צאָל פון מיינע יורשים זיינען פיל, איך אָבער אַליין בין אַלט און שוואַך, מיינע אויגן טרערן פון וויינען נאָך מיין פאַרפאַלענעם און געליבטן זון יוספן, און דעריבער האָב איך אַליין ניט געקענט קומען צו מיין האַר. דאָס האָב איך פאַרזאָגט מיינע זין אַריינצופאָרן אין נא־אמון ניט דורך איין טויער, נאָר דורך צען באַזונדערע, כדי זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן אין אַ פרעמד לאַנד, און כדי זיי זאָלן בעסער קענען אופזוכן זייער פאַרפאַלענעם ברודער. דו אָבער, גרויסער האַר, האָסט זיי אָנגענומען פאַר מרגלים, אויסקוקער פון לאַנד. אָבער פאַר דיין געלייטערטער חכמה איז דאָך געווען אָנ־צוקוקן זייערע פנימער, כדי צו וויסן, אַז זיי זיינען ניט קיין מרג־לים. איך האָב געהערט, אַז דו ביסט דער, וואָס האָט מיט זיין חכמה פאַרויסגעזאָגט פרעהן, אַז דער הונגער וועט קומען אין לאַנד. איז דען מעגלעך, אַז דו זאָלסט ניט דערקענען מיינע זין, אַז זיי זיינען ניט קיין מרגלים?

מיין האַר און מלך! איך פיר אויס דיין באַפעל און שיק דיר מיין זון בנימין. איך בעט רחמים, ניט אָפּטאָן דיין חסד און מיר אים אומקערן צוזאַמען מיט זיינע ברידער. מיין האַר מוז געוויס זיין באַוווּסט, ווי גאָט האָט געשטראָפט פרעהן, ווען ער האָט מיין פאָטערס מוטער שׂרהן גענומען צו זיך. מיר שטייען אין אַ ברית און אונטערן שוץ פון אונדזער גאָט אלהים. מיט זיין הילף האָט אברהם באַזיגט די מלכים פון עילם, מיינע זין שמעון און לוי האָבן באַשטראָפט אַ גאַנצע שטאָט פאַר אומריין מאַכן זייער שוועסטער. איך האָף, אַז מיין האַר וועט מיט זיין חכמה דאָס נעמען אין אַכט, ניט אַריינברענגען אין צאָרן אונדזער גאָט און מיר אומקערן בשלום מיינע קינדער.“

אינדערפרי, ווען די ברידער זײַנען נאָך געווען אין זייערע געצעלטן, איז יעקב אויפגעשטאַנען, אַרײַן אין גאָרטן, וואָס יוסף האָט נאָך אַמאָל געפלאַנצט בײַ זײַן געצעלט. ער איז צו צום מאַנדל־בוים, וואָס יוסף האָט אײַנגעפלאַנצט אין יאָרצײַט נאָך זײַן מוטער. דער מאַנדלבוים האָט זיך פונאַנדערגעבליט און פונאַנדערגעוואַקסן, די צווײַגן זײַנען געהאַנגען מיט אָראַנזשעלאָזענע פרוכטן, און פון אַלע זײַטן האָבן זיך געזען די זאַפטיקע ברוינע מאַנדלען.

דער בוים בליט נאָך — האָט א טראַכט געגעבן יעקב — אָבער ווער ווייס, ווו איז דער, וואָס האָט אים געפלאַנצט. בליט ער אויך נאָך ערגעץ, אָדער איז ער שוין לאַנג פאַרוועלקט?

יעקב האָט אויפגעלייגט די מאַנדלען אין א קערבעלע, און א שיינעם קרוג אָנגעגאָסן א זאַפטיקן בוימל, אָפּצושיקן אין מצרים א מתנה דעם „מאַן". ער איז אַוועק ווײַטער איבערן גאָרטן און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ נוס־בוים. „יוספס בוים" האָט אים א נאָמען געגעבן בנימין, ווײַל דאָרט אונטער דעם שאָטן פון בוים פלעגט ער זיך מיט אים שפּילן, און ביז הײַנט דערמאָנט עס בנימינען. און יעקב האָט אַ טרייסל געגעבן דעם בוים, און ס'זײַנען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד ניס: גרויסע, קליינע, צוזאַמענגעוואַקסענע, א גאַנצע קאָרב מיט ניס האָט ער אויפגעקליבן. ער האָט עס אַרײַנגעטראָגן אין זײַן געצעלט און נאָך גענומען האָניק, געווירץ, לאַדאַן. מיט באַלזאַם־בלעטער אַלץ באַדעקט, און דער ריח פון חברונער באַלזאַם האָט זיך געטראָגן איבערן געצעלט און איבער אַלע זאַכן אַרום.

ווען די ברידער האָבן זיך אויפגעקליבן צו פאָרן, איז שוין אַלץ געווען בײַ יעקבן פאַרפּאַקט און פאַרבונדן, ווי מען שיקט א מתנה צו אַ טײַערן מענטשן. די ברידער האָבן עס זאָרגעוודיק אַרויפגעלייגט אויף די קעמלען. אַלע זײַנען געווען ערנסט און שווײַגנדיק. דאָסמאָל האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט. אָנגעטאָן אויף זיך זייערע בעסטע קליידער, און זייערע טײַערע משפחה־שטיינער. ראובן האָט געטראָגן אויפן ברוסט א גרויסן רובין, אויפן רובין זײַנען געווען אויסגעקריצט די דודאים — ליבע־בלומען, וועלכע ראובן האָט אַמאָל

קינדרווייז געפונען פאר זיין מוטער, און וועלכע רחל האט אפגע-קויפט. לוי האט געהאט א גרויסן סמאראגד אין דריי פארבן: ווייס, בלאָ און רויט. יהודה — א קארבונקול מיט א לייב. יששכר א בלויען סאַפיר, אף וועלכן די שטראַלן האבן געלויכטן אין צווייַ קרייזן, ווי די זון און די לבנה. זבולן האט געהאַלטן א ווייסן דימענט מיט א שיף אויסגעמאָלט. אויך די איבעריקע ברידער האבן געהאט טייערע שטיינער.

אלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדעט צו יעקבן. ער איז אָבער געשטאַנען ווי פארגליווערט, ווי אין חלום. ער האט גע-טראכט וועגן זיין גורל, וואָס אים איז אויסגעקומען צו פאָרן פון איין לאנד אין דער צווייטער, און איצט קומט עס אויך אויס זיינע קינדער. ער האט געקושט יעדערן פון זיינע זין, מיט א יונגטלעכער ליידנשאפט האט ער געקושט בנימינען. די ברידער אָבער האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז יעקב האט אויפגע-הויבן די הענט צום הימל:

„גרויסער גאָט שדי, דערבאַרים זיך! שיק רחמים צו דעם מאַן פאר מיינע קינדער. זאל ער אוועקלאָזן דעם אנדער ברודער און בנימינען. און איך, איך, אויב איך מוז אָנווערן מיינע קינדער, וועל איך אָנווערן"!...

א שטראָם טרערן האט געפלאָסן פון זיינע אויגן. די ברי-דער זיינען זיך צוגעגאַנגען צו זייערע אייזלען. אין דער לופטן האט א קנאַל געגעבן נפתלים בייטש און נאָכדעם האט זיך גע-הערט דער שווערער טראָט פון די קעמלען. די ברידער זיינען אָפגעפאָרן.

ווידער אין מצרים

אינדערפרי, ווען די זון האט נאָך נישט געבּרענט, זיינען די בּרידער אַרייננעפאָרן דעם צווייטן מאָל אין נאַ-אמון. איצט האָבּן זיי זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען און זיינען געווען רויִקער. זיי פירן מיט זיך בּנימינען, וועלכן מען האָט געפאָדערט, אויך דאָס אומגעריכט געפונענע געלט. זיי וועלן אַרויסנעמען שמעונען, איינקויפן נייע תּבואה און פאָרן צוריק אַהיים, אָפּבּרענגען יעקבן זיין זון...

די גאַסן אין שטאָט זיינען געווען בּאַקאַנט. זיי זיינען דורכגעפאָרן דעם מאַרק, וואָס איז שוין געווען פון אינדערפרי בּאַלעבּט, און אַראָפּגעקערט צו דער גאַס, וווּ מען האָט פאַרקויפט תּבואה די אויסלענדער.

דאָרט האָט מען זיי פריינטלעך בּאַגעגנט, ווי לאַנג דערוואַרטענע געסט. אַ בּאַזונדערער אָרט איז געווען אָפּגעטיילט פאַר זייערע קעמלען און אייזלען. וואַסער האָט מען זיי דערלאַנגט די פיס צו וואַשן. מען האָט זיי אויך איבּערגעגעבּן, אַז זיי זיינען איינגעלאַדן צום שני-למלך אַליין.

— דאָס איז צוליבּ די געלט — האָבּן די בּרידער דערשראָקן געררעדט צווישן זיך. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום עלטסטן פון הויז, און זיי האָבּן אים דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבּן געפונען דאָס געלט, און איצט האָבּן זיי דאָס אָפּגעבּראַכט צוריק און בּעטן אים צונעמען. פאַר די נייע תּבואה, וואָס זיי ווילן קויפן, האָבּן זיי אַנדערע געלט.

די מצרים האָבּן אויף זיי געקוקט ווי אויף ערלעכע נאַראָנים. געפינט ווער אַן אוצר, געהערט דאָס אים. אַזוי האַנדלט מען אין מצרים. זיי האָבּן דאָס געלט בּאַקומען פאַר דער תּבואה, און דאָס געפונענע זאָלן די עבֿרים אַוועקפירן אַהיים אַ מתּנה.

די געלט האָט די בּרידער נישט דערפרייט, זיי זיינען נאָר

געוואָרן מונטערער, זיי האָבן דערפילט מער צוטרוי צו זיך. די אומזיסטע חשדים און בלבולים גייען פאַרביי.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פּאַלאַץ פון שני־למלך, איז זיי אַרויס אַנטקעגן אַ לאַכנדיקער, פריילעכער שמעון. פאַר דער צייט איז ער געוואָרן נאָך בריטער, ווי זיי האָבן אים געלאָזן. ער איז געווען איבערגעקליידט אין לייכטע מצרישע מלבושים, און האָט אויסגעזען שענער, גרויסשטעטישער. זיין בליק האָט געקוקט נישט אַזוי בייז, ווי אין כנען. דערצו איז ער געוואָרן באַרידעוו־דיק. ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען פאַר דער צייט אין מצרים. פון תפיסה האָט מען אים גלייך אַרויסגעלאָזן, און ער האָט געקאָנט פריי אַרומגיין און טאָן, וואָס ער וויל. פאַר דער קורצער צייט האָט ער זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין מצ־רים, מער ווי זיין גאַנצן לעבן אין כנען. דער שני־למלך אַליין האָט מיט אים עטלעכע מאָל גערעדט, און זייער פריינטלעך. ער האָט ביי אים אַלץ געפרעגט וועגן יעקבן, ווי ער זעט אויס און וועגן אַלעמען אין שטוב, באַזונדערש וועגן בנימינען.

עס איז אָנגעקומען די צייט, ווען זיי זיינען געווען פאַר־בעטן צום הערשער פון מצרים. אַפּן ברוסט האָט יעדערער גע־טראָגן אַ משפחה־שטיין און אונטער דעם שטיין האָט שטאַרק גע־קלאַפּט די האַרץ. הגם זיי האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פון שני־למלך, דאָך זיינען זיי געווען אומרויק. ווי וועט ער באַגעגע־נען בנימינען? צי וועט ער אים נישט וועלן פאַרהאַלטן?

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן צימער, אויסגע־פּוצט מיט גרינס. באַלד איז געקומען דער שני־למלך אַליין מיט זיין פרוי און זיינע צוויי קליינע זין. די פרוי איז געווען די זעלבע, וואָס איז געקומען צו זיי, ווען מען האָט זיי דעם ערשטן מאָל פאַרשפּאַרט. איצט איז זי נאָר געווען אויסגעפּוצט, אָנגעטאָן אין מלבושים פון אַ האַרנטע. זי האָט אויף זיי פריינטלעך געקוקט און באַלד איז צו זיי צוגעגאַנגען דער הערשער אַליין. זיין פּנים האָט געשמייכלט און דער גאַנצער איז ער געווען וווּנדערבאַר שיין אין מלבוש, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר זיין וווּקס און זיינע גלי־דער. ערשט איצטער האָבן זיי זיך צוגעקוקט נעענטער צו אים,

צו דעם מענטשן, וועמעס נאָמען עס קלינגט אין דער גאַנצער וועלט, וועלכער דערנערט אַזוי פיל לענדער און פעלקער. ער איז גאָר אַ געוויינטלעכער מענטש, אפילו אַ נאָענטער, זיין הויט איז בישט אַזוי שוואַרץ ווי בײַ די מצרים. די אויגן האָבן געשפריצט מיט חכמה און גוטסקייט. אָ, זיי וואָלטן שווערן, אַז זיי האָבן דעם מענטשן ערגעץ געזען. אַמאָל, אַמאָל, אָבער ווו, ווען, איז דאָס נישט אַ חלום?

— אלהים! ווי באַקאַנט און ווי נאָענט זיינען זיינע אויגן, זיין בליק, אָבער ווו, ווען?..

די ברידער האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, און דערווייל פאַרגעסן זיך צו בוקן. נאָר בנימין, וועמען יעקב האָט באַזונדערש אָנגעזאָגט צו זיין העפלעך מיטן מאַן, איז געפאַלן צו דער ערד. אים האָבן נאָכגעטאָן די ברידער. און דאָ איצטער, ליגנדיק אויף דער ערד, איז ראובנען אַרויף אויפן זינען, ווי ער האָט אַמאָל, קינדוויז צוגעטראָגן רחלען די ליבע־בלומען, וואָס ער האָט געהאַט אַנגעקליבן פאַר זיין מוטער — די זעלבע אויגן, דער זעלבער שמייכל!

דערווייל האָט מען זיי אויפגעהויבן פון דער ערד, און דער הערשער פון מצרים איז געשטאַנען לעבן זיי און זיי פריינטלעך געגריסט.

— פרידן צו אייער פאָטער! לעבט ער נאָך?

בנימינען האָט ער גענומען פאַר אַ האַנט ווי אַ קינד.

— זאָל אלהים דיר געבן חן, מיין קינד, — האָט דער הערשער געזאָגט.

— וויטער דערמאָנט אלהים — האָבן די ברידער אַ טראַכט געגעבן. דערווייל האָט ראובן צוגעטראָגן יעקבס מתּנה און אויך דעם בריוו.

— דאָס איז אַ מתּנה פון אונדזער פאָטער צום שני־למלך פון מצרים — דיין קנעכט שיקט דעם הערשער זיין ברכה.

די בשמים פון כּנען האָבן פאַרשמעקט דעם צימער. דעם בריוו האָט דער שני למלך געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן

אָטעם. בײַ צפנת פענחן האָבן די אויגן גענומען שטראַלן און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זײ.

— איך דאַנק אונדזער... אײַער פאָטער פאַר דער טײַערער מתנה. איך שיק אים מײַן ברכה, די ברכה פון מצרים. זאָל גאָט דערפרײַען זײַן עלטער און אים געבן אַ רויִקן לעבן.

די ברידער האָבן זיך דערפילט אַלץ הײמישער, װי אײגענע. באַלד האָט מען זײ פאַרבעטן צום טיש, װאָס איז געװען ספּעציעל פאַר זײ געגרײט, דער באַלעבאָס אַלײן, דער האַר פון מצרים, האָט זײערע ערטער באַשטימט:

— ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולן, איר זײַט קינ־דער פון אײן מוטער. זעצט זיך צוזאַמען.

— דן, נפתלי! קינדער פון אײן מוטער, זעצט זיך בײַנאַנד.

— גד און אשר! קינדער פון אײן מוטער, איר װעט זיצן אײנער לעבן אַנדערן.

— און בנימין? דו, מײַן קינד, האָסט קײן מוטער נישט, זעץ זיך לעבן מיר. איך האָב אױך קײן מוטער נישט.

די ברידער האָבן געשטוינט און זיך פאַמעלעך אַװעקגעזעצט אױף די אָנגעװיזענע ערטער. אַ ניט־װיכערקײט, אַן אומפאַרשטענדלעכקײט האָט זײ אַרומגענומען. װער איז דאָס אַזױנס: אַ מכשף, אָדער אַ געטלעכער מענטש? פון װאַנען װײס דער הערשער פון מצרים װעגן זײערע מוטערס? יהודה האָט זיך אָנגעקליבן מוט און געפרעגט:

— ריכטיק האָט דער גרױסער האַר אונדזערע ערטער אָנ־געװיזן, פון װאַנען װײס דער האַר פון אונדזערע מוטערס?

— זעט איר דעם בעכער, — האָט געענטפערט דער שני־למלך. אַ גאָלדשמיד, אַ מכשף האָט אים געגאָסן. אין די צעגאָ־סענע גאָלד זײַן חכמה אַרײַנגעטאָן און איצט װײס איך פון אים דאָס פאַרבאָרגענע. װאָס עס איז פון אײַך פאַרדעקט, איז מיר קלאָר.

— פון אונדז איז צוגעדעקט און באַהאַלטן אײן גרױסער סוד — האָט געזאָגט ראובן. — אפשר קען דער געטלעכער מאַן אױך דעם סוד אונדז אַנטפּלעקן?

— װאָס װילט איר װיסן?

— מיר װילן װיסן, אױב אונדזער פאַרפאַלענער ברודער לעבט־

אָדער ער איז געשטאָרבן. און ווו געפינט זיך אונדזער ברודער?
אַף אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל אין צימער. די ברידערס אויגן האָבן זיך ווידער צוגעשמידט צום שני-למלך פון מצרים, אַזוי ווי דעם ערשטן מאָל, ווען זיי האבן אים דערזען. נאָר דעמאָלט האט ער בײַ זיי געפרעגט וועגן ברודער, איצט פרעגן זיי דאָס-זעלבע בײַ אים.
דער הערשער פון מצרים האָט פאַרשטעלט זײַן פנים הינ-טער דעם פאַרכישופטן בעכער, ווי אַרײַנקוקנדיק אין אים, און געזאָגט:
— ווי אין אַ שפּיגל זע איך קלאָר אײַער פאַרגאַנגענהייט. דאס פאַרדעקטע פון אײַך איז כּיר אָפן — אײַער ברודער לעבט.
ווי לויט אַ באַפעל האָבן זיי זיך אַלע אופגעשטעלט, עלף מענטשן, עלף גבורים. כּח, מוט און האָפענונג איז געווען אין זייער אויסדרוק, פּלוצלונג האָט מען אַ שטראָם פון לעבן און דערוואַרטונג אין זיי אַרײַנגעגאָסן. יעדער גליד איז איצט געווען פול מיט האָפענונג, האָפענונג צו געפינען אַזוינס, וואָס זיי זוכן שוין אומזיסט צוואַנציק יאָר.
— גרויסער האר!—האָט מיט אַ ציטערדיקער שטימע גע-זאָגט ראובן. דער פאַרלאָרענער ברודער איז דעם פאָטער טײַ-ערער ווי דאָס לעבן. מיר מוזן דערפרייען דעם פאָטער און זיך און אים אופזוכן, ווו ער זאָל נישט זײַן.
ווידער האָט דער הערשער פאַרשטעלט זײַן פנים הינטערן בעכער, ווי ער וואָלט וואָס אויסגעלייענט וועגן זיי.
— איך זע, אַז אויך איר זייט שולדיק אין זײַן פאַרפאַלן ווערן.
— ריכטיק, גרויסער האר, האָט זיך אָפּגערופן יששכר. אלהים אַליין האָט דיר געשענקט זײַן חכמה.
— ער איז דורך אײַך פאַרקויפט געוואָרן.
יהודה האָט אַראָפּגעלאָזן זײַן לײַבן-קאָפּ און פון אַלעמען האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער קרעכץ. די מענטשן האָבן שטיל געוויינט.
— טײַער האָט מען באַצאָלט פאַר אים?
— צוואַנציק זילבערשטיק.

— און אויב מען וועט בײַ אײַך איצט צוריקבעטן דאָס געלט פאַר אים?

— מיר וועלן גערן דאָס געלט אומקערן.

— און אויב מען וועט בעטן צווייאַל אַזוי פיל?

— וועלן מיר גערן באַצאָלן.

— און אויב מען וועט אים אײַך פאַר קיין געלט נישט אָפּגעבן?

— וועלן מיר אים מיט קראַפט אָפּנעמען! יענעמס לעבן אָדער אונדזערער! מיר זײַנען גרייט אונדזער לעבן אָפּצוגעבן פאַר אונדזער ברודער!

ווידער איז געוואָרן שטיל אין צימער.

דער הערשער פון מצרים האט זיך אופגעהויבן און איז אַרויס. די פרוי און די קינדער נאָך אים און די ברידער זײַנען אַליין געבליבן אַרום די געדעקטע טיש. קיינער האָט נישט גע־געסן. אפילו אשר איז געשטאַנען פאַרווונדערט אין אַ שטאַרקן פאַרגעפיל, אַז עפּעס וועט דאָ פאַרקומען. אַלע האָבן געשוויגן, געוואַרט, אַז דער אַנדערער זאָל וואָס זאָגן, אָבער קיינער האָט קיין רייד נישט געפונען. דערווייל איז דער הערשער מיט זײַן משפחה צוריק אַרײַנגעקומען אין צימער. מען האָט אָנגעהויבן צו עסן. דער באַלעבאָס האָט דער ערשטער אופגעהויבן דעם כּוס. ער האָט געמאַכט אַ „לחיים" לכבוד דעם פאָטער פון די געסט און לכבוד די געסט אַליין. די ברידער האבן שוין העכער צוואַנציק יאָר, זינט יוסף איז פאַרפאַלן געוואָרן, קיין ווײַן אין זייער מויל נישט גענומען. איצטער אָבער, נאָכדעם ווי מען האָט געזאָגט, אַז יוסף לעבט, און אַז דער הערשער פון מצרים האָט געטרונקען פאַרן געזונט פון זייער פאָטער, האבן זיי זיך איבערגעקוקט און אַלע געמאַכט „לחיים" פארן געזונט פון פּרעהן און פארן געזונט פון מצרימס שני־למלך. זיי דאַנקען פאַרן חן־וחסד, וואָס זיי האבן געפונען אין דער גרויסער רײַכער לאַנד און אין די אויגן פון איר הערשער.

דער ווײַן האט צעוואַרעמט דעם קערפּער און דעם גייסט פון די ברידער. זיי האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דער היים,

וועגן בנען. זיי האָבן דערציילט וועגן זייערע קינדער און וועגן זייערע ווייבער, פון זייער רייכקייט און אויך פון זייער פאָטערס צער און אומעט, זינט זיין געליבטער זון איז פאַרפאַלן געוואָרן.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט דער שני למלך פון מצרים אַרויסגעוויזן צו בנימינען, אַלץ בײַ אים אויסגעפרעגט. בנימין האט דערציילט, אַז ער האָט צען זין און זיי הייסן: בלע, בכר, אשבל, גרא, נעמן, אחי, ראש, מופים, חופים, ארד.

— וואָס איז דאָס פאַר נעמען אַזעלכע? האָט געפרעגט דער הערשער פון מצרי.

— די נעמען זיינען פאַרבונדן מיט מיין פארפאלענעם ברודער. בלע — באַדייט דער פאַרשוווּנדערער, ווייל פאַרשוווּנדן איז מיר מיין ברודער; בכר — דער עלטערער, ווייל א בכור איז ער געווען בײַ אונדזער מוטער, און אויך דער פאָטער האט אים געהאַלטן ווי א בכור; אשבל — ווייל אַוועקגעטריבט און אַוועקגעפירט איז ער געוואָרן פון אונדז; גרא — ווארום א גר איז ער ערגעץ אין א פרעמד לאַנד; נעמן — זיס און ליב איז ער אונדז געווען; אחי — ער איז געווען מיין ברודער, מיין לייבלעכער ברודער פון איין פאָטער און מוטער; ראש — ווארום אַ קאָפּ איז ער געווען פאַר אונדז; מופים — שיין, דער שענסטער אין דער וועלט איז ער געווען; חופים — פאַרדעקט איז זיין גורל פון אונדז; ארד — א בלום, ווי אַ רויז האָט ער געלויכטן...

בײַם שני למלך האָבן זיך די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן, ווען ער האָט דערהערט דעם באַדייט פון די נעמען פון בנימינס קינדער. די ברידער האָבן עס באַמערקט און פאַרשטאַנען, אַז ער פילט מיט זייער אומגליק.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי די צייט איז פארבייגעגאַנגען. ס'איז געוואָרן שפּעט, און צוועלף באַדינער האָבן אריינגעטראָגן מתנות, רייכע שיינע מתנות פון מצרים, פון מצרישער פּרוכט, פון ווייַנען, פון בשמים, וואָס נאָר אין מצרים ווייס מען זיי ווי צוצוגרייטן און פאַרטיק צו מאַכן. עלף מענטשן האָבן אַוועקגעשטעלט די מתנות לעבן די עלף ברידער, און דער צוועלפטער—א באַזונדערע מתנה פאַרן פאָטער. די ברידער האָבן זיך

איצטער געפילט אזוי היימיש ווי אין איין משפחה. נאָר שפּעטער, ווען דער הערשער פון מצרים איז אליין געגאַנגען און דערלאַנגט אַ באַזונדערע מתּנה בנימינען, און נאָך אים האָבן דאָס זעלבע געטאָן זיין פרוי און זיינע צוויי זין ,אַזוי. אַז לעבן בנימינען האָט זיך אויפגעקליבן פינפמאָל מערער ווי לעבן די איבעריקע ברידער, האָט זיך ווייטער דערוועקט די קנאה צו רחלס זון, און זיי האָבן זיך אַפילו אויסגעניכטערט פון שטאַרקן וויין, וואָס זיי האָבן געטרונקען.

אַף מאָרגן, ווען די ברידער זיינען אופגעשטאַנען און געגאַנגען צו זייערע קעמלען, האָבן זיי זיי געפונען אָנגעטרונקען, אָנגעפיטערט און פאַרטיק צום וועג. צווישן די הויכע הויקערס פון די קעמלען זיינען געלעגן פול אָנגעשאָטענע זעק מיט תּבואה, נאָך מער, ווי דעם ערשטן מאָל. עס איז גאָרנישט געבליבן, וואס צו טאָן. די קעמלען האבן זיך אוועקגעלייגט, מען זאָל זיך אַף זיי אַרופזעצן, און די ברידער האָבן זיך געלאָזן צוריק אין וועג אַריין, אַהיים, אין כּנען.

דער גנבֿ

צום צווייטן מאָל האָבן זיך די ברידער געלאָזן צוריק פֿו מצרים קיין כּנען. אויך דאָסמאָל האָבן די קעמלען שווער געטראָטן איבערן זאַמד, הגם זייער שווערער טראָט האָט איצט נישט געפּאַסט צום לייכטן געמיט פֿון די ברידער. באַשאָנקען מיט מתּנות, פֿאָרן זיי אַלע עלף צוריק אַהיים, זייער צוזאָג דעם פֿאָטער ברענגען צוריק בנימינען ווערט אויסגעהאַלטן, זיי האָבן פֿון זיך אַראָפּגענומען אַלע חשדים, און ברויט האָבן זיי דאָסמאָל גענוג, דוכט זיך, אַף דער גאַנצער הונגערצייט, שוין צופֿיל ברויט. פֿאַרקערט, זיי וואָלטן וועלן האָבן אַ געלעגנהייט נאָכאַמאָל צו קומען אין מצרים. באַזונדערש איז געווען באַצויבערט בנימין. אים איז געווען נישט אָפּצורייסן. ער האָט פּשוט נישט געוואָלט פֿאָרן אַהיים. די הייזער זיינען דאָ גאָר אַנדערע, וואַסער איז דאָ פֿיל, די פֿרויען זיינען שענערע, דער לעבן רייכער, און די מענטשן זיינען פֿריינטלעכער. דער הערשער פֿון לאַנד איז געווען אַזוי גוט צו אים. אומזיסט דאָט דער פֿאָטער אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן. מורא געהאַט פֿאַר זיין גורל. ווען נישט יעקבֿס שטרענגער אָנזאָג, וואָלט ער, בנימין, אינגאַנצן געבליבן אין מצרים. שמעון איז געוואָרן גאָר ווי אַ מצרי, און איז איצטער נישט אַזוי אָפּהענגיק פֿון לוין, ווי פֿריער. ער איז גרויסשטעטישער, מער פֿאַרבראַכט אין דער רייכער און קלוגער לאַנד, ווי אַלע אַנדערע ברידער.

ארויסגעפֿאָרן פֿון נא=אמון זיינען זיי גאַנץ פֿרי, נאָך איידער דער פֿרימאָרגן האָט געלויכטן, כּדי צום זונען-ברען דערפֿאָרן ביז אַ הערבעריק. אָבער שוין אַף דער דריטער שעה פֿאָרן, ווען די אייזלען האָבן זיך נאָך ניט גוט פֿונאַנדערגעשאָקלט, און די מענטשן זיינען געווען האַלבֿ פֿאַרשלאָפֿן, האָבן זיי דערהערט דעם געלויף פֿון מצרישע פֿערד, און באַלד האָבן זיי דערזען אין שטויב, וואס

דער געלויף האט אופגעהויבן, שווארצע פלינקע פערד. פארויס דער באקאנטער פארוואלטער פון הערשערס הויז, נאך אים באוואפנטע מצרים. וואס קען דאס זיין? זיי האבן נישט ווילנדיק געגעבן א צי זייערע אייזלען אף צוריק, און די קעמלען האבן זיך אליין אפגעשטעלט.

דער פארוואלטער איז פארבייגעלאפן אשרן, וועלכער אין דאסמאל געפארן דער לעצטער, ער האט פרידלעך א ווונק געגעבן בנימינען און איז צוגעקומען צום מיטן קאראוואן. ארום אים האבן זיך שוין ארומגעקליבן די ברידער און א פאר צענדליק באוואפנטע מצרים, וואס האבן געווארט אף זיין באפעל.

די ברידער זיינען פארוואונדערט געשטאנען און געפרעגט:

— וואס אזוינס האט געטראפן?

— איר ווייסט דען נישט?

— מיר וויסן גארנישט. נאר וואס ארויסגעפארן און אלץ גוט געווען.

— ניין, ניט גוט. איר האט זייער שלעכט געטאן. איר זייט אומדאנקבארע מענטשן. איר ווייסט דאך, אז דער בעכער, וואס מיין הער באנוצט, איז ניט קיין איינפאכער. מיין הער צווי־בערט מיט אים, און איר זייט זיך אזוי שלעכט באגאנגען. באצאלט מיט א רעה פאר א טובה.

— וואס רעדט דער הער? מיר האבן קיין זאך מיט דעם בעכער נישט געטאן.

— דער בעכער איז נישטא, און געפינט זיך ביי קיין אנ־דערן, ווי ביי איינעם פון אייך.

— פארוואס רעדט דער הער אזוינע ווערטער? באהיט זאלן ווערן דיינע קנעכט פון טאן אזא זאך? זע, די געלט, וואס מיר האבן געפונען אין מויל פון אונדזערע זעק, האבן מיר דיר אומ־געקערט פון לאנד כנען, היינט ווי וועלן מיר גנבענען פון דיין הארס הויז זילבער אדער גאלד. דער יעניקער פון דיינע קנעכט, ביי וועמען מען וועט דעם בעכער געפינען, זאל געטויט ווערן און מיר וועלן זיין דיינע קנעכט.

— יא, איר זייט גערעכט. אזוי באשטראפט מען פאר

אזעלכע מעשים. איך אָבער וועל אזוינס נישט טאָן. נאָר דער, ביי וועמען מען וועט געפינען דעם בעכער, וועט זיין אַ קנעכט ביי מיין האַר, און איר וועט זיין פריי.

די ברידער האָבן אַף גיך אַראָפּגעוואָרפן די זעק פון די קעמלען, כּדי מען זאָל זיי דורכקוקן. ערשט איצט האָבן זיי דער־זען, ווי פול מיט תּבואה זיינען אָנגעשאָטן די זעק. זיי האָבן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט זיי. יעדערער האָט זיך געשטעלט לעבן זיין קעמל און געוואַרט, דער פאַרוואַלטער פון הערשערס הויז אין מצרים זאָל צוגיין און זיי אונטערזוכן. צום ערשטן איז דער פאַר־וואַלטער צוגעגאַנגען צו ראובענען, אים באַקוקט, לאַנג זיך גע־גראָבן אין זיינע זעק, איבערגעשאָטן די תּבואה, אַלץ דורכגעקוקט און קיין זאַך נישט געפונען. נישט נאָר ראובן, נאָר אויך די אי־בעריקע ברידער האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. אַ פרייליכער אויסרוף האָט זיך פון זיי אַלעמען אַרויסגעכאַפּט. שווייגנדיק איז דער פאַר־וואַלטער צוגעגאַנגען צו שמעונען, ווידער געגראָבן זיך, געזוכט און גאָרנישט געפונען. אַזוי זוכנדיק איז ער אַלעמען אַרומגעגאַנגען. די ברידער זיינען שוין געוואָרן גאָר האָפערדיק. גד האָט זיך אַפילו גענומען וויצלען אַפן רעכענונג פון די מצרים. זיי האָבן זיך נישט אויסגעלערנט ווי צו זוכן גנבים. און ווען מען האָט געענדיקט דורכזוכן אשרס זעק, האָט אשר זיך שטאַרק פונאַנדער־געלאַכט. און הגם דאָס איז געווען מער אָפּגעלאַכט, ווי אַ לאַכן פון פרייד, האָט דער פאַרוואַלטער זיך נישט באַליידיקט און איז נאָר צוגעגאַנגען צו בנימינס זעק. בנימין האט געקוקט אָן אַ זייט ביז, אים האָט פאַרדראָסן דער חשד, און דערעסן וואַרטנדיק, ביז מען וועט זיך נעמען צו זיינע זעק.

אַפן זעלבן אופן, מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט האָבן זיך די מצרים געגראָבן אין בנימינס זעק. ווידער איבערגעשאָטן די תּבואה, און לאַנגזאַם האָט זיך אַ קייקל געגעבן דער גרויסער קיילעכדיקער בעכער, וואָס איז בעתן מאָלצייט געשטאַנען אַפן טיש ביים שני למלך.

פון די ברידער האָט דאָס דער ערשטער דערזען דן. ער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און זיי נישט אַראָפּגענומען פון

בעבער. עס האָט אויסגעדוכט, אז דער בעבער האָט אים פאַר־צויבערט, און ער האָט קיין אַנדער זאַך פאר זיך נישט געזען. נפתלי איז דערוויל צוגעלאָפן דערציילן יהודהן, וואָס איז גע־ווען אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט צו זיין אייזל. און ווען יהודה איז דערשראָקן צוגעגאַנגען צו בנימינען, זיינען שוין דאָרטן געשטאַנען אַלע ברידער, דערשראָקן און צעבראָכן נאָך מער פאר יהודהן. שמעון און לוי האָבן געוואָרפן זייערע שטרענגע בליקן אַף בנימינען. קענטיק, אַז זיי האָבן אים חושד געווען, אז ער האָט טאַקע גע־גנבעט דעם בעבער. „אין זיין מאַמען גערעאָטן" האָבן זיי געוואָרפן אַ ווערטל. בנימין איז געשטאַנען אביסל פון דער זייט, ווי שטענ־דיק מיט זיין בייזער מינע, ווי נישט נעמענדיק קיין אָנטייל אין דעם, וואָס ס'קומט פאָר. ער האָט זיך נישט פאַרענטפערט און ס'איז אויסגעקומען אַזוי, ווי ער וואָלט זיך מודה געווען אין זיין שולד. ראובן האָט עפּעס צו אים גערעדט, אָבער ער האָט געשוויגן און קיין וואָרט נישט געענטפערט.

דער אָנפירער פון די מצרים האָט זיך דערוויל געטאָן דאָס זייניקע. ער האָט געהייסן צוריק פאַרבינדן די זעק, אַריינלייגן ווידער דעם בעבער ווי געווען, און בנימינען געהייסן זיך זעצן אַפן אייזל און פאָרן מיט אים צוריק אין שטאָט.

ערשט איצט האָבן זיך די ברידער ווי אופגעכאַפּט פון שלאָף. ראובן האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אַף דער ערד, צעריסן זיינע קליידער, ווי אין קלאָגן נאָך אַ טויטן, לוי האָט גערעדט פאַר זיך, אַז דאָ איז עפּעס אַ כשוף. די ברידער זיינען געשטאַנען און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

— פאָרט זיך אייך אַהיים צו אייער פאָטער, האָט געזאָגט דער אָנפירער פון מצרים. נאָר דער, ביי וועמען איך האָב געפו־נען דעם בעבער, וועט אַראָפּנידערן מיט מיר. ער נאָר וועט בלייבן אַ קנעכט ביי מיין האַר.

— ניין!.. ניין!!! — האָט פלוצלונג זיך אַ שטעל געגעבן יהודה ווי אַ לייב.

ניט ווילנדיק האָבן זיך די מצרים אָפּגערוקט, אפילו די

בּרידער האָבן קיינמאָל בּיז איצט נישט געהערט פון אים אזא געשריי — און זיך דערשראָקן.

— דאָס וועט נישט גיין! אַלע צוריק! — האָט ער אַ וואָרף געגעבן צו די בּרידער. נפתּלי האט זיך שוין אומגעקערט און געוואלט זיך לאָזן פאָרויס, ווי תּמיד. אָבער יהודה איז אים אַריבּערגעפאָרן. ער איז געזעסן אויף זיין קעמל ווי אַ קריגס־פירער. די בּרידער זיינען נאָכגעפאָרן נאָך אים, און הינטער זיך האָבן זיי געלאָזן די מצרים.

די בּרידער דערקענען זיך

שנעל זײַנען זיי געקומען צוריק אין שטאָט. שנעלער, ווי די מצרים האָבּן גערעכנט. זיי זײַנען צוגעפאָרן גלײַך צום פּאַלאַץ פון שני למלך. ווײַזט זיך אַרויס, אַז צפנת פּענה, דער הערשער פון מצרים, האָט אַף זיי געוואַרט. ווידער איז ער געווען נישט אַליין, נאָר אין דער געזעלשאַפט פון אַלע באַדינער און שרײַבּער פון הויף, אַזוי ווי דעם ערשטן מאָל, ווען זיי זײַנען געקומען אין מצרים. און אויך אַזוי ווי דעם ערשטן מאָל איז ער געווען אויפגערעגט און אומרויק. ער איז אַרומגעגאַנגען פון איין ווינקל אין צווייטן. ער איז געווען דערשראָקן און אַף זײַן פּנים איז געווען אויסגע־גאָסן שולד און ניט־זיכערקייט.

יהודה, פאַרקערט, איז געווען דרייסט און פעסט בּײַ זיך. דאָס האָט זיך אויך איבּערגעגעבּן די בּרידער. זיי האָבּן דערפילט אַ שטאַרקע פירנדיקע האַנט און, הגם זיי איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע שטראָף און אַ באַשולדיקונג אין אַ שווערער זינד, און די גנבה האָט מען בּײַ זיי טאַקע געפונען, דאָך האָבּן זיי זיך געפילט זיכער און אַנטשלאָסן. יהודה האָט אַרויסגעגעבּן אַ באַפעל, אַז עס מעג זיי קאָסטן דאָס לעבּן, בּנימינען וועלן זיי דאָ אַליין נישט לאָזן.

אָנגעהויבּן צו ריידן האָט דער הערשער פון מצרים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה, וואָס איר האָט געטאָן? האָט איר דען נישט געוווּסט, אַז אַזאַ מאַן ווי איך צויבּערט.

די בּרידער האָבּן געשוויגן. יהודה האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָס זאָלן מיר זיך פאַרענטפערן? גאָט אַליין האָט גע־

פונען דיינע קנעכט פאר שולדיק. מיר וועלן אלע בלייבן קנעכט פארן האר, אי מיר, אי דער, ביי וועמען דער בעכער איז געפונען...

עס האט געקלונגען אזוי, ווי נישט דער הערשער, נאר ער, יהודה, טראגט ארויס דעם אורטייל. אבער דעם הערשער פון מצרים איז דער אורטייל קענטיק נישט געפעלן געווארן.

—חלילה מיר דאס צו טאן, דער מאן, וואס דער בעכער איז געפונען געווארן אין זיין האנט, ער זאל זיין א קנעכט צו מיר. און איר גייט ארויף בשלום צו אייער פאטער.

אבער נאר ווי דער מענטש האט דערמאנט דעם פאטער, האט געטראפן עפעס אומדערוואַרטעס. יהודה האט זיך אופגעשטעלט, איז צוגעגאנגען הארט צום הערשער פון מצרים אזוי, אז די מצרים האבן געמיינט, אז דאס איז אן אנפאל, און יהודהן געוואלט פארהאלטן. צפנת פענח אבער האט אווינק געגעבן, זיי זאלן אים נישט אנרירן. יהודה האט זיך געשטעלט לעבן שני למלך ווי א גלייכער, זיך לייכט א בויג געגעבן, גארנישט ווי א באשולדיקטער, און פון זיין רייזיקן וווקס געקוקט פון אויבן אראפ אף אלע ארומשטייענדיקע מצרים. ער האט גענומען ריידן הויך אף א קול, דירעקט צום שני למלך, אלע אבער האבן זיך צוגעהערט. מען האט פארגעסן, אז דא שטייט א פרעמדער עברי, איינער פון די גנבים פון בעכער. דאס, וואס ער האט געזאגט, האט געקלונגען אין די אויערן, זיך איינגעשניטן ביי אלעמען אין זכרון, קיינער האט נישט געצווייפלט אין דעם אמת, וואס ער זאגט. אלע האבן געפילט, אז ער איז גערעכט און זיינע רייד, איינפאכע און מענטשלעכע וועגן זיין משפחה, וועגן זיין פאטער, האבן אלעמען גערירט. יהודה האט נישט פארטיידיקט בנימינען, גארנישט דערמאנט די גאנצע געשיכטע מיטן בעכער, נאר פארגעווארפן דעם שני למלך פון מצרים, אז פון דער ערשטער רגע אן, ווי זיי, די עברים זיינען געקומען אין מצרים, טשעפעט מען זיך צו זיי, מען ווארפט אף זיי בלבולים. זיי האבן ריכטיק געענטפערט אף אלץ, וואס מען האט זיי געפרעגט, און אויב עס גייט דא אין נעמען פון זיי א שקלאף, וועט ער, יהודה זיין א בעסערער שקלאף איידער בנימין.

—„מיין האר האט געפרעגט זיינע קנעכט: האט איר א פאַטער אדער א ברודער? און מיר האבן געזאגט: מיר האבן אן אלטן פאטער און א קליינעם בן־זקונים, וואס ער אליין איז געבליבן פון זיין מוטער, און זיין פאטער האט אים ליב. האסטו געזאגט צו דיינע קנעכט: ברענגט אים אראָפּ צו מיר, איך זאל טאן מיין אויג אף אים, האבן מיר געזאגט: מיין האר, דאס יינגל קען נישט פארלאזן זיין פאטער, ווארום אז ער וועט פארלאזן זיין פאטער, וועט ער שטארבן. האסטו געזאגט צו דיינע קנעכט: אויב אייער יינגסטער ברודער וועט נים אראָפּנידערן מיט אייך, זאלט איר מער מיין פנים ניט זען.

— און אז מיר זיינען אראָפּגעקומען צום פאטער, האבן מיר אים דערציילט די ווערטער פון אונדזער האר, און ווען אונדזער פאָטער האָט געזאָגט: גייט ווידער קויפט אונדז א ביסל שפייז, האָבן מיר געענטפערט: מיר קענען אראָפּנידערן נאר, ווען אונדזער יינגסטער ברודער וועט זיין מיט אונדז. אן אים קענען מיר זיך נישט באווייזן פארן מאנס פנים. האט אונדזער פאטער צו אונדז געזאגט: איר ווייסט דאך, אז צוויי האט מיר מיין ווייב געבארן, און איינער איז אוועק און איך האב געטראכט: פארצוקן איז ער פארצוקט געווארן און איך האב אים נישט געזען ביז אצינד. און אז איר וועט אוועקנעמען אויך דעם דאזיקן פון מיין פנים, וועט איר מיינע גראע האר מיט קומער אראפנידערן אין קבר.

— און ווי זאל איך איצט קומען צום פאטער אן דעם יינגל? ווי ער וועט זען, אז דער יינגל איז נישטאָ, וועט ער שטארבן. און דיינע קנעכט וועלן אראפלאזן די גראע האר פון אונדזער פאָטער מיט טרויער אין קבר. דיין קנעכט האט ערוב געווען פארן יינגל צו זיין פאטער, און געשווארן האב איך: „אויב איך וועל דיר אים נישט ברענגען, זאל איך זיין א פארזינדיקטער אלע טעג פון מיין לעבן."

— איך בעט דיך: זאל איך בלייבן אנשטאט דעם יינגל פאר א קנעכט פון מיין האר, און דער יינגל זאל ארופגיין מיט זיינע ברידער. איך קען נישט ארופגיין צום פאטער אן דעם יינגל. איך וועל חלילה צוזען דאס בייז, וואס וועט טרעפן מיין פאטער..."

אלע מצרים זיינען געשטאנען פארגאפט. פון יהודהס רייד האט זיך געהערט אזא וויי־געשריי, אזא ליבע און זארג צום אלטן פאטער, אזא אינערלעכער אומגליק, וואס הענגט פון יארן און איצט האט עס זיך ארויסגעריסן. אזוינס האבן זיי נאך קיינמאל פון קיין מענטשן נישט געהערט. די מצרים האבן נישט געוווסט, וואס צו טאן.

אבער צפנת פענח, דער שני־למלך, דער הערשער פון אויבערשטן און אונטערשטן מצרים, האט מיטאמאל מיט א פארשטיקטער שטימע באפוילן אלעמען ארויסצוגיין, נאר די עברים זאלן בלייבן. ווען דער לעצטער מצרי איז ארויס, האט זיך אין א טויטער שטילקייט דערהערט א וויינענדיקע שטימע:

— אני יוסף! העוד אבי חי?! — איך בין יוסף! לעבט נאך מיין פאטער?!..

ע פ י ל א ג

יעקב וואנדערט פון כנען אין מצרים

1.

אַרום יעקבס געצעלט אין חברון איז געווען אויסגעשטעלט אַ גאַנצע מחנה, וואָס וועט זיך באַלד לאָזן אין וועג אַריין. פון יעקבס עלף זין האָט יעדערער געהאַט זיין משפחה, זיין האָב און גוטס. דאָ איז געווען בנימין מיט זיינע צען זין, מיט זיינע רייכע חפצים, אַ חוץ די אייגענע, אויך וואָס יוסף האָט אים מיטגעגעבן פון מצרים: דריי הונדערט זילבערשטיק און פינף גאַנג קליידער, און איצט פירט ער עס צוריק; דאָ זיינען געשטאַנען יהודהס זין־גבורים פרץ און זרח מיט זייערע קינדער חצרון און חמול, יעקבס אור־אייניקלעך; אשרס שיינע טעכטערל שרח, וועלכע האט געשפּראַצט מיט בלוט און מילך, איז אַרומגעלאָפן פון איין משפחה צו דער צווייטער, דערציילט וועגן אירע רויטע בענדער, וואס זי האט צעשאָנקען אירע חברטעס, ווייל דער פעטער יודע זאָגט, אז אין מצרים טראָגט מען שענערע, און דער פעטער יוסף, דער מלך פון מצרים, האָט שוין אָנגעגרייט פאַר אַלע קינדער מתנות. אין האַנט האָט שרח געהאַלטן א האַרפע, געשפּילט און געזונגען אַ פריילעך לידל, וואָס אמאָל האָט עס געזונגען יוסף. דאָס לידל האָבן איר ניט לאַנג די פעטערס אויסגעלערנט, ווען זיי זיינען געקומען דעם לעצטן מאָל פון מצרים און מורא געהאַט

פלוצלונג אנצוזאגן יעקבן די שמחה, אז יוסף לעבט. זיי האבן אונטערגעשיקט שרהן, זי זאל שפילן פאר יעקבן יוספס לידל און אזוי ארופפירן זיינע געדאנקען אף יוספס לעבן. ביי שמעונס אייזל איז אומעדיק-פארוויינט געשטאנען זיין יונג ווייבל די כנענית מיט איר זון שאולן. איר האט פארדראסן שיידן זיך מיט איר לאנד, מיט איר היים. שמעון האט איר געהייסן ארופזעצן זיך אפן קעמל. די ווייבער האבן געענדיקט אופבינדן זייערע חפצים, קליידער און געלייגט אף די וועגענער, וואס זייערע מענער האבן מיטגעבראכט פון מצרים. די מענער האבן געשפודט, באלד וועט ארויסגיין יעקב, נאכאמאל און נאכאמאל דערמאנט יוספס אנזאג — זיי זאל ניט פארדריסן צו לאזן אין לאנד האב און גוטס, אין מצרים וועלן זיי האבן מער. די ווייבער אבער, וואס האבן מיט די אייגענע אויגן ניט געזען די רייכקייט פון מצרים און די גרייסקייט פון יוספן, האבן געטראגן אלץ נאך און נאך זאכן פון די געצעלטן. פון וויטנס האט זיך געהערט דאס בלעקן און מעקן פון די בעסערע שאף און רינדער, וואס די ברידער האבן געפירט מיט זיך.

ביי יעקבס געצעלט זיינען געשטאנען צען אייזלען באלאדן מיטן בעסטן פון מצרים און צען אייזעלינס באלאדן מיט תבואה, ברויט און שפייז. דאס אלץ האט יוסף געשיקט פאר יעקבן פון מצרים. זיינע אייגענע האב און גוטס האט יעקב צעטיילט צווישן די שכנים און הונגעריקע מענטשן פון ארום. איצט זיינען זיי געקומען געזעגענען זיך מיט יעקבן און באדאנקען פאר דער אומגעריכטער ירושה, וואס זיי האבן באקומען. גענומען מיט זיך האט יעקב נאר אויסטערלישע זאכן, יקר המציאותן, ווערטיקע אנדענקונגען. דא איז געווען דער הארן פוןווידער, וועלכן אברהם האט גענומען פאר א קרבן-עולה, אנשטאט יצחקן, דער הארן איז איבערגעגאנגען בירושה צוזאמען מיט אברהמס ברית מיט גאט. דא איז געווען רבקהס קרוג, פון וועלכן זי האט געגעבן טרינקען אליעזרן, ווען ער איז געקומען אין חרן זוכן א כלה פאר יצחקן. דא זיינען אויך געווען דער גילדערנער נאזרינג און צוויי ארעמבענדער, וואס זייער וואג איז געווען צען גאלד-שטיק, דאס זיינען געווען די מתנות, וואס אברהם אבינו האט גע-

שיקט פֿאַר יצחקס כּלה, און שפּעטער האָט עס רבֿקה געשאָנקען איר געליבטן זון. צעקראָכן פֿון אַלטקייט און שטויב איז געלעגן דער שלייער, מיט וועלכן רבֿקה האָט זיך אַמאָל פֿאַרדעקט, ווען זי האָט דעם ערשטן מאָל געטראָפֿן יצחקן, איר צוקינפֿטיקן מאַן. אויך דאָס האָט מען פֿאָרזיכטיק פֿאַרפּאַקט און מיטגענומען. יעקבֿ האָט אויך געהייסן מיטנעמען דעם זאָטלקישן, אויף וועלכן רחל איז געפֿאָרן, ווען זיי זיינען געלאָפֿן פֿון לבֿנען. אונטער דעם קישן האָט זי געהאַט באַהאַלטן די תּרפֿים. די תּרפֿים אַליין האָט שוין לאַנג יעקבֿ געהייסן באַגראָבן אונטער אַ בוים, ווייל דערווידער זיינען זיי געווען דעם גאָט פֿון אבֿרהמען. דאָ איז אויך געווען יוספֿס כּתונת פּסים, אַ געשטרייפֿט העמדל מיט סמנים פֿון פֿאַרטריקנטע בלוט. איצט ווייס שוין יעקבֿ, אַז דאָס איז ניט יוספֿס בלוט געווען. דאָך האָט ער עס ניט אָפּגעוואַשן און פֿירט עס ווי אַ הייליקטום אין מצרים.

נאָך נעכטן איז יעקבֿ אַרומגעגאַנגען, זיך אָנגעקוקט און געזעגנט מיט די פֿעלדער, מיט די וואַסערן, מיט די בערג, מיט די שאָף, מיט די שטומיקע חיות און עופֿות, וואָס ער לאָזט איבער. איצט געזעגנט ער זיך מיטן געצעלט. ער זיצט און זיינע ליפּן זאָגן דעם לעצטן געבעט צו גאָט. ער גיסט אויס זיין האַרץ פֿאַר אל שדי, דערמאָנט דעם בּרית, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אבֿרהמען: „דאָס גאַנצע לאַנד כּנען וועל איך געבן דיר און דיינע זאָמען פֿאַר אַן אייביקן אייגנטום". און דער בּרית מוז אָפּגעהיט ווערן. ער וואַנדערט אויס אין מצרים, און כּנען בלייבט זיך אַן אייביקע אייגנטום פֿאַר זיינע קינדער. יעקבֿ זיצט נאָך אַ ווײַלע, באַקוקט די ווינקעלעך פֿון געצעלט, דערנאָך נעמט ער דעם שטעקן און איז אַרויס פֿאַרן וועג, ווו די מחנה שטייט. דער אַלטער פֿאָטער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, אַ קוק געבן צו איין זייט, צום צווייטן, אָבער קיין בּרעג, קיין ענדע האָט ער ניט געזען.

— איז אַזוי גרויס די מחנה, אָדער מיינע אויגן זיינען שוואַך און זעען ניט דעם בּרעג? — האָט אַ טראַכט געגעבן יעקבֿ.

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. יעקבֿ, וועל-

כער איז אַלעמאָל געווען לייכט אפן וויינען, איז איצט צו דער עלטער געוואָרן נאָך ווייכער און וויינענדיקער.

צו די שכנים, וואָס זיינען אים געקומען באַגלייטן האָט ער געזאָגט:

„איך וועל שוין צוריק אַהער ניט קומען, מיינע ביינער אָבער וועל איך אָנזאָגן מען זאָל ברענגען אַהער. איר וועט זיי איינהיטן אין דער הייל פון דער פעלד פון מכפלה, וואָס אברהם האָט אָפּגעקויפט מיטן פעלד, פאַר א קבר=אייגנטום, פון עפרון דעם חתי, פאַר ממרא.

מיט די ווערטער האָט זיך יעקב געזעגנט מיט כנען, און לאַנגזאַם האָט זיך גענומען באַוועגן די עברישע מחנה.

.2

געפאָרן איז די מחנה בראש מיט יהודהן צו באר=שבע. אַרום שטאָט און אין שטאָט זיינען געווען זיבן גרויסע ברונעמער מיט מויערנע ווענט, און אַזוי איז באר=שבע געוואָרן דער בעסטער אָרט פאַר רייזנדער און וואַנדערער אָפּצושטעלן זיך און אָפּצורוען אפן וועג. פאַר יעקבן האָט אָבער באר=שבע געהאַט נאָך א באַזונדערע באַדייטונג. פון דאָרט איז ער אַמאָל, דעם ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן, ריכטיקער, אַנטלאָפן אפן וועג קיין חרן, דאָרט האָט ער פאַרבראַכט זיינע קינדערשע יאָרן, ווען יצחקס קנעכט האָבן געגראָבן די ברונימער. איצט איז געפאָרן אַן אַלטער מאַן, פאַרזונקען אין זכרונות פון אַמאָל, פון די קינדערשע יאָרן, איבערגעטראַכט און דורכגעלאָזן פאַר די אויגן די וויכטיקסטע געשעענישן פון זיין לעבן. יעקב האָט דערמאָנט דעם מאָלצייט, וואָס יצחק האָט געגעבן פאַר אבימלכס מענטשן אין באר=שבע, די פריינטשאַפט, וואָס זיי האָבן געשלאָסן און מיט א שבועה פאַרפעסטיקט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַרומגעקריגט און געעסקט צוליב די ברונימער אין באר=שבע. אַרום גרויסע טישן, געדעקט מיט וויינען און ביר זיינען געזעסן די געסט און געשיכורט, דער אַלטער אבימלך און דער האַר פון זיין חיל פיכול. פיכול איז געווען דער גאַנצער באַהאַנגען מיט שווערדן, פיילן, און עשו האָט

פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען; יעקבן איז אָבער מער געפעלן געוואָרן דער אַלטער אבימלך, ער איז געווען גוטמוטיק און שוואַך נעגאַנגען אַף זיינע פּיס.

אין באר־שבע — האט ווייטער געטראַכט יעקב — האט אויך געלעבט אברהם, און אייגנטלעך האט ער, דער אורפאָטער, שוין אָנגעהויבן צו וואַנדערן. צו אים, צום ערשטן האָט גאָט געזאָגט „לך־לך" גיי זיך פון דעם לאנד. מער ניט אברהם האָט געוואַנדערט אין א פארקערטער ריכטונג, פון חרן אין כנען, פון כנען אין מצרים און דערנאָך צוריק אין כנען. איך אָבער — האָט געטראַכט יעקב — האָב געוואַנדערט פון כנען אין חרן, פון חרן צוריק אין כנען און איצט אַף דער עלטער אין מצרים.

און אַפילו יצחק, דער פרידלעכער, גוטמוטיקער, גוטגעשטימטער, שפּילנדיקער, זאַטער און איינגעזעסענער יצחק האָט אויך אַרומגעוואַנדערט. אמת, ניט ווייט, ביז מצרים ניט דערגאַנגען — דערצו איז ער געווען צו היימיש, — אָבער אין דעם איינגענעם כנען קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט געזוכט די ברונימער, וואָס אַברהם האָט אויסגעגראָבן, און די פלשתים האָבן פארשאָטן. יצחקס קנעכט האָבן די ברונימער צוריק אופגעגראָבן, ער האָט די ברונימער אָנגערופן אַפילו מיט די זעלבע נעמען, וואָס אברהם האָט זיי געגעבן. ער האָט זיך אַרומגערוקט פון איין אָרט צום אַנדערן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו רחובות, צו א רחבות, צו פרוכטבאַרקייט. „איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון טאַטנס רחבות מיט גארנישט, מיטן שטעקן. אַפילו די מתנות, וואָס רבקה האָט מיטגעגעבן, איך זאל ניט קומען ווי אַן אָרעמער קרוב צו איר ברודער לבנען און די שפייז אַפן וועג, אַלץ האָט צוגענומען אליפז, עשוס עלטערער זון, וואָס האָט מיר נאָכגעיאָגט נקמה צו נעמען פאַר זיין פאָטער, פאַרן אויסנאַרן די בכורה. קוים מיטן לעבן זיך פון אים אַרויסגעראַטעוועט".— אזוי האבן זיך איצט פאַרביי געטראָגן דערינערונגען פון אַמאָל.

אַלץ, וואס יעקב פאַרמאָגט, ניט נאָר די רייכקייט, נאָר אויך דעם נאָמען, דעם גלויבן האָב איך זיך אַליין געשאַפן, ניט מיט כוח, נאָר מיט שכל, מיט פלייס, מיט גאָטס ברכה. אזוי איז נאָך

געווען אינדערהיים, ווען איך האָב געלעבט צוזאַמען מיט דער מוטער און מיטן ברודער. יאָ, יענער איז געווען אינגאַנצן אַ היפּוך צו אים. ער — גלאַט און יענער — האָריק, ער בלייך און עשו רויט; ער שטיל און עשו טומלדיק, שרייענדיק, שטענדיק געשפּרונגען, געזונגען, געפּייפט, געטאַנצט. ער — אַ שטובּיקער, בײַ די שעפּעלעך, בײַ די געגנז, און עשו — אַ וואַלד־מענטש, אַ יעגער, אַף ווילדע אָקסן אַליין געגאַנגען; ער — אַ פּחדן, באַרעכנט און אויסגערעכנט, אײַנגעהאַלטן, און צוריקגעהאַלטן, און יענער — דרייסט, שטאַרק, כאַפּט דעם קעגנער פאַרן גאָרגל; ער—טרוימעריש, פאַרנומען מיט חלומות, עשו אָבער טראַכט קיינמאָל ניט וועגן מאָרגן און האָט דערווײַלע הנאה פון דער וועלט; ער—אָנגעטאָן אין דינע לײַוונטענע מלבושים, און יענער אַרופגעוואָרפן אַ פעל אַפן האָריקן קערפּער, פאַרבונדן מיט אַ רימען, אָנגעהאַנגען דעם בויגן און אַ שווערד — דאָס איז זײַן מלבוש; ער, יעקב, געליבט פון דער מוטער און עשו — פון פאָטער; ער—גאָטספאָרכטיק, מזבחות געבויט, און יענער טראַכט ניט וועגן גאָט, פאַרראַט די בכורה, איר פאַרקויפט פאַר אַ שלונג לינדזן; ער—אײַנגעהאַלטן, נאָכדענקעריש, כיטרע, און עשו אָפנהערציק, לײַכטזיניק, ווערט שנעל אין כעס און אויך אַזוי שנעל פאַרגעסן דעם כעס.

„סוף כל סוף האָט זיך עשו אָפּגעלעבט זײַן וועלטל גאָר ניט שלעכט אויך אָן דער בכורה און אָן דער ברכה, — האָט ווײַטער געטראַכט יעקב — הנאה געהאַט פון זײַן לעבן, געלעבט זיך אַ רויִקן טאָג און אַפילו אַ זיכערן לעבן, כאָטש ער איז געווען אַ יעגער, ווארום פאַרן טויט האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, זיך ניט געשראָקן, אַז ער פאַרלירט עפּעס טײַערס, ווײַכטיקעס. און דאָך וואָלט ער זיך ניט בײַטן מיט עשון, ווארום ענדלעך האָט ישראל מנצח געווען, ניט נאָר וואָס ער האָט באַקומען די ברכה און די בכורה, נאָר אַפילו אין קאַמף בײַ מעבר יבוק, הגם דער נצחון איז דאָרט ניט געווען קיין פולער — די לעפּעלע פון דיך זיך אויסגעלונקען. עשו איז געווען דער מענטש פון טאַט, פון מעשים, זײַער פאַרגעניגן און זײַער ווירקונג איז גלײַך און שטאַרק; בײַ יעקבן איז דער געדאַנק, דער טרוים קודם למעשה, זיי האָבן

צוגעגעבן דעם לעבן אַ געטלעכן ציל. שוין די ערשטע נאַכט אין בית אל האָט יעקב אין חלום געזען דעם לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און מיטן שפּיץ דערגרייכט ער דעם הימל, מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ. און אויך יעקב גייט אַזוי דעם גאַנצן לעבן אַרויף און אַראָפּ"...

שווער איז געווען דער לעבן ביי לבנען. בייטאָג די היץ, ביינאַכט די קעלט, די ווילדע חיות אַרום. דער שווערער לעבן איז אָבער געווען באַשטראַלט מיט דער האָפענונג צו באַקומען רחלען; און דערפאַר איז געווען אַזוי שרעקלעך די אַנטוישונג אינדערפרי, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז גאָר לאה... אָ, דער ארמי איז ערגער געווען פון עשון, און ערגער איז דעם טאַטנס ברכה ניט געווען אַזוי גינסטיק, אַזוי ווירקלעך און אַזוי נויטיק ווי ביי אים. דאָרט בין איך רייך געוואָרן, שטיל, אומבאַמערקט, אַזוי, אַז לבן האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז איך וויל אַנטלויפן. פיינלעך איז געווען די באַגעגענישן מיט עשון אויפן צוריקוועג, דער פחד, וואָס איז אַרויפגעפאַלן, ווען איך האָב דערוווּסט, אַז עשו גייט אַנטקעגן מיט פיר הונדערט מאַן. געווען איז עס נאָר אַ בייזער חלום, וואָרום אויסגעלאָזן האָט זיך פונקט פאַרקערט, ער איז מיר גוטהאַרציק און אָפנהאַרציק אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, ברידערלעך געקושט, פאַרגעלייגט לעבן מיט אים צוזאַמען, איז גרייט מיר צו העלפן, געלאַכט האָבן מיר נאָכדעם, ווי אַזוי איך האָב באַהאַלטן רחלען, מיטן שלייער איבערן קאָפּ, ביים ברעג פון דער דריטער מחנה, עפּעס ווי אַ נישטיקע שפּעלע. עשו אָבער איז צו איר צוגעגאַנגען, מיט זיין האָריקער גרויסער האַנט אַ גלעט געגעבן יוספן איבערן קעפּל.

— ס'אַרא שיינער קינד! די מאַמע מוז זיין שיין.

— געוויס איז זי אַ שיינע, אַ פיינע — האָט האָפערדיק געענטפערט דער פינפיאָריקער יוסף.

„רויק האָט זיך געלעבט עטלעכע יאָר אין סוכות. פאַר גאָט, פאַר אל אלהי ישראל אַ מזבח אויפגעשטעלט. יענע איינצלנע יאָרן געווען באמת גליקלעך, געפילט ווי יצחקס ברכה קומט אָן. רחל האָט זיך פונאַנדערגעבליט ווי אַ שיינע, זאַפטיקע בלום. דער טיפער בליק פון אירע הימלישע אויגן האָט געגעבן האָפענונג, איר

הויט איז געווען ליליען=צאַרט, און איר האנט האט געהאט אזא
מילדע, ליבע וואַרעמקייט, וואס קיין פרוי האט עס ניט פאַרמאָגט.
איר בכור, יוסף, איז געוואקסן. שוין פון קינדוויז אָן איז ער גע=
ווען געטלעך: געטלעך=שיין, געטלעך=קלוג, געטלעך=גוט און געט=
לעכע חלומות האָבן אים באַזוכט, אַלע האָפענונגען און חלומות
פון אברהם אבינו אָן האבן זיך אַריינגעטאָן אין יוספן. ניט געווען
קיין גרעסערער גליק און קיין גרעסערער פאַרגעניגן אַף גאָטס
וועלט, ווי אָנקוקן רחלען מיט יוספן אַפן האַנט. איר גאַנצע שיינ=
קייט און מילדקייט האָט זי אין איר בכור אַריינגעטאָן, און זי האָט
דערפון ניט פאַרלאָרן, נאָר נאָך שענער און מילדער געוואָרן. די
גאַנצע געטלעכקייט פון די אבות, פון אברהמען ביז ישראלן האָט
זיך אַריינגעטאָן אין יוספן, און יעקב האָט דערפון ניט פאַרלאָרן,
נאָר נאָך שטאַרקער געווען אין אל שדי. ערשט דורך יוספן פאַר=
שטאַנען, ווי שטאַרק און ווי גרויס איז געווען אברהם אבינו, ווען
ער האט געפירט זיין איינציק געליבטן זון יצחקן, צו דער עקידה...

„און רייך בין איך דעמאָלט געווען, — האָט זיך דערמאָנט
יעקב—פאַר הונדערט קשיטה אָפגעקויפט פון חמור א שטיק פעלד,
א רחבת ידים. יעקבס נאָמען איז געוואַקסן אין כנען ביז די מעשה
שכם. זיי, די היציקע פאָר, שמעון און לוי האבן אונדז געמאַכט
אַ מיאוסן נאָמען אין דער וועלט. אומעטום האָט מען געזאָגט,
אַז די עברים זיינען רויבער, אַז צוליב רויב האבן זיי אויסגע=
הרגעט א שטאט, פונקט דער היפוך צו דעם, וואס מיר זיינען
געווען באמת. די אמתע סיבה פון דעם מאָרד אין שכם האבן די
פעלקער ניט געוואָלט וויסן און ניט געקענט פאַרשטיין. שטאַרק
איז דער כעס פון שמעון און לוי, זייער צאָרן איז האַרט, גוט=
מוטיקערהייט קענען זיי אן אָקס פאַרקריפלען, און אין כעס האַר=
געגען זיי אַ מענטשן: צעטיילן האָט מען זיי געדאַרפט, צעשפרייטן.
זיי האבן מיך פאַרמיאוסט ביי די איינוווינער פון לאַנד, ביי דעם
כנעני, ביי דעם פרזי. געמוזט פון דאָרט עוקר זיין אין בית אל,
און דאָרט ווידער פאַריייניקט זיך מיט גאָט.

אַפן וועג קיין אפרת האָט מיר דער אומגליק געטראָפן, מיר
האָט באַזוכט דער טויט, צוגענומען מיר מיין טייערע שעפעלע.

מיט די ווערטער „בן־אוני", ווי זי האָט אַ נאָמען געגעבן בנימינען אויף איר ארמישן לשון, האָט זי איר נשמה אַרויסגעלאָזן. אפן וועג צו בית לחם האָב איך איר באַגראָבן, אַ מצבה געשטעלט און ווייטער געפאָרן, געצויגן, אָפּגעשטעלט זיך פון יענער זייט מגדל עדר, פון דאָרט געקומען אין קרית־ארבע צו יצחקן. ווי רייך די געגנט איז געווען, און נאָך מער עשירות האָב איך מיט זיך געבראַכט, געמיינט דאָ רויק אויסלעבן מיין וועלט, אָבער דווקא דאָ האָט פּאַסירט דער אומגליק, דאָס שרעקלעכסטע.

וואָס האָט אייגנטלעך יוספן געפירט צום גרוב?

די פאַרשיידנקייט צווישן די ברידער.

גייט דאָס ניט בירושה אין אונדזער משפחה? אזוי איז געווען ביי אברהמען — ישמעאל און יצחק, אַזוי ביי יצחקן — עשו און יעקב, און דאָס זעלבע ביי מיר — די ברידער און יוסף.

אָבער גאָט אליין האָט דאָך אויסגעטיילט יוספן, און ווער ווייס, אויב דאָס איז ניט אַלץ, כדי צוצופירן צום היינטיקן טאָג, ווען מיר אַלע זיינען אין וועג קיין מצרים...

דערווייל איז די מחנה אָנגעקומען אין באר־שבע און איבערגעריסן יעקבס שטילע געדאַנקען.

.3

ווען מען איז געקומען אין באר־שבע איז יעקב שוין געווען רעכט מיד. ביים גרויסן ברונעם האבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, אונטער אן אלטן שאָטנדיקן אשל־בוים האט מען פונאנדערגעלייגט דעם געצעלט פאַר יעקבן. דעם בוים, האָט יעקב דערציילט, האט געפלאַנצט אברהם אבינו, פון דאנען גערופן צום אייביקן גאָט. פון אים, פון אברהמען, האט דאס יוסף גערירשנט זיין ליבע צו בוימער, צו פלאַנצן, צו געוויקסן. אלץ איז יעקבן אין באר־שבע באַקאַנט און נאָענט, די מויערן, די ברונימער, די טאָלן, די פעלדער. ער געדענקט נאָך ווי דעם ברונעם האבן יצחקם קנעכט געפונען. די קנעכטס קינדער זיינען נאַקעטע געשפרונגען אין גרוב, אים האט רבקה ניט געלאָזן שפרינגען, מורא געהאַט, ער זאָל זיך א פוס ניט אויסברעכן, דער וואסער זאָל אים ניט פארגיסן,

שטענדיק איז ער געווען אָנגעטאָן אין בגדים און מקנא געווען די פרייע און נאַקעטע קינדער פון די קנעכט, און מורא, פחד, פאַרדרוס זיינען אים אריין אין די ביינער. אויך איצט האט ער פחד אַראָפּצונידערן אין מצרים, פחד פאַר אַ פרעמדער זינדיקער לאנד, מורא פאַר זיינע קינדער, מורא צו פאַרלירן די הײם אין כנען, און א פאַרדרוס אַף דער עלטער צו שיידן זיך מיט דעם לאנד, ווו מען איז געבאָרן געוואָרן און אָפּגעלעבט א וועלט...

דערווייל האט לוי געבראכט שאָף צום שלאַכט=אָפּפער, אויך דער שטיינערנער מזבח איז א באַקאַנטער. און ישראל האט געשלאַכט שלאַכטאָפּפער צו דעם גאָט פון דעם פאָטער, צו יצחקן, נאָכדעם איז ער איינגעשלאָפן מיטן לייכטן אומרויקן שלאָף פון אַלטע לייט. ווען די נאַכט איז אָנגעקומען, האט גאָט גערעדט צו ישראלן אין זעונגען פון דער נאַכט: „יעקב, יעקב! דא בין איך. איך בין גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער, זאָלסט ניט מורא האבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים, ווארום פאַר א גרויס פאָלק וועל איך דיך מאַכן, איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר אין מצרים, און אויך אַרופּברענגען וועל איך דיך, און יוסף וועט אַרופּטאָן זיין האנט אַף דיינע אויגן.“

אינדערפרי איז יעקב אופגעשטאַנען שוין זיכערער, א גליקלעכער, גרייט צו פאָרן ווייטער. יהודהן האט ער אַוועקגעשיקט פאָרויס, ווי אַ פאָרשטייער פון די עברים, צוגרייטן מצרים צו זייער קומען. כדי יעקב זאָל זיך ווייניקער איינמידן, האבן די קינדער באַשלאָסן ניט לאָזן אים פאָרן אַפן אייזל, נאָר אים טראָגן אַף א טראָגבעטל. פיר העלדן, אייניקלעך, האבן זיך איינגעשפּאַנט אין בעטל און אים געטראָגן. די גאנצע מחנה האָט זיך געלאָזן דורכן שטאָט צו דרום=מערב זייט, צום וועג, וואס פירט אין מצרים. די איינוויינער פון באר=שבע האבן זיך אופגעקליבן זען, ווי די עברים פאָרן דורך. עטלעכע זקנים פון באר=שבע האבן געקענט און געדענקט יעקבן, די יינגערע האבן פון אים געהערט. ווען מען האט פאַרביגעטראָגן יעקבס בעטל פאַרן בית=עולם פון באַר=שבע, ווו ס׳זיינען געשטאַנען מצבות מיט אויסגעקריצטע נעמען און שבחים פאַר די פאַרשטאָרבענע, האט זיך יעקב דער=

מאָנט אויך אָן די מענטשן פון שטאָט, לעבעדיק זיינען זיי געוואָרן פאַר אים. די טויטע האָבן אופגעלעבט, די לעבעדיקע מענטשן פון באר-שבע זיינען פאַר יעקבן געווען טויט, אומבאַקאַנט, און די פאַרשטאָרבענע זיינען ווי אופגעשטאַנען פון זייערע קברים מיט זייערע מעלות און חסרונות, מיט זייערע פּאַסירונגען, צונעמעניש. די שבחים אַף די מצבות זיינען אַ היפּש ביסל איבערטריבן, גאָרניט געווען אַזוי רייך און אַזוי שטאַרק ווי אַף דער מצבה איז געשריבן. אָ, ווי די וועלט בייט זיך. די לעבעדיקע שטאַרבן, די טויטע אָבער, זייערע שאָטנס לעבן אוף, און ער, יעקב, פאָרט איצט קיין מצרים, אין אַ לאַנד, וווּ טויטע ווערן איינגעהיט צום אייביקן לעבן, אָבער לעבעדיקע שטאַרבן ווי אומעטום...

און אָט אין דעם לאַנד לעבט זיין געליבטער זון, זיין אמתער בכור, רחלס עלטערער זון — יוסף. ווי וווּנדערבאַר איז זיין גורל! מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט אַף אים האָט געוואַרט רחל, און מיט וואָס פאַר אַ ליבע זי האָט אים אַרומגערינגלט! אויסדערווילט איז ער געווען נאָך לאַנג, איידער ער איז געבאָרן געוואָרן. אין זיין שיינקייט, גוטסקייט, קלוגקייט, אין זיינע יוגנט-חלומות — אומעטום האָט מען גלייך געזען, אַז ער איז העכער און געטלעכער פון אַלע מענטשן, און דערפאַר האָבן אים די ברידער אַזוי פיינט געהאַט, אין גרוב געוואָרפן און פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט. וועט זיי דאָס יוסף מוחל זיין? און ווי גרויס איז אונדזער גאָט אלהים, אַז פון אַ קנעכט האָט ער אים געמאַכט פאַר אַ שני למלך פון דער רייכסטער און גרעסטער לאַנד אַף דער וועלט, פון מצרים! וויפיל איז אויסגעקומען מיין קינד פאַר דער צייט איבערצולעבן און איבערצוליידן! — האָט ווייטער געטראַכט יעקב — און איצט דערנערט ער גאַנץ מצרים, אַלע לענדער אַרום, די גאַנצע וועלט, אַלע בוקן זיך פאַר אים, אָט ווען זיינע חלומות האָבן זיך פאַרווירקלעכט, און מיר אַלע פאָרן צו אים אין מצרים. און ווי וועט זיך פאַרווירקלעכן דער ברית פון גאָט מיט אברהמען, אַז צו זיינע קינדער וועט געהערן דאָס גאַנצע לאַנד כנען?

פאַרטראַכט איבערן גורל פון זיינע קינדער, האָט יעקב ניט באַמערקט, ווי דער וועג, דער גאַנצער אַרום איז ביסלעכווייז אַרי=

בער פון א כנענישן אין אַ מצרישן, פון אַ באַקאַנטן געגנט אין אַן אומבאַקאַנטן. די פּעלזיקע בערגלעך זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, אַלץ ווייניקער פעלדער און מער זאַמד, ווייניקער ביימער און מער פּוסטע פּליינען, ערטערווייז באַדעקט מיט אַ האַרטן, שטעכיקן גראָז. באַלד איז שוין אויך דער גראָז פאַרשוווּנדן און אַלץ ווייטער און טיפער האָט זיך דער עבֿרישער קאַראַוואַן אַריינגעשניטן אין וויסטן טרוקענעם מדבר. אַ געלבער שטאָפּ מיט זיינע שפּיציקע אויערן איז פאַרבייגעלאָפן דעם וועג. עס האָט גענומען בלאָזן אַ הייסער מדבר־ווינט, וואָס האָט געשטיקט און געבּרענט. פאַר די אויגן האָבן זיך באַוויזן הייזער, ביימער. די קינדער האָבן געמיינט, אַז דאָס זעט זיך שוין מצרים, נאָר די דערוואַקסענע האָבן געוווּסט, אַז דער מדבר איז ניט נאָר טרוקן און וויסט, נאָר אויך אָפּנאַרעריש...

אינהאלט פון צווייטן בוך:

בײ פרעהן אין טעמפל
יוסף בײ פרעהן
צפנת פענח
זיבן גוטע יאָר
הונגער יאָרן

יוספס שאָטן אין יעקבס געצעלט
אין חברון די היים אין טרויער
די ברידער גרייטן זיך
די ברידער בײם שני למלך אין מצרים
צפנת פענח און יוסף
אין וועג צוריק קיין כנען
ווידער בײ יעקבן
יעקב בײט זײן באשלום
ווידער אין מצרים
דער גנב
די ברידער דערקענען זיך

עפּילאָג
יעקב וואַנדערט פון כנען אין מצרים

פון זעלבן מחבר:

די רעוואלוציאָנערן פון ישראל. לעבן און שאפן פון די נביאים

דער בלבול אפן רמבם. דער משפט.

דער רמבם. מאנאגראפיע.

פון לעטישן עפּאָס.

Hiršs Melameds

Kanaana un Ēģipte

Romāns

Izdevniecība „JAUNATNES GRĀMATA"
Rīgā, Kr. Barona ielā 61, dz. 17.